STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10852

DER AYNHAYTLEKHER YIDISHER OYSLEYG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער איינהייטלעכער יידישער אויסלייג

:אַדרעס פון ייוואָ
Żydowski Instytut Naukowy,
W. Pohulanka 18, Wilno.

Żydowski Instytut Naukowy. Serja: „Organizacja Nauki Żydowskiej", № 9. *Der ejnhajtlecher jidiŝer ojslejg* (Jednolita pisownia żydowska). Rozprawy i wnioski na konferencję ortograficzną Ż. I. N.
Zeszyt pierwszy

Yiddish Scientific Institute, Philological Section:
A Standard of Yiddish Spelling (Discussion; № 1).
P R I N T E D I N P O L A N D

Drukarnia B. Cjonsona i S-ka, Wilno, Trocka 13.
.דרוקעריי ב. ציאָנסאָן און קאָמפּ׳, ווילנע, טראָקער 13
Odbito w drukarni I. Notesa i S. Szwajlicha, Wilno, Wileńska 16

יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
כעריע „אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט“ נומער 9

דער איינהייטלעכער יידישער אויסלייג

מאַטעריאַלן און פּראָיעקטן
צו דער אָרטאָגראַפישער
קאָנפערענץ פון ייוואָ

ערשטע זאַמלונג

1930
ווילנע

באַמערקטע דרוק־גרײַזן:

זײַט	שורה פון אויבן	שטייט	דאַרף שטיין
38	23	mos	mōs
46	33	מה״ד i	iu
47	5	מה״ד i	î
54	11	שעכטן.	שעכטן; אויך די נעמען פון די אותיות.
55	32	מאָדערנע אינטערנאַציאָנאַלע	מאָדערנע פרעמד־
74	27	קאָמעץ	קמץ
84	2	פוזאַמען	צוזאַמען
„	„	אײַנגעבירגעט	אײַנגעבירגערט

מיט אַרויסגעבן די איצטיקע זאַמלונג הייבט זיך אָן אַ וויכטיקער נייַער עטאַפּ אין דער אַרבעט פון ייוואָ: ער טרעט צו צו באַפרידיקן פּראַקטישע באַדערפענישן פונעם יידישן קולטור־לעבן.

נאָך אויף דער פאָרבאַראַטונג וועגן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס איז פאָרגעקומען אין בערלין פון 7טן ביזן 12טן אויגוסט 1925, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן בייַ דער פילאָלאָגישער סעקציע אַ קאָמיסיע אויף אויסצואַרבעטן אַ פּראָיעקט פון אַן איינהייטלעכן יידישן אויסלייג. באַלד בייַ די ערשטע טריט אין דער אַרבעט פאַר אַ צענטראַלער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע האָבן די איניציאַטאָרן פאַרשטאַנען, אַז דער ייוואָ וועט דאַרפן שפּילן אַ טאָפּעלע ראָלע: פון איין זייַט פאָרשן דאָס יידישע לעבן אין אַלע זייַנע אַרויסווייַזונגען, פון דער אַנדערער זייַט נעמען אויף זיך די פונקציע פון אַ פּוסק אין יענע אַלע פראַגעס פון אונדזער קולטור, וואָס פאָדערן אַ נאָרמירונג. און איינע פון די וויכטיקסטע פּראַקטישע באַדערפענישן פון דער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך איז דאָך אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע.

די אַנטוויקלונג פון דעם ייוואָ פאַר די פאַרגאַנגענע 5 יאָר האָט באַוויזן, אַז דער געדאַנק איז געווען אַ ריכטיקער: ניטאָ אונטער די הייַנטיקע אומשטענדן פון אונדזער לעבן קיין צווייטע אינסטאַנץ, וואָס זאָל קענען נעמען אויף זיך צו רעגולירן דעם יידישן אויסלייג מיט אַזוינע שאַנסן אויף אַ גוטן רעזולטאַט ווי דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. דורך זייַן ביז־איצטיקער אַרבעט האָט ער געוווּנען די אָנערקענונג פון יענע אַלע קרייַזן, וואָס פאַר זיי איז אַן איינהייטלעכער יידישער אויסלייג אַ נויטווענדיקייט. מיר גייען דעריבער איצט צו דורכצופירן די אוניפיצירונג מיט דער זיכערקייט, אַז ווער עס איז באמת פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון יידיש ווי אַ קולטור־שפּראַך, דער וועט אַקצעפּטירן דעם קומעדיקן ייוואָ־אויסלייג און אים דורכפירן אין לעבן.

אין דער איצטיקער זאַמלונג זײַנען נאָך קיין תקנות ניטאָ, דאָ גייען בלויז פּראָ־יעקטן פון תקנות און באַטראַכטונגען וועגן די אַלגעמיינע יסודות פון אונדזער שרײַבן. אַן אָרטאָגראַפיע וואָס דאַרף אָנערקענט ווערן פון אַלעמען און איז אויסגערעכנט אויף אַ לענגערער צײַט קען ניט אײַנגעפירט ווערן איינס און צוויי, איידער מען האָט בפרטיות אַרומגערעדט און אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן יעטווידער פּרט.

דעם אַלגעמיינעם וועג פון דורכפירן די רעפאָרם האָט אָנגעוויזן די קאָנפערענץ פונעם ייוואָ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ווילנע דעם 24טן—27טן אָקטאָבער 1929. די פּרטים פון דורכפירן זײַנען באַשטימט געוואָרן מיט אַ יאָר שפּעטער, אויף דער זיצונג פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון ייוואָ, דעם 14טן און 15טן אָקטאָבער 1930.

אָט זײַנען די יסודות פון דער אָנגעמערקטער אויסלייג־אַרבעט.

אויסלייג איז ניט קיין ריין־וויסנשאַפטלעכער, נאָר אַ פּראַקטישער ענין. די פילאָלאָגן שאַפן זיך פון זייערע לינגוויסטישע צוועקן וועגן אַ באַזונדערן פאָנעטישן אַלעף־בייז — נאָר דאָס האָט ניט צו טון מיט דעם אַלגעמיינעם אויסלייג וואָס מען דאַרף ניצן אין טאָג־טעגלעכן געברויך פון דער פּרעסע, פון דער שול, פון דער ליטעראַטור און פון פּריוואַטן לעבן. דער דאָזיקער פּראַקטישער אויסלייג וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט באַשטימט ווערן פון פּראַקטיקער, גענומען אין אַכט פאַרשיידענע מאָטיוון פון פּראַקטישן לעבן.

עס איז אָבער פאַראַן איין טעם פאַרוואָס די מיטווירקונג פון וויסנשאַפטלער־פילאָלאָגן בײַם אײַנשטעלן דעם אויסלייג איז אומבאַדינגט נייטיק. זיי האָבן אַן איבערבליק איבער די באַציִונגען פון די איינציקע דיאַלעקטן צווישן זיך — קענען זיי פאַרהיטן, אַז אין די אויסלייג־תקנות זאָלן זיך ניט אַרײַנגנבֿענען קיין בפירושע אומגעלומפּערטקייטן און גרײַזן. זייער אויטאָריטעט דאַרף אויך גורם זײַן, אַז די אויסגעאַרבעטע אויסלייג־תקנות זאָלן פון אַלעמען אָנערקענט ווערן און מען זאָל זיי נעמען אָנווענדן אין שרײַבן און אין דרוקן.

ממילא איז די ראָלע פון דער פילאָלאָגישער וויסנשאַפט אין די אויסלייג־רעפאָרמען פון אַלע פעלקער מער אַן אָרגאַניזירנדיקע און אַ קאָנטראָלירנדיקע, איידער אַ פאָרשערישע.[1]

בכדי דורכצופירן די דאָזיקע יסודות אין לעבן האָט זיך דער ייוואָ אָנגעמערקט אַ פּראָגראַם, וואָס באַשטייט פון עטלעכע שטאַפּלען.

1. קודם־כּל דורכפירן אַ בפרטיותדיקע ברייטע דיסקוסיע, סײַ וועגן די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון אונדזער אויסלייג, סײַ וועגן פּרט־פּראַגעס. די ערשטע זאַמלונג דיסקוטיר־אַרטיקלען גיבן מיר דאָ איבער דער עפנטלעכקייט.

[1] דאָס איז דער טעם פאַרוואָס די איצטיקע זאַמלונג איז אַרײַנגענומען ניט צווישן די אויסגאַבעס פון דער פילאָלאָגישער סעקציע, נאָר אין דער סעריע „אָרגאַניזאַציע פון דער ייִדישער וויסנשאַפט".

ליידער זײַנען נאָך דאָ ניט פאַרטראָטן אַלע מחברים וואָס האָבן אונדז געהאַט צוגעזאָגט אַרטיקלען. ספּעציעל איז צו באַדויערן וואָס דאָ פעלט זלמן רייזען, וועלכער האָט אינעם ערשטן טייל פון זײַן „גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך" (ווילנע, 1920) געגעבן אַן אויספירלעכן קאָמענטאַר צו דער אַזוי גערופענער „נײַער" אָרטאָגראַפיע און האָט פאַקטיש געשאַפן דעם אויסלייג-קאָדעקס פון צווייטן שול-צוזאַמענפאָר אין פוילן[1].

מיר זײַנען אָבער זיכער, און דאָס איז טאַקע דער רעדאַקציעס בפירושע בקשה, אַז אַלע וועלכע האָבן געהאַט אין זינען צו שרײַבן פאַר דער איצטיקער זאַמלונג זאָלן זייערע אַרטיקלען באַלד אַרײַנשיקן פאַר דעם צווייטן בוך, וואָס דאַרף אַרויסגיין אָן איבעריקער פאַרזאַמונג.

מען בעט אויך אַלע לייענער וואָס האָבן עפּעס צו זאָגן וועגן אויסלייג-פראַגעס, זיי זאָלן אַרײַנשיקן זייערע באַמערקונגען צום ייוואָ. ספּעציעל אַפּעלירן מיר וועגן דעם צו מענטשן, וואָס שרײַבן איז פאַרבונדן מיט זייער פראָפעסיע: לערער, שריפטשטעלער, זשורנאַליסטן, קאָרעקטאָרן, זעצער אאַז"וו. יעטווידער אָנווײַז וועט אויסגענוצט ווערן, יעטווידער פּראַקטישע עצה וועט גענומען ווערן אין אַכט.

2. נאָך דער גרונטיקער שריפטלעכער דיסקוסיע וועט פאָרקומען אַן *אָרטאָגראַפישע קאָנפערענץ* מיטן אָנטייל פון אַלע פאַראינטערעסירטע קרייזן. דאָרט וועלן אַלע פאָרשלאָגן אַרומגערעדט ווערן און מ'וועט אָננעמען די געהעריקע רעזאָלוציעס.

די אויבנדערמאָנטע זיצונג פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג האָט שוין פעסטגעשטעלט דעם טערמין פאַר דער קאָנפערענץ אויך: זי דאַרף פאָרקומען ניט שפּעטער ווי פסח 1931.

3. נאָך דער קאָנפערענץ וועט קומען די *ענדגילטיקע אויסשטימונג, פאָרמולירונג און רעדאַקטירונג* דורך דער פילאָלאָגישער סעקציע פון ייוואָ. די דאָזיקע אַרבעט וועט ווידער דאַרפן צונעמען עטלעכע חדשים.

4. נאָך דעם ווי די פילסעקציע וועט פאַרענדיקן איר אַרבעט, וועט דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט *פּראָקלאַמירן די אָנגענומענע אויסלייג-תקנות*, און דערמיט וועט דער איינהייטלעכער אויסלייג אַרײַנטרעטן אין קראַפט. לויטן פּלאַן פון דער צענטפאַרוואַלטונג וועט די פּראָקלאַמירונג קענען פאָרקומען אין דער צווייטער העלפט 1931.

מיר זײַנען זיכער, אַז די דאָזיקע לאַנגע הכנות זײַנען ניט איבעריק. דאָרט ווו די אָרטאָגראַפיע קען ניט אײַנגעפירט ווערן דורך אַ רעגירונגס-

---

[1] זיין אַרטיקל, וואָס איז געווען צוגעזאָגט פאַר דער איצטיקער זאַמלונג, איז ליידער ניט פאַרטיק געוואָרן, מחמת ז. רייזען האָט די לעצטע 8 חדשים פאַרבראַכט אין אַן אָנגעשטרענגטער אָרגאַניזיר-אַרבעט פאַר דעם ייוואָ אין אַמעריקע.

דערקרעט און מוז זײַן געבויט אויף אַ הסכם, דאָרט מוזן אַלע מאָסגיביקע פֿאַקטאָרן האָבן די זיכערקייט, אַז די אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן בשלמות, מיט געוואָרנטקייט און ישוב־הדעת. נאָר יעמאָלט וועט מען קענען פֿאָדערן, אַז דער נײַער, דער איינהייטלעכער אויסלייג זאָל טאַקע אָנגענומען ווערן אומעטום ווו מען שרײַבט און מען דרוקט און מען לערנט יידיש.

די גייסטיקע אינטערעסן פֿון די יידישע פֿאָלקסמאַסן פֿאָדערן, אַז די אויס־לייג־פּראָגראַם פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט זאָל דורכגעפֿירט ווערן אין דער גאַנצער מאָס און אין די באַשלאָסענע טערמינען. מיט דער פֿולער זי־כערקייט ווענדן מיר זיך דעריבער נאָך מיטאַרבעט און מיטהילף צו אַלע וואָס ווילן אַרבעטן פֿאַר דעם אויפֿשטײַג פֿון דער יידישער קולטור.

ווילנע, נאָוועמבער 1930.

פֿילאָלאָגישע סעקציע פֿון יידישן
וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט
ד״ר מ. ווײַנרײַך,
וויסנשאַפֿטלעכער סעקרעטאַר

אינהאַלט

זייט

אַרײַנפיר V

1. ז. קלמנאָוויטש (ווילנע): צי איז מיגלעך אַ פאָנעטישער אויס־
לייג פאַר דער יידישער ליטעראַרישער שפּראַך? 3

2. ד״ר שלמה בירנבוים (האַמבורג): די יסודות פון יידישן
אויסלייג 18

(צוגאָב אויף ז׳ 86—87)

3. מ. ווײַנרײַך (ווילנע): פּראָיעקט פון אַן אײנהײטלעכן יידישן
אויסלייג 20

4. יעקב לעווין (ניו־יאָרק): אָרטאָגראַפישע נאָטיצן 66

5. ב. שלאָסבערג (ווילנע): דער יידישער אויסלייג אין ראַטנפאַרבאַנד. 72

6. אַלכּסנדר האַרקאַווי (ניו־יאָרק): עטלעכע באַמערקונגען וועגן
אויסלייג 85

7. יודל מאַרק (ריגע): וועגן אַ סיסטעם אָפּשטעלצייכנס 88

8. ט. גוטמאַן (בריסל): די אינטערפּונקציע אין דײַטש, ענגליש,
פּויליש און פראַנצויזיש 118

צי איז מיגלעך אַ פאָנעטישער אויסלייג פאַר דער יידישער ליטעראַרישער שפּראַך?

פון ז. קלמנאָוויטש (ווילנע)

1

עס איז, דוכט זיך, שוין פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז זינט עס האָט
זיך, מיט ב. באָראָכאָװס געבענטשטער איניציאַטיװע, אָנגעהויבן די תּקופה פון
רעפאָרמעס פאַר דער יידישער אָרטאָגראַפיע, האַלט דער פלאָנטער און די
ניט=זיכערקייט און די ניט=אויסגעשטימטקייט צווישן די וואָס שרייבן און דרוקן
יידיש אין איין שטייגן. פריער האָט אין דעם פריוואַטן פאַרקער פון בריוו=
שרייבערס געהערשט אַ שטיקל טראַדיציע פון די בריוונשטעלערס און פון די
ווייבערשע מלמדים און פון די „שרייבערס", נאָר על פּי רוב האָט זיך איט=
לעכער געשריבן, ווי עס האָט זיך אים אויסגעדוכט גלייכער און באַקוועמער—
און מען האָט מסתּמא מער ווייניקער איינער דעם אַנדערן פאַרשטאַנען: וו עס
איז ניט געווען גאָר קלאָר, האָט מען זיך אָנגעשטויסן, קיין „אויסגעהאַלטנקייט"
האָט קיינער ניט געמאָנט און געזוכט. פאַרן דרוק ווידער האָט זיך געהאַט
איינגעשטעלט כּמעט ווי אַ טראַדיציאָנעלע אָרטאָגראַפיע פון דער ערשטער
יידישער טאָג=צייטונג אין רוסלאַנד „דער פריינד" (אַמעריקע האָט זיך געהאַט
איר דרך). און דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך: האָט דאָך „דער פריינד" גע=
האָט אַ גרויסע צירקולאַציע, אַ טאָג=צייטונג ווירקט פּאַוואָליע און שטענדיק,
ווי טראָפּנס וואַסער אויף אַ שטיין, און איר אופן דרוקן האָט זיך געמוזט איינ=
קריצן אין זכּרון ביי אַלע לייענער, און ער האָט געמוזט ווערן באַטראַכט ווי
דער ריכטיקער, פּשוט ווייל מען האָט זיך צו אים צוגעוויינט (אין קיין שול
האָט דאָך קיינער די יידישע אָרטאָגראַפיע ניט געלערנט).

אין דעם דאָזיקן אויסלייג זיינען געווען אַ סך איבעריקע און אומגעלומ=
פּערטע זאַכן: מען האָט געשריבן מ ו ט ה, ט ה אַ ט; מען האָט געשריבן ש ט ע ד=
ט ע ל, ה י נ ד ט ע ל מיט דט; מען האָט אויסגעלייגט ל ע ג ע ן, ג ע ה ן, ב י י ן—
דריי פאַרשיידענע באַצייכענונגען פאַר דעם זעלבן ej/aj=קלאַנג; מען האָט
אַפילו געהייסן אויסלייגן „די ב י ה ן", הגם דאָ האָט מען זיך אַפילו ניט גע=

קענט פאַררופן אויפן דײַטשן מוסטער; נאָר אַזוי האָט געשריבן „דער פרײַנד", און די אַנדערע האָבן געפאָלגט.

אָבער די דאָזיקע „פרײַנדישע" טראַדיציע האָט זיך פּאָרט ניט אַרויסגע־ױיזן פאַר פעסט געװנג. קו־ם איז אַרויסגעזאָגט געװאָרן פון אַן אַװטאָריטעטער־פערזאָן — אַ שפּראַך־קענער, און אין אַן אַװטאָריטעטן אָרט: „דער פּנקס", די אײנציקע טריבונע פאַר יידיש־פאָרשונג אין די יאָרן פאַר דער מלחמה, די מײנונג, אַז די פון „פרײַנד" אײַנגעשטעלטע אָרטאָגראַפיע טויג ניט, אַז מען מוז זי רעפאָרמירן, — איז שוין כמעט בײַ קײנעם פון די אַקטיװע ליטעראַ־רישע טוער ניט געװען קײן ספק, אַז מען מוז טאַקע רעפאָרמירן (בפרט אַז „רעפאָרמע" סתם שמעקט דאָך שוין מיט „פּראָגרעס"). היות אָבער װי עס איז ניט געװען קײן געהעריקע אינסטיטוציע, װאָס זאָל די דאָזיקע רעפאָרמע דע־קרעטירן און דורכפירן, — האָט זיך געמוזט, לויט דער עצם טבע פון דער זאַך, אָנהײבן דער אמתער דור הפלגה.

װאָס איז שײך דער גרויסער מאַסע ברײט־שרײַבערס, האָט מסתמא די גאַנצע געשיכטע מיט דער רעפאָרמע זי ניט אָנגערירט: װי זי איז געװען מיט איר שװאַכער טראַדיציע, אַזוי האַלט זי זיך מיט איר עד היום (מער ניט אין דעם לפי ערך קלײנעם קרײַז מענטשן, װאָס האָבן געהאַט די זכיה דורכצו־מאַכן אַ נאָרמאַלע יידישע שול, קומט שוין מסתמא אויף אַ נײַע אָרטאָגראַ־פישע טראַדיציע, הגם זי איז געװיס געשטערט דורך דער הערשנדיקער רע־פאָרמאַטאָרישער מהומה). בנוגע אָבער דעם זידוק האָט זיך אָנגעהויבן ממש אַ געװעטעניש פון רעפאָרמעס. און מען מוז מודה זײַן, אַז לויט דעם איצטיקן מצב האָבן כמעט אַלע רעפאָרמערס דאָס פולע רעכט צו טון דאָס, װאָס זײ טוען. אַלע האָבן זײ די מיגלעכקײט צו באַגרינדן זײערע פאָרשלאָגן. מער ניט װאָס דען איז די צרה? איטלעכער װער עס האָט נאָר אַ שטיקל אײַנפאַל, קו־ם האָט ער די מיגלעכקײט צו זאָגן אַ דעה צי אין אַ רעדאַקציע צי אין אַ פאַרלאַג צי אין אַן אַנשטאַלט, װאַרט ער ניט לאַנג און פרעגט בײַ קײנעם ניט און איז באַלד מזכה די װעלט מיט זײַן אויפטו. די אַנדערע װידער — װער עס װיל, נעמט אָן, װער עס װיל ניט, — עקשנט זיך אײַן און בלײַבט בײַם אַלטן, אָדער לײגט פאַר זײַן אײגענע „רעפאָרמע" און פירט זי טאַקע תיכף ומיד דורך. אַמאָל מאַכט עס דעם אײַנדרוק, אַז מענטשן װילן ניט אַנדערש זײַן „רעפאָרמערס", אַז ניט װײַל דאָס אַלטע איז שלעכט אָדער דאָס נײַע איז בע־סער אָדער גרינגער, פירט מען דאָס אַרײַן, נײַערט נאָר װײַל דאָס איז נײַ. נאָר אויב נײַ, איז דאָך קײן שיעור ניטאָ. און אַן אַנדערש מאָל קאָן אויסדוכטן, אַז דער אָדער יענער װיל באַהעפטן זײַן „אָרטאָגראַפישע פערזענלעכקײט" אין אָט דעם תוהו ובוהו: אויב ראובן שרײַבט „גליקליך" און שמעון האַלט, אַז עס דאַרף זײַן „גליקלאַך", װיל לוי דװקא „גליקלעך". און היות װי דרוק־מיג־לעכקײטן אין יידיש האָבן זיך ב"ה פאַרמערט, און קאָמבינאַציעס מיט עטלעכע און צװאַנציק צײכנס קאָנען זײַן אין אַסטראָנאָמישע צאָלן, איז שוין ממילא

פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרװאָס װאַריאַציעס פֿון ײדישן רעפֿאָרמירטן אױסלײג האָבן קײן שיעור און קײן גרענעץ ניט.

2

באַקלערט מען אָבער דעם ענין פֿון אַן אַנדער זײַט, װערט הײפּש קשה: אין פּלוק איז דאָך די רעפֿאָרמע פֿון ײדישן אױסלײג, װאָס פֿאַר איר טאַטן מוז גערעכנט װערן דער פֿאַרשטאָרבענער ב. באָראָכאָװ, געבױט אױף אײן באַשטימטן פּרינציפּ. אַלע רעפֿאָרמערס — פֿון ב. באָראָכאָװן ביז דעם צװײטן שולצוזאַמענפֿאָר אין פּױלן און דער אָרטאָגראַפֿישער קאָנפֿערענץ פֿון ײש״אָ אין לעטלאַנד — זײַנען דאָך זיך סומך אױף אײן און דעם זעלביקן, אױף דעם „פֿאָנעטישן" פּרינציפּ. אױב יאָ אַזױ, איז דאָך טאַקע די האַרבע קשיה: פֿון װאַנען נעמט זיך דער װידעראַנאַנד און די מהומה? מען האָט דאָך געמעגט מײנען, אַז װיבאַלד דער פּרינציפּ איז אײנער און אין פּלוק זײער אַ פּשוטער און אַ גרינגער, װעט מען זיך גרינג קאָנען צונױפֿרעדן, און אײן רעפֿאָרמער װעט נאָר פֿאַרענדיקן דאָס, װאָס דער צװײטער האָט אָנגעהױבן, און עס װעט אײַנגעשטעלט װערן גאָר גיך אַן אײנהײטלעכע און אױסגעהאַלטענע אָרטאָגראַפֿיע. װי מיר װײסן, איז דאָס ניט געשען, מוז דאָך שױן ניט װילנדיק אױפֿקומען דער געדאַנק, אַז די מעשה איז ניט גאָר גלאַטיק. װאָרום אױב אַלע מיט אַנאַנד גײען אַרױס פֿון אײן און דעם זעלביקן פּרינציפּ און אַלע קומען צו פֿאַרשײדענע אױספֿירן, — איז מען לאָגישערװײַז מחױב משער צו זײַן אײנס פֿון די בײדע: אָדער אַז קײנער פֿון די רעפֿאָרמערס פֿאַרשטײט ניט דעם באַטײַט און עצם פֿון דעם פּרינציפּ, און אַלע װענדן אים אָן פֿאַלש, אָדער גיכער, אַז דער פּרינציפּ גופֿא טױג ניט, מען זאָל בױען אױף אים אַן אײנהײטלעכן, אױסגעהאַלטענעם אױסלײג פֿאַר דער ײדישער ליטעראַרישער שפּראַך, װיבאַלד ער לאָזט זיך אָנװענדן אױף אַזױפֿילערלײ אופֿנים. עס קאָן אָבער אױך געמאָלט זײַן בײדע זאַכן אין אײנעם: אי דער פּרינציפּ גופֿא איז ניט קײן ריכטיקער, גענױער קײן פּראַקטישער, פֿאַר אַ ניט־װיסנשאַפֿטלעכער אָרטאָגראַפֿיע, אי די רעפֿאָרמערס אונדזערע האָבן אַ פֿאַרקערטן מושג פֿון פֿאָנעטיק. מיר דוכט, אַז אױף דער פּראַקטיק פֿון דער רעפֿאָרמע איז דאָס ניט שװער צו באַװײַזן.

די רעפֿאָרמערס רעקאָמענדירן דעם „פֿאָנעטישן" פּרינציפּ פֿאַר אָרטאָגראַפֿיע דערפֿאַר, װײַל אַזאַ אָרטאָגראַפֿיע איז צום גרינגסטן זיך אױסצולערנען, און זי שפּאָרט אײַן אַ סך מי דעם לערער און שילער. זײער פֿאָנעטיש־אָרטאָגראַפֿישן פּרינציפּ פֿאָרמולירן זײ אין דעם קורצן באַפֿעל־זאַץ: „שרײַב װי דו רעדסט!" דאָס איז דער כּלל גדול אױף אױסצולערנען די אָרטאָגראַפֿישע תּורה אױף אײן פֿוס, און דאָס איבעריקע איז אױך אַ קאַטאָװעס זיך אױסצולערנען — ניט אין אַן ערך גרינגער, לױט זײער מײנונג, װי די כּללים פֿון

אַ טראַדיציאָנעלער אָרטאָגראַפיע. האָט אָבער די פּראַקטיק באַוויזן, אַז דאָס „איבעריקע" וואָס מען באַדאַרף נאָך צולערנען צום דערמאָנטן „פֿאָנעטישן" כּלל גדול איז אפשר ניט ווינציקער, ווי בײַ דעם פּשוטן ניט־רעפֿאָרמירטן יידישן אויסלייג.

וואָס איז דאָ די מעשה?

קודם־כּל איז דער זאַץ גופא פֿון די רעפֿאָרמערס „שרײַב ווי דו רעדסט", גענומען גענוי אין זײַן פּשוטן פּשט — אַן אומזין. עס איז דאָס אייגענע ווי מען וואָלט געזאָגט: „טאַנץ ווי דו זינגסט". רעדן און שרײַבן זײַנען פֿונקציעס פֿון צוויי פֿאַרשיידענע און אָפּגעזונדערטע סיסטעמעס. אין רעדן זײַנען באַטייליקט דער רייד־אַפּאַראַט מיטן געהער־אַפּאַראַט פֿון מענטשן, און שרײַבן — דער זע־אַפּאַראַט און דער באַוועג־אַפּאַראַט. דורכן רעדן ווערן געשאַפֿן געהער־בילדער, דורכן שרײַבן זע־בילדער. בכן, קאָן גאָר אין עצם ניט געשטעלט ווערן קיין גלײַך־צייכן צווישן דער גערעדטער שפּראַך און צווישן איר שאָטן־בילד אויפֿן פּאַפּיר. אין געוויסן זין אַ סך ווינציקער ווי צווישן אַ לעבעדיקן מענטשן און זײַן פֿאָטאָגראַפֿישן בילד.

מער זין קאָן האָבן דער זאַץ „שרײַב ווי דו רעדסט", ווען מען זאָל אים אויסטײַטשן מעטאָנימיש: צייכן אָן אויפֿן פּאַפּיר אַזעלכע שרײַב־צייכנס, אותיות, אַז איטלעכס מאָל, ווען דו, אָדער אַן אַנדערער וואָס קאָן לייענען די געהעריקע שפּראַך, נעמט אויף דאָס זע־בילד פֿון די צייכנס, זאָל אין אים, דורך דער אַסאָציאַציע פֿון גלײַכצײַטיקייט, אויפֿקומען דאָס זעלביקע קלאַנג־בילד, וואָס איז געווען אין דײַן גײַסט, בשעת דו האָסט די צייכנס געמאַכט. דאָ זעט מען שוין, אַז די פֿאָרמולע פֿון „פֿאָנעטישן" פּרינציפּ, אויב זי זאָל האָבן אַ זין, איז גאָר ניט אַזוי פּשוט און גרינג, ווי עס קאָן אויסדוכטן לויט די רייד פֿון די רעפֿאָרמערס. און נאָך אַ זאַך: זי קאָן דינען בעצם פֿאַר איטלעכער סיסטעם פֿון אָרטאָגראַפֿיע.

וואָרום דער זאַץ קאָן זײַן פּראַקטיש גילטיק נאָר דעמאָלט, ווען די אַסאָציאַציע צווישן קלאַנג־בילד און זע־בילד איז אַ שטענדיקע: איטלעך קלאַנג־בילד פֿאַרבונדן מיט זײַן געהעריקן זע־בילד. היות אָבער ווי עס איז ניטאָ קיין פּראַקטישער אַלף־בית, וואָס זאָל קאָנען באַצייכענען אַלע קלאַנגען, וואָס דער מענטש ברענגט אַרויס (און עס איז גאָר ניט נייטיק אויך), ממילא קאָן דער דאָזיקער כּלל גאָר ניט דינען פֿאַר אַ יסוד פֿון אַ פֿאָנעטישן אויסלייג. נאָר אין איין איינציקן פֿאַל קאָן דער דאָזיקער זאַץ דינען פֿאַר אַ מיטל מיט אַן אמת צו פֿאַרגרינגערן די טראַדיציאָנעלע אָרטאָגראַפֿיע: ער קאָן זײַן גוט פֿאַר אַ כּלל אויסצושליסן טאָפּעלע צייכנס פֿאַר איין קלאַנג, וואָס שטאַמען פֿון פֿאַרגאַנגענע סטאַדיעס פֿון דער שפּראַך־אַנטוויקלונג, ווי e און ѣ אין רוסיש, f און v אין דײַטש, ע ה און י ע אין דעם „פּרײַנדישן" יידישן אויסלייג, ט און ת, א און ע אין דעם העברעיִש פֿון הײַנטיקע אייראָפּעיִשע ייִדן. בנוגע צו דער גאַנצער סיסטעם פֿון אויסלייג זאָגט ער גאָרנישט. אויך די

איצטיקע ענגלישע און פראַנצױזישע אָרטאָגראַפיע איז ניט סותר דעם כּלל, אַפילו ניט די אַשורישע פּלעקל־שריפט. אױך די ענגלענדער „שרײַבן װי זײ רעדן". אױך די אַלטע שומערער און בבלים „האָבן געשריבן װי זײ האָבן גערעדט". עס האָט דעם פּנים װי אונדזערע „רעפאָרמערס" גלײבן, אַז צװישן קלאַנג און אות איז פאַראַן עפּעס אַ נײטעטנדיקער צונױפבונד, אַז עס איז כּלומרשט פאַראַן אַן אױסלײג־סיסטעם, װאָס איז דירעקט און אױף אַלע מאָל געדרונגען פון דער קלאַנגען־סיסטעם פון דער שפּראַך. דאָס איז אין דער אמתן די אילוזיע פון דעם בוך־מענטש, װאָס איז אײַנגעװײנט אין לײענען און שרײַבן, און אים דוכט זיך אױס, אַז לױט דער טבע פון קלאַנג פּאַסט אים דער געהעריקער צײכן אָדער די געהעריקע צײכן־גרופּע. אַזױ װי דער מיטעלער געבילדעטער רוסיש־לײענער, אַשטײגער, איז געװיס זיכער, אַז ש איז אַ פּשוטער קלאַנג, און דער דײַטש־לײענער איז זיכער, אַז ch צי sch איז אַ צוזאַמענגעזעצטער קלאַנג, און דער יידיש־לײענער מײנט, אַז צ איז אַ פּשוטער קלאַנג און פאַרשײדן פון ט ס, װאָס איז אַ צוזאַמענגעזעצטער קלאַנג.

פאָנעטיש שרײַבן מיט אַן אמת אױסגעהאַלטן װאָלט מען געקאָנט נאָר דעמאָלט, אױב מען װאָלט טאַקע געהאַט שטענדיק גרײט אַ גראַפישן צײכן פאַר איטלעכן קלאַנג. די לינגװיסטן צוליב זײער װיסנשאַפטלעכער אַרבעט שטרעבן דערצו — פאַר דער פאָנעטיק איז אױסגעאַרבעט אױפן יסוד פון לאַטײַנישן אַלף־בית אַ ספּעציעלער פאָנעטישער אַלף־בית, װאָס איז אָנגענומען כּמעט אינטערנאַציאָנאַל, צו טראַנסקריבירן אַלע מיגלעכע שפּראַכן[1]. פאַרשטײט זיך, אַז אַזאַ אַלף־בית קאָן זיך ניט באַגענוגן מיט די װעלטעכע און צװאַנציק צי מיט װעלטעכע און דרײַסיק צײכנס, װאָס עס פאַרמאָגן די נאַציאָנאַלע אַלף־ביתן. קײנער פון די דאָזיקע אַלף־ביתן איז ניט מסוגל אַפילו אין מינדסטן גראַד צו באַפרידיקן די פאָדערונג פון דער פאָנעטיק. און ממילא קאָן די פאָנעטיק גאָר ניט פאַרלאַנגען, אַז די אָרטאָגראַפיע פון פּראַקטישן לעבן זאָל זיך רעכענען מיט אירע כּללים. צו פיל װאָלט דער שילער, װאָס לערנט זיך שרײַבן, באַדאַרפט לערנען — עס װאָלט געװען אפשר שװערער װי אױסצולערנען די היעראָגליפן־שריפט. הײַנט װאָלט אַפילו פאַרן געניטן שרײַבער ניט מיגלעך געװען גאָר גיך צו שרײַבן: ער װאָלט זיך באַדאַרפט כּסדר אױפמערקזאַם צוהערן, װאָסערע קלאַנגען ער רעדט אַרױס.

בכן, דאַרף טאַקע די װיסנשאַפטלעכע פאָנעטיק זיך בעצם ניט אַרײַנמישן אין דעם ענין פון אײַנשטעלן אַן אָרטאָגראַפיע פאַר װאָסער עס איז שפּראַך. איר עובדא איז אָבער צו װאָרענען די פּראַקטיקער, זײ זאָלן ניט מײנען, אַז זײ שרײַבן „פאָנעטיש", און אַז װאָסער עס איז אױסלײג איז כּלומרשט

---

1 די פאָנעטיק האָט אױך אַנדערע מיטלען צו באַצײכענען די קלאַנגען — אָן אַלף־בית. נאָר דאָס גײט אונדז דאָ ניט אָן.

נעענטער צום פאָנעטישן פרינציפ, אײדער אַנדערע. װאָרום אױב די פראַקטי-
קער זײַנען דערין גענאַרט און װילן װערן „רעפאָרמערס”, מוז דאָס ברענגען צו
די רעזולטאַטן, װאָס מיר זעען איצט בײַם יידישן אױסלײג. די מהומה און
דער מישמאַש װעלן געדױערן אַזױ לאַנג, ביז עס װעט קומען די אַלגעמײן
אָנערקענטע געזעצגעבערישע אינסטיטוציע און װעט פסקענען: אַזױ און אַזױ
דאַרף דאָס זײַן, װײַל פשוט:

sic volo, sic jubeo.

דאָס דאַרף זײַן די אױפגאַבע פונעם יידישן װיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

3

זאָגן אָבער די רעפאָרמערס: מיר װײסן װױל, אַז מיר קאָנען זיך ניט נאָכיאָגן נאָך אַלע פײַנקײטן פון דער פאָנעטיק. אָבער דאָס באַדאַרפן מיר אױך ניט. מיר װילן זיך אָבער דערנעענטערן צו אַ פאָנעטישן אױסלײג.

װאָס הײסט אָבער ד ע ר נ ע ע נ ט ע ר ן זיך צום פאָנעטישן אױסלײג? װי-װעט מען דאָס באַשטימען דעם מהלך צװישן דעם טעאָרעטיש-פאָנעטישן און דעם פראַקטיש-פאָנעטישן? און װי אַזױ װעט מען דאָס פאַרפיקסירן, אַזױ אַז דער אָפשטאַנד זאָל בלײַבן דער גלײַכער — װאָרום נאָר אױף דעם אופן קאָן דער אױסלײג זײַן אַן אײנהײטלעכער און אױסגעהאַלטענער אָן צענדלינגער צי הונדערטער כללים? הײַנט װער זאָל דאָס זײַן דער באַשטימער פון דער פאָנע-טיק: טאַקע אַ געלערנטער, אַ געשולטער לינגװיסט, װאָס האָט זיך צוגעװײנט צו דערקענען קלאַנגען בײַ זיך אָדער אַנדערע אָדער דער מיטעלער אינטע-ליגענט אָדער גלײַכער דער פשוטער, װינציק געלערנטער מענטש? װאָרום בײַ איטלעכן פון די דאָזיקע קאַטעגאָריעס — שױן אָפגערעדט פון אינדיװידועלע אונטערשײדן — מוז זײַן אַן אַנדער פאָרשטעלונג װעגן קלאַנגען-באַשטאַנד פון דער שפראַך. בײַ די ײדישע פאַרהעלטענישן, װו גאָר װינציק מענטשן קריגן זײער שול-בילדונג אין ײדיש, װאָלט אין אַזאַ פאַל פראַקטיש געװען צו אָריענטירן זיך אױף דעם ײדן װאָס קאָן לײענען ײדיש, אָבער האָט זיך ניט געלערנט ספעציעל שרײַבן. בעצם אָט צו דעם ײדן װענדט זיך דער כלל גדול: „שרײַב װי דו רעדסט”. די „פאָנעטישע” אָרטאָגראַפיע באַדאַרף דאָן פאַרמאָגן די מעלה, װאָס מען פאַרשפאָרט זי כלומרשט לערנען.

אָבער אָט דער פרינציפ פאַר דער יידישער אָרטאָגראַפיע (און אױך פאַר אַנדערע אױף געװיסע סטאַדיעס פון פאָלקס-בילדונג) איז ניט קײן נײַער. דער גאָר פאַרצײַטיקער ײדישער אױסלײג איז געװען געבױט אױפן זעלביקן פרינציפ: „שרײַב װי דו רעדסט” — און ער האָט זיך טאַקע ניט געקאָנט דערשלאָגן צו קײן טאָלק. אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור איז ניט צו געפינען קײן אײן װערק, װו די אָרטאָגראַפיע זאָל זײַן אױסגעהאַלטן אַפילו אין אײן און

דער זײַלביקער שורה. דאָס איז דערפֿאַר, װײַל די שרײַבערס האָבן געשריבן „פֿאָנעטיש", דאָס הייסט, ניט לויט כּללים װאָס זיי האָבן זיך אין זיי אײַנגעניט פֿון יוגנט אויף אין אַ שול, נײַערט לויט אַן אומגעניטעם, כּוללדיקן אויפֿנעם פֿון די שפּראַך־קלאַנגען. אַן אויסגעהאַלטענער, „ריכטיקער" אויסלייג קאָן געבוים װערן נאָר אויף כּללים און מוז ניט אַנדערש געשטיצט װערן דורכן זכּרון. דורך אַ לענגערער געניטונג מוז זיך אײַנשטעלן אין „שרײַב־ און־לייענצענטער" פֿון אונדזער נשמה אַ שטענדיקע אַסאָציאַציע צװישן אַ באַשטימטן קלאַנג און אַ באַשטימטן צייכן אויפֿן פּאַפּיר: קוים נעמט דער זע־אַפּאַראַט אויף דעם צייכן ב, לאָמיר זאָגן, װערט דער רייד־אַפּאַראַט שוין מאָטאָריש פֿאַרטיק אַרויסצוזאָגן דעם קלאַנג b[1]; און פֿאַרקערט, װי נאָר דער הער־אַפּאַראַט פֿאַרנעמט דעם קלאַנג b, װערט דער זע־אַפּאַראַט אינערװירט צו זען דעם צייכן ב און דער באַװעג־אַפּאַראַט מאָטאָריש אײַנגעשטעלט אָנצוצייכענען די געהעריקע פֿיגור. דאָס קאָנען לייענען און שרײַבן איז דאָך נאָר אַ זאַך פֿון געװײנהייט און געניטונג. איינעם קומט דאָס אָן לײַכטער, אַ צװייטן קומט דאָס אָן שװערער זיך אויסצולערנען. אָבער לערנען זיך מוז מען דאָס — עס איז אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. פּונקט װי מען מוז זיך לערנען נייען צי אַרײַנקלאַפּן טשװעקעס אין פּאַדעשװע.

אָריענטירן זיך אין דער אָרטאָגראַפֿיע אויף דעם ניט־געניטן, צי װייניק געניטן — װאָס דאָס איז דאָך בעצם, װי געזאָגט, דער זין פֿון דער „פֿאָנעטישער" רעפֿאָרמע — קאָן לחלוטין ניט געבן קיין מאַסשטאַב פֿאַר אײַנשטעלן כּללים. אָט לאָמיר נעמען דעם פּשוטסטן בײַשפּיל: די קלאַנגען־גרופּע, װאָס מיר זײַנען געװוינט צו שרײַבן „האָט זיך". „פֿאָנעטיש" װאָלט מען אַזוי ניט געטאָרט שרײַבן, און ייִדן װאָס האָבן קיין מאָל קיין ייִדישן טעקסט ניט געלייענט, װאָלטן געשריבן איינע פֿון די װײַטערדיקע פֿאָרמען: האָציך, האָצאַך, האָצעך, האָטסיך, האָטסאַך, האָטסעך, און אויך: האָטצעך. און דער משכּיל יוסף פּערל האָט מיט 100 יאָר צוריק טאַקע אַזוי געשריבן[2]. ער האָט געשריבן אויך: ר א ה צ י ך (ער האָט זיך) און ר װ ע ט ס י ך (ער װעט זיך) און א י ס י ך (איז זיך)—און איז ניט עובר געװען אויפֿן פֿאָנעטישן פּרינציפּ. פֿאַרקערט, די װאָס שרײַבן: שרײַבן, גראָבן, קלאַפּן — זײַנען עובר אויף דעם כּלל פֿון פֿאָנעטיק, װאָרום ס'האָט געדאַרפֿט אויסזען: שרײַבם, גראָבם, קלאַפּם. און די קלאַנגען־גרופּע: inter—אין אונדזער איצטיקן ליטעראַרישן אויסלייג: א ו נ ט ע ר—מעג אַ קוטנער ייִד שרײַבן, אויב ער װיל שרײַבן „פֿאָנעטיש", אויף אַזעלכע אופֿנים: אונטער, אינטער, הונטער, הינטער (אויב ער װעט ניט אויסלייגן גאָר א י נ־

---

[1] די קלאַנגען װעל איך באַצייכענען דורך דעם פֿאָנעטישן אַלף־בית.

[2] זע יוסף פּערלס ייִדישע כּתבים, אַרויסגעגעבן פֿון י. װײַנלעז, ביבליאָטעק פֿון „ייִװ״אָ".

טאַ, הינטאַ). גראָד שרײַבן טאַקע אַ סך: „הינטער דער ערד“, און דער „פּאָנעטיקער“ האָט קײן רעכט ניט צו זאָגן, אַז זײ שרײַבן פֿאַלש.

אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ נומ׳ 19 און 21, 1930, האָט מ. געלענבערג אין אַן אַרטיקל „יידיש אויף די װאַרשעװער גאַסן“ אױפֿמערקזאַם געמאַכט אויף די פֿאַרגרײַזטע שרײַבונגען פֿון יידישע װערטער און פֿראַזעס אויף די שילדן. װאָס איז שײך די אָרטאָגראַפֿישע גרײַזן, מוז מען זאָגן, אַז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער פֿאָנעטישער אָרטאָגראַפֿיע קאָן מען צו די װאַרשעװער שילדן-מאָלער גאָרנישט האָבן, אויב זײ שרײַבן זאָפּ (זופּ), בוכער (ביכער), נאַלעפּקעס (נאַלעטקעס). דאָס נעמלעכע אַלע איבעריקע שרײַבונגען: זײ מײען זיך ערלעך צו זײַן „פֿאָנעטיש“. נאָר מצד אַן אָנגענומענער אָרטאָגראַפֿיע זײַנען גערעכט מ. געלענבערגס טענות, דער פֿאָנעטיקער אָבער װעט מיט דאַנק אָננעמען די אין יענעם אַרטיקל געגעבענע שרײַבונגען װי אַ גוטן מאַטעריאַל פֿאַר דעם װאַרשעװער דיאַלעקט.

נאָר דאָס איז ריכטיק: פֿאַר אַן אײַנגעשטעלטער אָרטאָגראַפֿיע קאָן מען פֿון אָט די פֿאָנעטיש שרײַבנדיקע פֿאָלקס-מענטשן, װי די װאַרשעװער שילדן-מאָלער זײַנען בלתי-ספק, גאָרנישט ניט אָפּלערנען. אָבער אויב מיר װענדן זיך צום אײבערשטן שפּיץ פֿון דער יידישער קולטור-פּיראַמידע, װעלן מיר אויך ניט געפֿינען קײן אָנטזײַזונגען נאָך אַ „פֿאָנעטישער“ שרײַבונג. איך מײן: בײַ די גרויסע יידישע שרײַבערס. זײ האָבן זיך איטלעכער (ממו״ס, שלום עליכם, פּרץ א״אַ) זײער אָרטאָגראַפֿיע (אין זײערע מאַנוסקריפּטן, פֿאַרשטײט זיך; אין זײערע געדרוקטע װערק געװעלטיקן די קאָרעקטאָרן), און זײ מײנען אויך, אַז זײ „שרײַבן װי זײ רעדן“. בפֿירוש קאָן איך דאָס קאָנסטאַטירן װעגן פּרצן. אין דער װילנער „יודישער װעלט“, רעד׳ ש. ניגער, 1913—1915, איז מען אין אײניקע פּרטים אָפּגעטראָטן פֿון דער אין „פֿרײַנד“ אָנגענומענער אָרטאָגראַפֿיע, מיטן מײן צו זײַן מער „פֿאָנעטיש“ — אַזוי, למשל, האָט מען גענומען דרוקן דעם פֿאָרשטעל באַ-, אָנשטאָט בע-. דריקט פּרץ אויס זײַן אומצופֿרידנקײט מיט אָט דעם נײַס אין אַ בריװ צו ש. ניגערן בזה הלשון: „אָבער װײסט איר, װער עס שרײַבט, למשל, באַשטעלען און נישט בעשטעלען? אַ טויבער, װאָס הערט ניט דעם אונטערשיעד פֿון קלאַנג, און דערבײַ אַ בלינדער, װאָס זעהט נישט, דאָס בײַ „בעשטעלען“ ריהרט מען קרים מיט די ליפּען און בײַ „באַשטעלען“ ענדערט מען זײ װי אַ שלײַען אויפֿן פֿיש-ברעטיל“...[1] אָט די בילדעריש פֿאָרמולירטע טענה קעגן דעם אָרטאָגראַפֿישן נײַס שטאַמט אויך... פֿון פֿאָנעטישע מאָטיװן: לויט פּרצן איז פֿאָנעטיש פֿאַלש צו שרײַבן באַ-, ריכטיק פֿאָנעטיש איז בע-.

הײסט דאָס, אַז מען מעג גאַנץ רויק אָננעמען, אַז אויב עס איז געבליבן

---

1 י. ל. פּרץ, בריװ און רעדעס, אַרויסגעגעבן פֿון נ. מײזיל, װילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין, 1929, ז׳ 219.

צו שרײַבן באַ־, און ניט בע־, איז דאָס ניט אױפן יסוד פון קלאַנג, װײַל עס קאָן בעצם טאַקע, לױטן פאָנעטישן געזעץ פון דער יידישער שפּראַך, אַז אין די ניט־אַקצענטירטע טראַפן איז דער װאָקאַל אַן אומבאַשטימטער, זײַן רעכט אי אַזױ אי אַזױ. אױב עס איז לױטן רעפאָרמירטן אױסלײג אײַנגעשטעלט צו שרײַבן: באַ־, גע־ (און ניט גי־), טראַף־אױס ־יק (און ניט ־יג) אאַז״װ אאַז״װ, איז דאָס נאָר אַן אָפּרייד, אַ הסכם, און בשום אופן ניט קײן רעזולטאַט פון פאָנעטישע פאָרשונגען. (אַגב, האָבן מיר ניט געהערט, אַז אַזעלכע זאָל מען װען עס איז האָבן געמאַכט צוליב דעם צװעק פון דער אָרטאָגראַפישער רעפאָרמע). אַזױ אַרום פאַלט בײַ אַ גענױער באַטראַכטונג אײַן דער גאַנצער בנין פון דעם „פאָנעטישן" אָדער „פאָנעטיזירנדיקן" אױסלײג, און עס בלײַבט אַן אָרטאָגראַפיע אַזױ גוט אָדער אַזױ שלעכט, װי איטלעכע אַנדערע. קײן אָביעקטיװע מאָס, װאָס זאָל װײַזן, װי װײַט זי דערנענטערט זיך צו אַ פאָנעטישן אױסלײג, איז ניט מיגלעך צו געפינען.

װאָלט איטלעכער װאָס שרײַבט יידיש גענױ געקענט די קלאַנגען פון זײַן אײגענעם דיאַלעקט און געװוּסט גענױ, װי אַזױ זײ אונטערשײדן זיך פון די געהעריקע קלאַנגען אין אַ צװײטן דיאַלעקט, װאָלט ער ניט געקאָנט שרײַבן פאָנעטיש, אױב ער װאָלט געװאָלט, עס זאָלן אים פאַרשטײן יידן פון פאַרשײדענע דיאַלעקטן. אין גרעסטן טײל פאַלן קען אָבער דער שרײַבער ניט גענױ די קלאַנגען פון זײַן אײגענעם דיאַלעקט, און אַפּשיטא שױן, אַז ער קען ניט די אַנדערע דיאַלעקטן, און ער באַמערקט גאָרניט, אַז בעת ער שרײַבט „פאָנעטיש", קאָן ער אַרױפפירן די רײדערס פון אַ צװײטן דיאַלעקט אױף אַ פאַלשן װעג. אַזױ מעג, למשל, אַ פױלישער ייד שרײַבן „ב ו כ ע ר" (בי־כער) אָדער „ק ע ר צ י ר" (קירצער) און מײנען, אַז ער איז יוצא אַנטקעגן אַלע יידן. און עס איז באַשטימט ניט קײן קלײנער קונץ אױסצושטימען אַזױ די אותיות, אַז זײ זאָלן פאַסן צו באַצײכענען די קאָרעלאַטיװע קלאַנגען פון די אײנציקע יידישע דיאַלעקטן, אַזױ אַז איטלעכער ייד זאָל שטעלן דעם אות װאָס באַצײכנט זײַן קלאַנג, און דער ייד פון צװײטן דיאַלעקט זאָל דערזען דעם אות און דערמאָנען זיך אָן דעם קלאַנג פון ז ײַ ן דיאַלעקט. די יידישע אָרטאָגראַפיע באַװײַזט דאָס אין אַ גרױסער מאָס, אָבער נאָר דערפאַר װײַל זי איז נ י ט פאָנעטיש.

4

מעג מען, הײסט דאָס, האַלטן פאַר דערװיזן, אַז בעצם האָט די „פאָנעטישע" אָדער „פאָנעטיזירנדיקע" אָרטאָגראַפיע ניט מער פאָנעטישקײט פון דער פריערדיקער, און דער לאָזונג פון „פאָנעטיזירן דעם יידישן אױסלײג" איז אַ פראַזע, װאָס לױט מײַן אײַנדרוק פאַרדעקט זי אַ װילן דװקא מחדש צו זײַן חידושים, צו מאַכן אַנטדעקונגען דאָרט, װוּ מען דאַרף דאָס ניט. װאָלט

דאָס אָבער ניט אויסגעמאַכט, װען די לערערס און די קאָרעקטאָרן — װאָס זיי זײַנען דאָך אַזױ צו זאָגן די עקזעקוטיװע מאַכט פֿון דער אָרטאָגראַפֿיע — װאָלטן געװוּסט, אַז בעצם איז קיין „פֿאָנעטיקע" אױף דער װעלט ניטאָ. װײַזן זיי דאָס אָבער ניט, מײנען זיי בתמימות, אַז זיי שרײַבן „פֿאָנעטיש". זייער פּסק אַחרון איז: „אַזױ זאָגט מען בײַ אונדז". דערפֿון אָבער קומט דאָך אַרױס דער פּלאָנ־טער, װאָס מיר האָבן איצט. דערפֿון נעמט זיך ניט נאָר דער ברוגז פֿון פּ׳ געלענבערג אױף די װאַרשעװער שילדן־מאָלערס, װאָס װעדליג מיר האָבן גע־זען, האָבן זיי אױף אַ האָר ניט עובר געװען אױפֿן פֿאָנעטישן דין, נײַערט דאָס איז אױך די סיבה, פֿאַרװאָס זיי, די קאָרעקטאָרן, זײַנען עובר אױפֿן דאָזיקן דין, בעת זיי מײנען, אַז זיי היטן אים אָפּ מיט אַלע דיקדוקים. אָט זײַנען עטלעכע בײַשפּילן.

אין די צײַטונגען קאָנט איר אָפֿט טרעפֿן דאָס װאָרט „אַ נ ט ג י ל ט י ק". פֿון װאַנען נעמט זיך דער „אַנט"? דער שרײַבער מײנט געװיס, אַז דאָס איז כשר פֿאָנעטיש. אָבער צי האָט װער עס איז געהערט אַרױסגערעדט דאָס װאָרט „ענד" פֿון „ענדגילטיק" װי ant ? זיכער ניט. אלא װאָס דען? דער שרײַבער װײס אַ כלל, אַז דאָרט װוּ אין דײַטש איז געשריבן nd טראַף־אױס, שרײַבט מען אין יידיש נט (הונט, װאַנט, האַנט וכדומה) — האָט ער שױן אָנשטאָט „ענדגילטיק" — ע נ ט ג י ל ט י ק; װײס ער אָבער װײַטער, אַז דער דײַטשער פֿאָרשטעל ent דאַרף יידיש זײַן אַנט (אַנטקעגן, אַנטלױפֿן, אַנטפֿאַלן וכדומה),— לױט אָט די צװיי כללים קומט דאָך אױס ריכטיק דאָס װאָרט „אַנטגילטיק". דאָס טשיקאַװע אָבער איז דערבײַ, אַז דער שרײַבער מײנט, אַז דאָס איז די „פֿאָנעטישע" שרײַבונג, און בײַ מהדרין פֿון יונגן דור, װאָס װילן אָפּהיטן די „ליטעראַרישע רײנקײט" פֿון יידיש, קאָנט איר שױן הערן אַמאָל אַרױסגערעדט: !antgiltik

אַ צװייטער קוריאָז. מען שרײַבט: „ער ר ע ק ט זיך אױף", „א ו י פ ג ע־ ר ע ק ט"—פֿאָנעטיש. אַז, פֿאַרװאָס אױפֿן זעלביקן סמך ניט: „שלאָקט, טראָקט, ליקט" וכדומה?—בלײַבט אַ קשיא. נאָר „רעקט" איז ריכטיק פֿאָנעטיש: דער הילכיקער g פֿאַרן ניט־הילכיקן t אַסימילירט זיך מיטן לעצטן, פֿאַרלירט זײַן הילכיקײט און װערט k. אָבער אונדזערע שרײַבער, װי באַלד זיי זײַנען שױן דערגאַנגען צום „ק", לאָזן זיי אים שױן ניט אָפּ, אַפֿילו דאָרט, װוּ ער איז פֿאָנעטיש פֿאַלש. זיי שרײַבן אױך: „א ו י פ ר ע ק ו נ ג, זיי ר ע ק ן זיך אױף" — דאָס איז שױן לױט אַנאַלאָגיע, לױט אַ כלל, לױטן זיכרון. פֿאָנעטיש װאָלט מען דאָך דאָ געדאַרפֿט שרײַבן: אױפֿרעגונג, אױפֿרעגן.

דאָס נעמלעכע איז אױך די שרײַבונג „ק ע ג נ ע ר". אַ װאָרט kegner האָט קײנער ניט געהערט פֿון אַ יידן אַ פֿאָלקס־מענטש, הגם ער זאָגט „אַנטקעגן" און „קעגן" צי „קײגן". דאָס װאָרט איז מסתּמא אַ נײַס, פֿון דער לעצטער פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכער טערמינאָלאָגיע, אַנטליען דירעקט פֿון הױך־דײַטש. נאָר יידן פֿאָלקס־מענטשן, װאָס געברױכן דאָס װאָרט, האָב איך געהערט, זאָגן

„געגענט" , מיטן סטאַראַבהאַקטי־װאָקאַל; בײַ זײ אַסאָציִירט זיך עס קענטיק מיט „באַגעגענען". די פּאָנעטיקער אָבער טײלן זיך ניט צוהערן, נאָר דרינגען אַ גזרה־שװה: װיבאַלד „קעגן", מוז שױן זײַן „אױסגעהאַלטן": „קעגנער". זײ פֿאָלגן אַ כּלל, בעת זײ מײנען צו זײַן פּאָנעטיש.

אָבער ניט נאָר פּראַקטיקער װערן געשטרױכלט אױפֿן „פּאָנעטישן" פּרינציפּ פֿון אױסלײג. אױך באמת פֿאַרדינסטפֿולע פֿילאָלאָגן קאָנען זיך ניט באַרימען מיט גרױסע ניצחונות אױף דעם געביט. ב. באָראָכאָװ איז דער ערשטער, װאָס האָט אָנגעהױבן רעפֿאָרמירן דעם יידישן אױסלײג „פּאָנעטיש" — אמת, מיט געװיסע באַגרענעצונגען, ניט גענוג קאָנסעקװענט, לױט זײַן אײגענער דערקלערונג. באָראָכאָװ איז געװען אַ געבילדעטער פֿילאָלאָג, באַקאַנט מיט די נײַע מעטאָדן פֿון לינגװיסטיק, אַ גאַנץ גוטער אַכטגעבער און אַ שאַרפֿער קאָפּ. און אָט שטעלט באָראָכאָװ צונױף אַ טאַבעלע פֿון די יידישע עלעמענטאַר־קלאַנגען (אין װילנער „פּנקס" תּרע"ג, אױסג׳ קלעצקין, ז׳ 73—74) און פֿאַרגעסט דערבײַ צו פֿאַרצײכענען, אַז אין יידיש (פּונקט װי אין דײַטש) קאָן אין געװיסע פֿאַלן דער קלאַנג m זײַן טראַפּבילדנדיק. למשל, אין די װערבן, װאָס זײער באַזע ענדיקט זיך אױף b, p, אַסימילירט זיך דער ענד־n צו m, און עס קומען אַרױס, אַשטײגער, אַזעלכע װערטער: hobm (האָבן), šraibm (שרײַבן), klapm (קלאַפּן). און פֿאַרגעסן האָט ער דאָס דערפֿאַר, װײַל אױך ער איז געװען געפֿאַנגען אין דעם שריפֿט־בילד און האָט דערפֿאַר ניט געקאָנט אין דעם פֿאַל דערלאַנגען צום קלאַנג־בילד, און צופֿעליק האָט אים קײנער דערױף ניט אױפֿמערקזאַם געמאַכט.

באַזונדערס טשיקאַװע און באַלערעװדיק איז אין דעם פּרט די געשיכטע מיט דעם אַזױ גערופֿענעם „שטומען אַלף". און איך װעל זיך אָפּשטעלן דערױף אַ ביסעלע גענױער. עס קאָן גאָר קײן ספֿק ניט זײַן, אַז אין יידיש איז פֿאַראַן אַ קלאַנג אַלף. איך טײַטש אױס בפֿירוש דעם קלאַנג, ניט דעם אות. אין די אײראָפּעיִשע אַלף־ביתן איז פֿאַר דעם קלאַנג קײן אות ניטאָ. אין פּאָנעטישן אַלף־בית װערט ער באַצײכנט דורך אַן אַפּאָסטראָף ’. באָראָכאָװ האָט דעם דאָזיקן קלאַנג אַרײַנגעשטעלט אין זײַן אױבן דערמאָנטער טאַבעלע, נאָר אין קאַנטיקע קלאַמערן: דערמיט איז ער אױסן געװען צו זאָגן, אַז דער קלאַנג איז פֿאַראַן נאָר אין העברעיִש, אין יידיש אָבער ניט. און אױף ז׳ 72, װו ער ברענגט אַ רשימה פֿון די יידישע עלעמענטאַר־קלאַנגען, איז דער אַלף טאַקע ניטאָ. דאָס איז אָבער אַ גרױסער טעות. דער דאָזיקער קלאַנג, „דער פֿעסטער אײַנזאַץ", װי ער הײסט אין דײַטש, עקסיסטירט בײַ יידן נאָך איצט, און זײ באַנוצן אים בײַם רעדן יידיש. דער אַלף, װאָס װערט געשריבן, אַשטײגער, אין די װערטער: „און, אין, אײן, אַלמער, אָרעם"..., איז לחלוטין ניט שטום, נײַערט ער װערט דײַטלעך אַרױסגערעדט פֿאַרן װאָקאַל. ער נעמט זיך דערפֿון, װאָס אײדער מיר הײבן אָן אַרױסרײדן דאָס װאָרט, זײַנען די שטימבענדער אײנגאַנצן פֿאַרמאַכט. אין דעם מאָמענט װי מיר עפֿענען זײ, רײַסט זיך די

לופט אַרויס דורכן שטים־שפּאַלט — דערהערט זיך אַ מין קנאַל אָדער אַ קנאַק.
ערשט דערנאָך טערט אַרויסגערעדט דער טאָקאַל; דעם אַלף גופא דאַרף מען
באַטראַכטן פאַר אַ קאָנסאָנאַנט אַזוי טי ב, ג, ד..., מער ניט טאָס ער איז
שטאַכער אַרטיקולירט. דער זעלבער אַלף־קלאַנג הערט זיך פאַרשטייט זיך אויך
פאַר a און o, און אויב מיר זאָלן אַ און אָ באַטראַכטן נאָר פאַר עקוויטאַ־
לענטן פון די טאָקאַלצייכנס a און o, טאָלטן מיר פּאָנעטיש געמוזט שרײַבן:
אאַלט, אאָדלער אאַז״ט.

ז. רייזען (אין זײַן גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך I, ז׳ 45) דער־
מאָנט אויך דעם קלאַנג א. עס איז אָבער ניט גענוי צו זאָגן, אַז „די אייראָ־
פּעער טייסן פון אים״. נאָר די פאָנעטיקער טייסן, אַז אַזאַ קלאַנג איז פאַראַן
אין דער שפּראַך. סתם אייראָפּעער חלומט זיך אַפילו ניט, אַז זיי פאַרמאָגן אַזאַ
קלאַנג. טו איז דער צייכן פאַר אים אין דער שריפט? און איז דען אַ חידוש,
אַז אַ פשוטער אייראָפּעער טייס ניט פון אַלף טאָס צו זאָגן, אַז בײַ אונדז
האָט אים אַזאַ חשובער לינגטיסט טי ב. באָראָכאָט פאַרזען? — אויך רייזען
דערמאָנט טײַטער גאָרנישט אין זײַן פאָנעטיק טעגן דעם קלאַנג ' אָדער אַלף
אין יידיש. מער ניט אויף ז׳ 126 רופט ער אָן דעם אַלף אין „און, אין, אויף
אאַז״ט" — „פּראָסטעטישער א״. דאָס זאָל, משמעות, באַטײַטן אַזוי גוט טי
„שטומער א״, ד״ה אַן איבעריקער צייכן, אָן אַ געהעריקן קלאַנג. האָט אָבער
דער טערמין „פּראָסטעטישער אַלף״ אין דער סעמיטישער גראַמאַטיק אַ גענויעם
טײַטש. ער באַטייט דעם אַלף, טאָס עס רעדן אַרויס די סעמיטן בײַם
אַרויסברעכן פון מויל פּרעמדטערטער, טאָס הייבן זיך אָן מיט צטיי קאָנסאָ־
נאַנטן. מיר קענען זאָגן גאַנץ פּרײַ: שטאָט, טראָג, בלום אאַז״ט. דער אַמאָלי־
קער ייד (און אַנדערע סעמיטן נאָך הײַנט) האָט דאָס ניט געקענט; בשעת ער
האָט באַדאַרפט אַרויסרעדן אַזעלכע גריכישע אָדער לאַטײַנישע טערטער, למשל
טי: xenia, stratia, spek!arion, האָט ער געמוזט מוסיף זײַן אַן אַלף (און
פאַרשטייט זיך, ניט קיין „שטומען״, נאָר מיט אַ טאָקאַל) און מאַכן פון איין
טראַף צטיי: אַכסניא, אַסטרטיא, אַספּקלריא. פּראָסטעטישער (צוגעשטעלטער)
אַלף הייסט ער דערפאַר, טײַל ער געהער ניט פון שורש אויס צום טאָרט אין
דער אָריגינאַל־שפּראַך, נאָר איז צוגעשטעלט געטאָרן דורך דעם פּרעמדשפּראַ־
כיקן. אַזוינער איז לחלוטין ניט דער אַלף אין „און, אין, אויף אאַז״ט" — ער
געהער דורכויס צום שורש אין דער אָריגינאַל־שפּראַך.

5

טאָס איז דאָס די מעשה, טאָס אונדזערע לינגטיסטן פאַרזעען דעם אַלף
אין יידיש? דאָס לאָזט זיך ניט אַנדערש דערקלערן טי דורך דעם, טאָס זיי
זײַנען אָריענטירט אויפן לאַטײַנישן אַלף־בית, טאָס פאַרמאָגט ניט קיין צייכן
פאַרן אַלף. באמת טאָלט אַזאַ צייכן אויך דאָרט גאַנץ גוט צו־ניץ געקומען.

אויך אייראָפּעיִשע שפּראַכן פאַרמאָגן דעם קלאַנג: דײַטש, רוסיש, פּויליש, אין אַ שטאַכערער מדרגה: ענגליש, פראַנצויזיש. אין דײַטש, רוסיש, יידיש איז דער אַלף פאַראַן טאָרט־אײַן אין אַלע טערטער, טאָס הייבן זיך ניט אָן מיט קיין אַנדער קאָנסאָנאַנט, בשעת די טערטער טערן אַרויסגערעדט נאָך אַ פּויזע. אָ. יעספּערסען[1] באַמערקט טעגן „פעסטן אײַנזאַץ": „דאָס רוב מענטשן פאַרהערן דעם דאָזיקן קלאַנג; קיים אָבער מאַכט עמעצער אויפמערקזאַם אויף אים, מוז מען אים ניט אַנדערש הערן". אין די עלעמענטאַר־גראַמאַטיקעס טערט געלערנט: טאָקאַלן קאָנען אַרויסגערעדט טערן אַליין, קאָנסאָנאַנטן אָבער נאָר מיט דער הילף פון טאָקאַלן. דער אמת אָבער איז גענוי פאַרקערט: אַלע קאָנסאָנאַנטן, דערין אויך אַלף, טערן אַרטיקולירט און אַרויסגעבראַכט זעלבשטענדיק, טאָקאַלן אָבער זײַנען די באַגלייטנדיקע טאָן־פאַרב פון די קאָנסאָנאַנטן. אָט דעם פאַקט באַצייכנט, אַזוי צו זאָגן, סימבאָליש־גראַפיש די העברעיִשע טראַנסקריפּציע: די קאָנסאָנאַנטן זײַנען באַצייכנט דורך אותיות, די טאָקאַלן דורך נקודות, פּינטעלעך און שטריכעלעך, אונטער און איבער די אותיות. מען קאָן קיין טראַף ניט אָנהייבן פון אַ טאָקאַל[2]. דאָס גראָד: איין מאָל אָנגעהויבן, קאָן שוין דער טאָקאַל, טי אַ מוזיקאַלישער טאָן, זיך ציִען, טי לאַנג עס קלעקט דער אָטעם. צום אָנהויב אָבער מוז דער ריידער אַרויסברענגען אַ טאָסער עס איז קאָנסאָנאַנט: o', bo, go[3]...

אויך טאָרט־אײַן האָבן מיר דעם אַלף־קלאַנג אָפטמאָלס, עפּ״י רוב דאָרט, טו עס זײַנען היסטאָריש צונויפגעזעצט אַ טאָרט מיט אַ פאָרשטעל. אין דײַטש: Erinnerung פאַרן i, Verein פאַרן ei, geerbt פאַרן e, Theater פאַרן a און אַ סך אַנדערע. רוסיש: паук — pa'uk, розыск — roz'isk. און פאַרשטייט זיך, אויך יידיש אין אַזעלכע טערטער, טי: ru'ik, toi'ik (אָפּצושיידן פון toig), na'iv, ma'is, (אָפּצושיידן פון maiz), asoci'irn. און דעריבער: אויב מען טיל שרײַבן יידיש פאָנעטיש, מוז מען שרײַבן: רואיק, טויאיק, נאַאיט, מאַאיס, אַסאָציאירן. די טאָס האָבן אין די פאַלן (טי דאָס איז געשען לויט דעם באַשלוס פון שול־צוזאַמענפאָר אין פּוילן) אויסגעמעקט דעם אַלף, זײַנען אָפּגעטראָטן פון פאָנעטישן פּרינציפּ. טאָלטן זיי דאָס געטאָן באַטוסטזיניקערהייט, מאַכט דאָס ניט אויס: איך האַלט טאַקע, אַז מען דאַרף גאָר ניט אײַנשטעלן די אָרטאָגראַפיע לויט אָט דעם פּרינציפּ. מאָדנע איז אָבער דאָס, טאָס די

1 Lehrbuch der Phonetik², p. 76.

2 לויטן תוך ווייס דעם דאָזיקן פאַקט ח. טשעמערינסקי אין „פנקס" ז' 54. זיינע פאַרמולירונגען אָבער זיינען געפּלאָנטערט און ניט גענוי. ריכטיק פאָרמולירט קאָן דאָס דער יידישער לעזער געפינען ביי ק. זשיטאָמירסקי, וויזועל־פאָנעטישע מעטאָדע, „די יודישע וועלט", 1913, אויגוסט, און אין זיינע: „מעטאָדישע אָנווייזונגען צו דער „נייער שול"".

3 דער אַפּאָסטראָף באַצייכנט דעם אַלף־קלאַנג.

„רעפאָרמערס“ זײַנען בײַ זיך געװען פּעװנע, אַז זײ פירן דורך קאָנסעקװענט דעם פאָנעטישן פּרינציפּ, און אַז ער באַפעלט דאָס זײ דעם דאָזיקן „שטומען אַלף“ אױסצומעקן. אין דער אמתן אָבער װײסן זײ ניט װאָס אָנצוהײבן מיט דעם אַלף נאָר דערפאַר, װײַל זײ זײַנען אים ניט געװײנט צו זען צװישן די שריפטבילדער פון יענע שפראַכן, װאָס אין זײ זײַנען זײ געװײנט צום מײנסט צו לײענען און צו שרײַבן. זײ מײנען, װיבאַלד ער איז אין דער שריפט ניטאָ, איז ער אױף דער װעלט ניטאָ. אין דער יידישער שריפט בלאָנדזשעט ער מער ניט אַרום װי אַ בר מינן; אַז ער איז אַ גאַנץ לעבעדיקער „גײַסט“ אױך בײַ יידיש רעדנדיקע, גײט זײ גאָר אױפן זינען ניט אַרױף. און װי גרינג איז דאָס געװאָר צו װערן. עס איז גענוג איבערצולײענען קלאָר און דײַטליך אײנס נאָכן אַנדערן די דרײַ װערטער: פאַוסט, קאַוטסקי, באַאומרואיקן — בכדי צו אַנטדעקן דעם אַלף. און לױטן פאָנעטישן פּרינציפּ דאַרפן די דרײַ װערטער װערן געשריבן אַזױ, װי זײ זײַנען געשריבן בײַ מיר; אין די ערשטע צװײ איז די קאָמבינאַציע אַו אַ דיפטאָנג — au, אין דריטן װאָרט אָבער שטײט די גרופּע באַאו פאַר צװײ טראַפן ba-'u.

עס איז פאַראַן נאָך אַ סיבה, פאַר װאָס דער אַלף דוכט זיך אױס צו זײַן אַ „שטומער“. ער דינט דאָך אױך, צוזאַמען מיט די נקודות פּתח און קמץ, צו באַצײכענען די װאָקאַלן a און o: באַ, באָ. אין די פאַלן איז ער טאַקע אַ „שטומער“, װאָרום ס'איז דאָך בעצם גענוג אױף צו באַצײכענען דעם װאָקאַל די נקודה (העברעיש באַהעלפט זיך דאָך גאַנץ גוט מיטן ניקוד), און גראָד אין איר ליגט דאָך דער שינוי. דעריבער דוכט זיך דעם שריפט־מענטשן, װאָס די זע־בילדער זײַנען בײַ אים די װיכטיקסטע צװישן אַלע שפראַך־געשעענישן, אַז אױב דער אַלף האָט ניט אונטער זיך ניט דעם קמץ און ניט דעם פּתח, איז ער אַ גאָרנישט.[1] אין דער אמתן אָבער איז דאָך, װעדליק איך האָב באַװיזן, ניט אַזױ: מיר האָבן אין אונדזער שפראַך דרײַ קלאַנגען: ʼ, a, o,—און האָבן אַנטקעגן זײ דרײַ גראַפישע צײכנס: א, אַ, אָ (מיר מעגן אָן שום ספּקות רעכענען דעם אות מיט זײַער נקודה אין געגעבענעם פאַל פאַר אײן גראַפישן צײכן).

נאָך אַלעמען אָבער, מוז איך װידער איבערחזרן, קאָן דאָך די שריפט אין דער פּראַקטיק ניט נאָכהאַלטן דער פאָנעטיק. חוץ די אױבן דערמאָנטע פאַקטן, מוז מען נאָך געדענקען, אַז ניט אַלע מאָל װערט אַפילו אין אײן און דעם זעלביקן װאָרט אַרױסגערעדט גלײַך יעטװידער קלאַנג. נאָר די געדרוקטע אותיות זײַנען שטענדיק גלײַך. בײַם קלאַנג איז אַ סך געװענדט אָן די אַרומיקע

1 מער ניט אין צװײ פאַלן פון דעם יידישן עלטערן אױסלײג איז דער אלף מיט אַן אמת אַ שטומער, ד״ה אַ גראַפישער צײכן אָן אַ געהעריקן קלאַנג־בילד. דאָס איז 1) דער ענד־אלף אין די װערטער: ד י א, װ י א וכדומה; 2) אין: װ א ו, װ א ו נ ד ע ר אאז״װ, װו מען שטעלט אַרײַן דעם אַלף, װײַל עס דוכט זיך אױס מאָדנע צו שטעלן דרײַ װאָװן נאָך אַנאַנד.

קלאַנגען, אויך אָן דעם ריידער. אינדיווידועלע אונטערשיידן אין דער אַרטיקולאַציע פון די קלאַנגען זײַנען פֿאַראַן אָן אַ צאָל. אויך דער אָרט אין זאַץ, וואָס דאָס וואָרט פֿאַרנעמט, די שטאַרקייט פון קול, דער אָטעם-דרוק, דער טאָן פון גאַנצן רעדן — דאָס אַלץ ווירקט אויף דער אויספורעמונג פון קלאַנג. קאָן טאַקע דער אַלף-קלאַנג אין געוויסע פֿאַלן פֿאַרשווינדן, ער קאָן אויך איבערגיין אין אַ j. דערצו עטלעכע בײַשפּילן. מען שרײַבט: „מײַן אייגענער“. דאָס קאָן אַרויסגערעדט ווערן: main ’eigener, באַזונדערס דעמאָלט, ווען אויף דעם וואָרט „אייגענער“ פֿאַלט אַ שטאַרקערער דרוק; עס קאָן אָבער אויך אין רויִקן שטראָם פון רעדן ווערן אַרויסגערעדט mai-neigener. אין לעצטן פֿאַל איז דער אַלף ניט געוואָרן, דער וואָקאַל האָט גענומען קלינגען גלײַך נאָכן n. אָדער: „דאָס איז“ קאָן אַרויסגערעדט ווערן: dos ’iż און do-siz. „פֿאַראיינס“ קאָן קלינגען: far’eins און fa-reins; אַן אַרבעס — a narbes; פּויִלישע זאָגן: ba-ninz (בײַ-ן-אונדז). אָנשטאָט nai’inke (נײַאינקע) זאָגן טייל ייִדן: naijinke, na’inke אָדער najinke; אָנשטאָט fei’ik — feijik, אָנשטאָט ru’ik — rujik, אָנשטאָט erci’ung — ercijung. אויב מען זאָל וועלן שרײַבן פֿאָנעטיש די אָקאָרשט געבראַכטע ווערטער אָן דעם אַלף-קלאַנג לויטן ייִדישן אויסלייג, וואָלט מען זיי באַדאַרפֿט (אָנגענומען דעם י = j און דעם יִ = i) שרײַבן אַזוי: נײַייִנקע אָדער נאַייִנקע, פֿייִיִק, רויִיק, ערצייִונג. אָט די דאָזיקע פֿאָנעטישע שרײַבונג האָט ביז איצט קיינער ניט פֿאָרגעשלאָגן. די שרײַבונג: נײַיִנקע, פֿעיִק, רויִק, ערציִונג איז בכל אופן ניט פֿאָנעטיש.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך איך האָב ניט בדעה די דאָזיקע שרײַבונג פֿאָרצולייגן פֿאַר דער פּראַקטיק. וואָרום ווער קאָן פּסקענען, אַז דער דין איז, ווי די ייִדן, וואָס האָבן דעם אַלף אַסימילירט צו j, און ניט ווי יענע, וואָס האָבן דעם אַלף אײַנגעהיט. מײַן אייניציקע כּוונה איז געווען נאָר אויפֿצווײַזן, אַז דער פֿאָנעטישער פּרינציפּ קאָן ניט דינען פֿאַר אַ יסוד פון אַן איינהייטלעכער אָרטאָגראַפֿיע, און אַז די וואָס מיינען, אַז יאָ, לעבן די גאַנצע צײַט אין אַ טעות. דער אייניציקער וועג אײַנצושטעלן אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפֿיע איז דער הסכּם.

לאָמיר האָפֿן, אַז דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, וואָס האָט זיך לויטן באַשלוס פון דער אָקטאָבערדיקער קאָנפֿערענץ 1929 פֿאַרנומען מיט דעם ענין אָרטאָגראַפֿיע, וועט דערפֿירן די זאַך צו אַ גמר, און אויב ניט קיין פֿאָנעטישן, איז אַן איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג וועט ער שאַפֿן.

די יְסוֹדוֹת פון יִידישן אויס־לֵייג

פון ד"ר שלמה בירנבוים (האַמבורג)

פִיר יְסוֹדוֹת דאַרף מין האָבן אין זינען, בְּשעת מי נעמט זעך אויס צו בעסערן דעם אויס־לֵייג פון יִידיש. אט זענען זֵיי: דער אינטערדיאַלעקטישער, דער פאנעטישער, דער היסטארישער און דער עטימאלאגישער.

זֵיי אַלי האט מין פאַרבויגן, ווען מי האט איינגעפִירט דעם דײַטשמערישן אויס־לֵייג. דער־עיקר דעם היסטארישן און פאנעטישן יְסוֹד. דער אינטערדיאַלעקטישער איז פרִיער אויך ניט אָפּ־גיהִיט גיווארן.

די אויסבעסערונגען אין די לעצטי פופצן יאָרן האבן גיהאַט בְּדֵיעה, אַרויס צו שטופּן דעם דײַטשמעריזם. נאר מ־איז ניט דערגאַנגען ביז צו זײַני ווארצלין, און דער נײַער אויס־לֵייג איז נאך אַלץ אַ דײַטשמערישער, כאטש ווײַניקער אַ ביסל. ניטאָ איז דאָס ארט, צו רעדן וועגן די סיבות דערפון.

צולִיבן אינטערדיאַלעקטישן יְסוֹד ווערט אין הײַנטיקן אויס־לֵייג ניט גינוג גיטון, דאָס גרעסטי רוב פון די יִידיש־רעדערס האט ניט קיין מעגלעכקײַט, צו גיפינען אינים אויס־לֵייג דעם חילוק פון זײַן אָ ביז זײַן אַ [אָדער — אדער], פון זײַני לאַנגי ביז זײַני קורצי תנועות [וואָס — וואָס, אַ ווארט — גיווארן, ס־איז האַרט — ער האַרט, די רוט — ער רוט, כ־בין — די בִין, אויס־וועפּן — אויס־וועבן].

דער פאנעטישער יְסוֹד איז כִּמְעַט דער איינציקער, וואָס מ־האט גיקוקט דערויף בײַם אויס־בעסערן דעם אויס־לֵייג. ס־איז אבער גיבליבן זײַער אַ סך נאך צו טון. מי דאַרף אָן־ווײַזן דעם חילוק פון די קלאַנגען ו און וּ [שונא — שוֹנאים], וי און וִי [טויב (וועגן הערן) און טויב (טײַבל)], יי און יֵי [דער ווײַן — כ־ווײן], י, ע און עָ [וואָגלין — וואָגלער — קנײדלעך].

וועגן היסטארישן יְסוֹד האט מין לַחלוטין ניט גיקלערט. מ־האט זעך ניט אום־גיקערט צום אַלטן יִידישן אויס־לֵייג, כְּדֵי ווײַטער צו בויאין אויף אִים, נאר מ־האט גיאַרביט אויפן מַשְׂכִּילישן אויסלֵייג.

מ־האט אַרויס־גיווארפן די נְקודות. דאָס איז זײַער ווײַט פון פראַקטיש. מ־האט אַרויס־גישטופּט די שטומי אַלף צווישן דרײַ וָואוון אדער יודין,

כאטש דאָס איז אַ נייטיקי זאַך, בפרט אַז מ־האט שוין ניט קיין נְקודות.

מ־האט זעך ניט אום־גיקעֶרט צו דער פרייערדיקער יוד, אויף איבער צו געֶבן אַ שוָוא־קלאַנג, כאטש דער דאזיקער שרײַב־אופן האט נאך גילעֶבט אין פאלק — ער איז דאך נאך הײַנט אַפילו ניט גישטארבן — און מ־האט זעך פָשוט גיהאַלטן בײַ דער דײַטשמערישער, דײַטשער „ע".

מ־האט ניט גיטראַכט דערפון, אַז דער אַלטער אויס־לייג פון לָשון־קודש און פון לָשון־קודשן עלימענט אין יידיש ניצט וואָס מעֶר מָלא [וויכוח, ייחוס, אֵיבר]. ניין, מי שרײַבט עַד־הַיום וואָס מעֶר חָסר, אויפ־ן מַשְׂכּילישן אופן.

מ־האט זעך גאָר ניט אָפּ־גילעֶרנט דערפון, אַז אַמאָל פלעֶג מין צוטיילן אַווארט אויף עלימענטן. פאַרקעֶרט, מי פאָרט הײַנט צונויף אין שרײַבן דרײַ, פיר ווערטער אַפילו, אָן אַ סימן פון אַנ־אָפּ־שייד און אַנ־אָפּ־שטעל. מ־האט איבער־גינומין די אייראָפּעֶאישי אָפּ־שטעל־צייכנס, גלײַך די דאזיקי שיטה וואלט שוין גיוועֶן די העכסטי מַדרֵיגה פון וויסנשאַפט, און אַזוי ווײַטער.

דער עטימאלאגישער יְסוד ווײַזט זעך דער־עיקר אַרויס בײַם שרײַבן הילעכיקי קאנסאנאַנטן, בִשעַת מי רעט אַרויס ניט־הילעכיקי: „לעֶבט, וואַרגט" שטאָטס „לעֶפּט, וואַרקט". — אַגב אורחא: אַז מי שרײַבט „כ־לעֶב, באַרג", טוט מין דאָס צוליב דעם אינטערדיאַלעקטישן יְסוד. — דער עטימאלאגישער יְסוד פאַרנעמט ניט קיין סַך ארט, און ס־וואלט גאַנץ גוט גיוועֶן, זעך נאך מעֶר אָפּ צו זאָגן פון אים לְטובת דעם פאנעטישן.

אין די עטלעכי שורות האב איך נאר גיקענט דערמאַנין די עיקר־חסרונות פונים הײַנטיקן אויס־לייג, וואָס דאַרפן האָבן אַ תיקון.

אויב עֶמיצער וואלט גיטַענית, אַז דאָס אַלץ וואלט צו שטאַרק קאמפּלי־צירט דעם אויס־לייג, וואלט איך אים פָּשוט גיענפערט: אַלי קינדער לעֶרינין זעך אויס, צו העֶרן און אַרויס צו רעדן די אַלי קלאַנגין, קענין זיי פונקט אַזוי זעך אויס־לעֶרינין, איבער צו געֶבן זיי אין שרײַבן. אַדרַבא, הײַנט איז די קינ־דער טויזנט מאָל שווערער. זיי דאַרפן זעך דאך אויס־לעֶרינין אָן אַ שִיעור כּללים און פרָטים, וואָס זענין סותר דאָס, וואָס זייערי אויערן העֶרן און וואָס זייערי מײַלער רעדן אַרויס.

(זע צוגאָב ז׳ 86 - 87)

פּראָיעקט פֿון אַן אײנהײטלעכן יידישן אויסלײג

פֿון מ. װ ײַ נ ר ײַ ך (װילנע)

I. פֿאָרבאַמערקונגען

1. אַדאַנק דעם װאָס מען האָט העכער אַ צענדלינג יאָר אַזוי פֿיל געשריבן און גערעדט בײַ אונדז װעגן אָרטאָגראַפֿיע, האָט זיך געשאַפֿן בײַם עולם דער אײַנדרוק, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַן ערשטקלאַסיקער פּראָבלעם פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגיע. אַנטקעגן דעם מוז געזאָגט װערן באַלד פֿון אָנהײב: א) אָרטאָגראַפֿיע איז בעצם ניט קײן פֿילאָלאָגישע פּראָבלעם; ב) מען דאַרף דעם באַטײַט פֿון דער פּראָבלעם בכלל ניט איבערטרײַבן. אָט זײַנען ראַיות אויף די בײדע טעזיסן.

2. מיר װעלן אַנאַליזירן די שרײַבונגען ג ע ה ן, ג ע י ן אָדער ג ײ י ן. פֿאַרװאָס האָט מען נאָך באָראָכאָװן פֿאַרבראַקירט די ע ה-שרײַבונג? װײַל דער דיפֿטאָנג צװישן די קאָנסאָנאַנטן ג—ן קלינגט אין מזרח-יידיש ej, אין מיטל-יידיש aj, ד"ה ער איז אידענטיש מיטן דיפֿטאָנג אין אַזױנע װערטער װי מ ײ נ ע ן, א ײ, ק ל ײ ן אאַז"װ. היות מיר שרײַבן אין די אַלע װערטער צװײ יודן, איז ניטאָ קײן שום גרונד פֿאַר $g\frac{ej}{aj}n$ צו מאַכן אַן אויסנאַם. דאָס אײגענע איז אויך ל ײ ג ן, ב ײ ז, ש ײ ן אאַז"װ, װו דער עלטערער אויסלײג פֿלעגט שרײַבן ע ה אָדער ע.

אָבער צי זײַנען דאָס געװען װיסנשאַפֿטלעכע מאָטיװן, װען מיר האָבן געפּסקנט, אַז דעם קלאַנג aj/ej זאָל מען אומעטום שרײַבן מיט אײן צײכן (ײ) אָנשטאָט מיט דרײַ פֿאַרשײדענע (ײ, עה, ע)? נײן, דאָס איז געװען דער פּראַקטישער מאָטיװ פֿון צװעקמעסיקײט: ס'איז ניט כּדאַי צו האָבן דרײַ צײכנס װען מען קען זיך באַגײן מיט אײנעם.

דאָס אײגענע איז מיט דער שרײַבונג ה אַ ש אָ ר ע אָדער ה ש ע ר ה. װיסנשאַפֿטלעך איז אײנס װי אַזוי מען לײגט דאָס אויס, דאָס לעבעדיקע װאָרט גופא בײַט זיך ניט דערפֿון. מערניט דער אָנהענגער פֿון ה אַ ש אָ ר ע מײנט, אַז עס איז ג ר י נ ג ע ר אויסצולערנען שרײַבן אויף דעם װעג װי ער

לײגט פאָר; און דער געגנער פון דער רעפאָרם האָט זיך זײַנע אַרגומענטן פון אַן אַנדער מין צװעקמעסיקײט (דער עולם איז שױן אײַנגעװײנט אַזױ צו שרײַבן, מען טאָר ניט אָפּרײַסן די העבֿרעיִזמען אין יידיש פון זײער מקור אאַז"ו — אַלץ ניט קײן װיסנשאַפטלעכע קאַטעגאָריעס).

דער אױספיר: אָרטאָגראַפיע איז אַ פראַגע פון פּראַק־טישקײט, פון צװעקמעסיקײט, ניט פון שפּראַכװיסנשאַפט.

3. מען דאַרף אױך דעם באַטײַט פון דער פּראָבלעם ניט איבערטרײַבן. אין דײַטשלאַנד האָט מען זיך געמאַטערט אַרום רעגולירן דעם אױסלײג פון אַרום 1850 ביז 1901. װען קאָנראַד דודען, דער שפּעטערדיקער קאָדיפיקאַטאָר פון די דײַטשע אױסלײג־כּללים, האָט אין יאָר 1876 אַרױסגעגעבן אַ ביכל רעפאָרם־פאָרשלאָגן, האָט ער געמוזט אָנהײבן זײַן באַטראַכטונג מיט אַ רעזיגנירטער פעסטשטעלונג: es hat ja jeder seine eigene Rechtschreibung. אַפילו בײַ הײַנטיקן טאָג, נאָך 30 יאָר „אײניקונג" צװישן אַלע דײַטש־רעדנדיקע מלוכות (דײַטשלאַנד, עסטרײַך, שװײץ), זײַנען נאָך פאַראַן דיפערענצן אין דײַטשן אױסלײג, אַחוץ װאָס עס עקסיסטירט אַ פאַראײן פאַר רעפאָרמירן ראַדיקאַל די שרײַבונג (אַרױסװאַרפן די גרױסהאַנטיקע אותיות, אַרױסװאַרפן די לענגונג־צײכנס e און h אאַז"ו). צי װעט עמעצער זאָגן, אַז די אַנטװיקלונג פון דער דײַטשער שפּראַך און ליטעראַטור האָט זיך פיל־װײניק פאַרהאַלטן צוליב די אָנאױפהערדיקע אָרטאָגראַפישע װײען?

4. און פונדעסטװעגן, נאָך די אַלע באַגרענעצונגען און נאָך אַלע ריכטיקע אָנװײַזן אױף דער „צרת רבים", איז די רעגולירונג פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע פאָרט אַן ערנצטע און װיכטיקע פראַגע. עס איז ערשטנס אין די אינטערעסן פון די קינדער, װאָס לערנען זיך איצט שרײַבן, אַז עס זאָלן זיך ניט פּלאָנטערן אין זײער אױג און זכּרון די פאַרשײדנסטע אױסלײ־גענישן פון דעם נעמלעכן װאָרט; עס איז װײַטער אין די אינטערעסן פון יידיש אַלס קולטור־שפּראַך, אַז אומעטום װו מען שרײַבט און מען דרוקט יידיש זאָל מען דאָס טון אױף אײן אײנהײטלעכן שטײגער.

5. די ראָלע פון דער פילאָלאָגיע אין אײַנשטעלן אַן אָרטאָגראַפיע קען און דאַרף זײַן נאָר אַ באַהילפיקע. מ. װײַנגערס ע"ה פאָרמולירונג[1], אַז „אָרטאָגראַפיע איז דער פּראַקטישער טײל פון דער שפּראַכװיסנשאַפט" איז לחלוטין פאַלש. דער אָנטײל פון דער פילאָלאָגישער װיסנשאַפט קען זיך אױס־דריקן נאָר אין צװײ זאַכן: א) אױסשטימען (װי װײַט דאָס איז מיגלעך) די אינטערעסן פון די פאַרשײדענע דיאַלעקטן; ב) ניט דערלאָזן קײן שרײַבונגען

---

1 Dr. Konrad Duden. Die Zukunftsorthographie. Leipzig, 1876.

2 מ. װײנגער, שפּראַכװיסנשאַפט און אױסלײג, אין „יידישע אָרטאָגראַפיע", קיעװ 1928, ז' 27.

װאָס זײַנען בפירוש פֿאַלש (אַשטײגער „אַנטגילטיק", „אױפֿרעקונג"). דערצו קומט צו אַ דריטע זאַך: מיט איר אױטאָריטעט דאַרף די פֿילאָלאָגישע װיסנשאַפֿט אױספּועלן פֿאַר דעם דעקרעטירטן אױסלײג די אַלגעמײַנע אָנערקענונג.

6. איך װעל דאָ פּרוּװן פֿאָרמולירן 5 פּרינציפּן פֿון ייִדישן אױסלײג.

א. דער ייִדישער אױסלײג דאַרף זײַן אַן אײנהײטלעכער; ער דאַרף זײַן אָנגענומען װי װײַט מיגלעך אומעטום װוּ ייִדיש װערט גענוצט אין שריפֿט און דרוק.

ב. דער אױסלײג דאַרף זײַן װי װײַט מיגלעך אַן אײנפֿאַכער: אױף װיפֿיל עס זײַנען ניטאָ קײן קעגן־מאָטיװן, דאַרף בײַ צװײ אױסלײג־פֿאָרשלאָגן אױסגעקליבן װערן דער מער אײנפֿאַכער.

ג. דער אױסלײג דאַרף זײַן װי װײַט מיגלעך אַן אױסגעהאַלטענער: דעם זעלבן קלאַנג אין פֿאַרשײדענע װערטער דאַרף מען אױסלײגן אױף דעם זעלבן אופֿן, סײַדן עס זײַנען פֿאַראַן קעגן־מאָטיװן.

ד. דער אײנהײטלעכער אױסלײג דאַרף װי װײַט מיגלעך װײניק אַװעקגײן פֿון דעם איצטיקן שריפֿטבילד: װאָס װײניקער שינוּיים, אַלץ בעסער.

ה. מען דאַרף דעם אײנהײטלעכן אױסלײג מאַכן װי װײַט מיגלעך סטאַביל: װאָס זעלטענער שינוּיים, אַלץ בעסער.

7. אין פֿאַרשײדענע אָרטאָגראַפֿישע באַטראַכטונגען געפֿינט מען אָפֿטמאָל אַרײַנגעמישט פֿראַגעס פֿון װאָרט־אָפּקלײַב און אַפֿילו פֿון סטיל. דאָס איז אַ פֿאַלשער גאַנג.

גלענצנד אָדער גלענצנדיק, דערציִונג אָדער ערציִונג, צוזאַמען אָדער צונױף, געפֿאַרבט אָדער געפֿאַרבן זײַנען ניט קײן פֿראַגעס פֿון אױסלײג, נאָר פֿון גראַמאַטיק אָדער װאָרטפֿאָרעמונג.

צו אונדזער ענין אָרטאָגראַפֿיע באַלאַנגען דרײַ זאַכן: א) גראַפֿיק; ב) אױסלײג אין אײגנטלעכן זינען; ג) אָפּשטעלצײכנס. די לעצטע טעמע קען איך זיך פֿאַרגינען אײנגאַנצן אױסן צו לאָזן, מחמת װעגן איר װערט ספּעציעל גערעדט אין דעם איצטיקן זאַמלבוך.

II. גראַפֿיק

אַלעף.

8. מיר דאַרפֿן האָבן סײַ אַ, סײַ אָ. עס איז ניט גענוג א און אָ, אָדער אַ און א, װײַל מיר האָבן נאָך אַ דריטן מין אַלעף, דעם „שטומען".

אימאַגאַ איז דײַטלעכער אײדער אימאַגאָ. — נאָך עטלעכע בײַשפּילן װי אַלע

דריי אַלעפֿן באַגעגענען זיך אין איין וואָרט: אומבאַהאָלפֿן, אומשטאַנדהאַ־ט, אייבער־
קאָמאַנדיר.

9. קיין פאַרשטערונג אין שרײַבן (אָן איבעריקע באַטעגונג פאַר דער נקודה) איז דאָס ניט, מחמת מען קען צונױפגיסן דעם פתח און קמץ מיטן אַלעף. דאָס אייגענע אין דרוקן, אויף טיפּיל מען גיסט נײַע שריפט.



10. אין אַזעלכע פאַלן טו נאָך א טאָרט־אײַן קומט די קאָמבינאַציע ײַ, דאַרף דער פתח שטיין אונטער די צטיי יודן, ניט אונטערן אַלעף; אַזוי: אײַער, אײַזן, אײַנהיל.

ניט אײַער, אײַזן, אײַנהיל.

11. אין העברעיִזמען דאַרף מען שטעלן פתח־אַלעף און קמץ־אַלעף טו ס'איז מיגלעך לויט דער אויסשפּראַך: אַגב, ראַיה, לאַט, אָרצה, מלאָכה, חולאָים, תנאָים.

דאָס אייגענע אפשר אויך אין טערטער טי הוצאָה, הוצאָות, נוסחאָות אאַז״ט. מיר מעגן דאָ אָננעמען ה=e און ות=es (פּג״ל פּרנס—ה, פּרנס—ות).

די נקודה דאַרף אָבער געשטעלט ווערן לויט דער יידישער אויסשפּראַך; אַזוי פאַר קיין פאַל ניט: מציאָה, גופאָ, בנמצאָ אאַז״וו. אין אוודאי קומט דער פתח נאָר ביים ערשטן אַלעף.

פּיי, פֿיי

12. פּײ און פֿײ מוזן שטרענג אונטערגעשיידט טערן. שרײַבער און לײ־ענער מוזן זיך צוגעטוינען צום געדאַנק, אַז אָנשרײַבן אַ פּ אָנשטאָט אַ פֿ איז פּונקט אַזאַ גרײַז טי פאַרבײַטן, כאַפּ איך אָן, אַ פּ אויף אַ כ.

איצטער זיינען אונדזערע געשריבענע טעקסטן (סיי אין די שולן, סיי אין די רעדאַק־ציעס) כמעט קיינמאָל ניט מבחין צווישן פּ און פֿ, און דערנאָך זיינען ווידער די קאָ־רעקטאָרן ניט מקפּיד אויף אַזעלכע „קלייניקייטן", הגם אין זאַך איז יאָ אַן אונטערשייד צווישן ביידע אותיות. שטויסן מיר זיך אָפּטמאָל אָן אויף משונהדיקע זאַכן. אַזוי האָב איך געלייענט אַמאָל אין אַ צייטונג, אַז אַנ—סקי איז אין 1918 געקומען צו פאָרן קיין ווילנע אין אַ פֿראַכטצוג; אין אַ צווייטער צייטונג האָב איך זיך קוים אָנגעשטויסן, אַז די „פֿרימערע ווירקונגען" זיינען גאָר אין דער אמתן פּרימערע.

ביים ברייטן עולם קומען צוליב דעם אַרויס ווילדע טעותן אין דער אויסשפּראַך. מע רעדט וועגן דער „פּרעקווענץ" אין די טעאַטערס, און איינער אַ פּראָווינציעלער קול־טור־טוער, וואָס ליגט אַוועק זיין לעבן פאַר דער אָרטיקער יידישער שול, האָט מיר דערציילט וועגן דער נייער לערערין, אַז קיין געזעלשאַפטלעכע טוערין איז זי ניט, נאָר דערפאַר איז זי זייער גוט אין הילכות „פּעדאַגאָגיק".

ספּעציעל איז שלעכט צו לייענען ווען דער פּ/פֿ־אות באַגעגנט זיך מיט אַלעף אָן אַ

נקודה. פ א ר קען באַטײטן par און far, por און for, און דעם העברעיִזם p'ejr גאָך דערצו. אין אַן אַרטיקל איז מיר אויסגעקומען צו זען, אַז „יעזוס און משיח, ייִד און ניט-ייִד — דאָס זײַנען די פאַלן פון אַקס״. פאַלן? פאַלן? אַקס? אָקס?

13. עס פרעגט זיך נאָר, װאָסערע סימנים אײַנצושטעלן: צי p מיט אַ פּינטל און f אָן אַ פּינטל, אָדער p אָן אַ פּינטל און f מיט אַ פּאַסיקל (רפה) פון אויבן. דאָס פּאָרל פּ/פ איז אָנגענומען אינעם גרעסטן טײל הײַנטיקע ייִדישע דרוקן (בלויז אין מינסק האָט מען אײַנגעפירט די לעצטע יאָרן פּ/פֿ); די צװײטע סיסטעם איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור און איז אין שרײַבן טאַקע באַקװעמער, װײַל עס איז גרינגער צו שטעלן דאָס פּאַסיקל פון אויבן, אײדער אַרײַנצוטרעפן מיטן פּינטל סאַמע אין מיטן.

14. איבערלאָזן אין שרײַבן פ און פֿ, אין דער צײַט װאָס דרוקן דרוקט מען אַנדערש, איז ניט זײער געװוּנטשן; װי װײַט מיגלעך איז גוט צו האָבן אַ פּאַראַלעליזם צװישן דרוק און שרײַבונג. פון דער אַנדערער זײַט װעט אָבער שװער זײַן צו פּועלן בײַ אַלע דרוקערײַען, זײ זאָלן באַלד איבערגיסן זײער שריפט אויף פּ/פֿ, און אַגב מוז מען מודה זײַן, אַז דער פּ פאַרן p װירקט שוין איצט פרעמדלעך אויפן אויג.

15. מײַן פאָרשלאָג איז דעריבער, אַז פאַר אַ כּלל זאָל מען אויפשטעלן (גײענדיק מיטן גאַנג, אַז אין צװײען איז שטאַרקער): p װערט געדרוקט מיט אַ פּינטל, f מיט אַ פּאַסיקל. אונדזערע דרוקן װעלן זיך פּאַמעלעך צופּאַסן דערצו, אויב מען װעט דאָס נאָר פאָדערן ענערגיש (װאָרים די הוצאָות אויף אויסגיסן דאָס ביסל שריפט זײַנען מינימאַלע), און אײדער װאָס װען װעט פונדעסטװעגן אײן דערקענען-סימן שוין זײַן איצט: דאָס פּינטל בײַם גרעסטן טײל דרוק-זאַכן, דאָס פּאַסיקל אין די מינסקער דרוקן.

אין שרײַבן װעט אפשר געניג זײַן f מיט אַ פּאַסיקל, p אָן אַ פּאַסיקל; דאָס פּינטל װעט מען קענען פאַרבײַגן אין שרײַבן.

איך זע ניט קײן שום אײנװענדונג, װאָס װאָלט געקאָנט אַרויסגעשטעלט װערן קעגן דעם פאָרשלאָג. קײן נײַער צײכן װערט דאָ ניט קאָנסטרויִרט, און װאָס מער מיר דיפערענצירן ענלעכע אותיות בײַ פאַרשײדענע קלאַנגען, אַלץ בעסער.

כאָף און קאָף, װײז און בײז, סאָף און טאָף.

16. מיר האָבן בירושה פון העבריִש פיר אותיות-פּאָרלעך, װאָס אין זײ באַצײכנט דער דגש דעם אונטערשײד צװישן אויפרײַסיק און רײַביק: פּ/פ, כּ/כ, בּ/ב, תּ/ת. אָבער נאָר פּ און פֿ װערן אין ייִדיש גענוצט גלײַך אָפּט און אָן אַנדערע עקװיװאַלענטן. קאָף, װײז און סאָף קומען נאָר אין העברעיִזמען, און דאָס אויך ניט אַלעמאָל. עס איז דעריבער ניט נײטיק, אַז אויב מיר פּסקענען אויף פּ און פֿ, זאָלן מיר די אַנדערע דרײַ פּאָרלעך אויך אַזוי דיפערענצירן.

הלמאַי אַרט אונדז ניט, וואָס דאָס פּאָרל ט/ס ווערט געשריבן גאָר אויף אַן אַנדער אופן, הגם דאָ איז אויך דער חילוק נאָר פון אויפּרייסיק ביז רייביק?

מײַן פּאָרשלאָג איז, אַז אָן אַ ספּעציעלער באַצײַכענונג (אָן אַ דגש) זאָלן געשריבן און געדרוקט טערן די מ ע ר געברויכיקע צײַכנס. הײַסט עס:

17. ch איז כ, k (קאָף) טערט געשריבן און געדרוקט מיט אַ פּינטל. למשל: כּ ד ר כּ ו, כּ ל=ו ל ך, כּ ל ע ר ל י י; מ כ ב ד זײַן, מ כ פּ ר זײַן, ר ע כ ט, ש ל ע כ ט.

18. דאָס אײַגענע טאָף און סאָף: s איז ת, t (טאָף) טערט געשריבן און געדרוקט מיט אַ פּינטל: ס תּ י ר ה, תּ ו ר ה, תּ כ ל י ת, תּ ע נ ו ג, אַ ח ר י ו ת, ס ו ת ר זײַן, ט ע ו ת.

די צאָל ווערטער מיט ת איז אין יידיש אַ סך גרעסער איידער מיט תּ צוליב די צוויי גרויסע גרופּעס: א) אַבסטראַקטן אויף ־ות און ב) מערצאָל-פאָרמען אויף ־ות.

19. פאַרקערט בײַ ב י י ז און ו ו י י ז: b טערט געשריבן און געדרוקט אָן אַ פּינטל: ב ל ײַ ב ן, ב ו כ ב י נ ד ע ר, ב אַ ר אַ ב ע ו ו ע ן, w טערט באַצײַכנט דורך אַ פּאַסיקל איבערן אות: הבֿל הבֿלים, חבֿר.

20. בנוגע מער געברויכיקע טערטער טאָלט מען געקאָנט אײַנשטעלן, אַז אין ביכער טאָס זײַנען באַשטימט פאַר אַן ענגערן קרײַז זאָל מען זיך באַגײַן אָן דער דיפערענצירונג פון די פּונקטן 17—19. דאָס אײַגענע איז שײַך צום ש ר ײַ ב ן בײַ דערטאַקסענע.

צו אַזאַ מקיל-זיין האָבן מיר אַן אַנאַלאָגיע אין אַנדערע שפּראַכן. די רוסן באַצייכענען ё נאָר אין קינדער-ביכער (ёрзать, всё); און דאָס אייגענע טרעפט זיך אין ענגליש, אַז coördinate, coöperation ווערט געשריבן מיט צוויי פשוטע oס, בשעת מען קוקט אַרויס אויף אַן עולם וואָס וועט ניט איבערלייענען דעם oo ווי אין וואָרט cooper אָדער coot.

21. אויף צו באַצײַכענען דעם w-קלאַנג אין ניט=העברעיִזמען, אַ שטײַגער אין טערטער טי פּ ר ו בֿ ן, ס ו בֿ אָ ר י ן און ענלעכע דאַרף דער ב אײַנגאַנצן אָפּגעשאַפט טערן. דאָס טערט נאָך מער פאַרגרינגערט דורך דעם פּאָרשלאָג פון פּונקט 22 א"ע.

צ ו ו י י ו ו אָ ו ן.

22. אַ ספּעציעלער גראַפישער סימן דאַרף געשאַפן טערן פאַר דעם קלאַנג w. פּראַקטיש האָ בן מיר דאָס געשאַפן נאָך אין 16טן יאָרהונדערט דורך אײַנפירן די צ ע י י ט אָ ע ן.

ווען מען האָט גענומען אויסלייגן דעם w-קלאַנג דורך צ ו ו י י ו ו אָ ו ן, איז דאָס געשען בלי ספק אונטערן איינפלוס פון דער אייראָפּעיִשער שרייבונג, ווי מען האָט גענומען vv פאַראייניקן אין איין אות w. די זאַך ווערט קלאָר, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז די שריפט-דיפערענצירונג צווישן אַ וואָקאַלישן און אַ קאָנסאָנאַנטישן u (לויט דער היינטיקער שרייבונג u און v) איז אין די לאַטייניש אותיות אויך גאָר אַ יונגע זאַך. דער

היינטיקער ענגלישער w איז מיט זיין נאָמען double u (טאָפּל-u) אַ פּולקומע אַנאַ-לאָגיע צו אונדזער נאָמען „צוויי וואָוון".

23. דער פֿאָרשלאָג מײַנער װעט ניט אויסקומען אַזוי ראַדיקאַל (סטײַטש, אײַנפֿירן אַ נײַעם אות!), װען מען װעט זיך דערמאָנען, אַז בײַם דרוקן ייִדיש האָבן מיר די רעפֿאָרם שוין בײַם הײַנטיקן טאָג כּמעט אינגאַנצן פֿאַרטיקלעכט: אין די שריפֿט-קאַסטנס פֿון אונדזערע דרוקערײַען (און אין די מאַגאַזינען פֿון די זעץ-מאַשינען) זײַנען די צװײ װאָװן שוין לאַנג געגאָסן צוזאַמען, אויף איין קעגל. דאַרפֿן מיר איצט נאָר מאַכן דעם לעצטן טריט — אײַנפֿירן אַ באַזונדער צײכן פֿאַר דעם דאָזיקן w-אות, כּדי ס׳זאָל טאַקע באמת זײַן „צװײ װאָװן" און ניט „װאָװ-װאָװ".

24. אין דרוק האָב איך דאָס אײַנגעפֿירט מעשה-פּרוט אין דעם דאָזיקן זאַמל-בוך[1]. דאָס איז נאָר אַ פּ ר ו ט, און דעריבער דאַרף מען מישפּטן אין דעם נײַעם צײכן ניט די פֿ אָ ר ם (איך בין אַליין מודה, אַז דער ערשטער גאָס איז אַרויס ניט אינגאַנצן געראָטן), נאָר בלויז דעם עצם גאַנג, דעם פּרינציפּ.

25. אין שרײַבן איז שוין מײַן ט-צײכן ניט קיין הילער פּראָיעקט: לויט מײַן בײַשפּיל האָבן גענומען שרײַבן אַזוי טייל תּלמידים מײַנע אין ווילנער לערער-סעמינאַר און טייל מיטאַרבעטער און קאָרעספּאָנדענטן פֿון ייִװאָ. די מוסטער-שורה װײַזט װי אַזוי דאָס זעט אויס:

ווילסט פרוּוו וו פרוּוונג

26. דער צײכן װאָס איך לייג פֿאָר האָט די מעלה, װאָס מען קען אים פֿאַרשטיין אָן שום פּירושים. עס איז אַלזאָ ניט דאָס אייגענע װי אײַנפֿירן אינ-גאַנצן אַ נײַעם צײכן. אַ צװײטע מעלה איז, װאָס מ׳װערט יעמאָלט פּטור פֿון די אַלעפֿן אָדער די מלופּמס, װאָס זײַנען אומבאַדינגט נייטיק לויט דער ביז-איצטיקער סיסטעם, אויב אַן u באַגעגנט זיך מיט אַ w. פֿאַרגלײַך:

א) וואו, סובאָרין, פּרובונג
ב) וואו, סואוואָרין, פּרואוואונג
ג) ווו, סוואָרין, פּרווונג
ד) ווּ, סוּוואָרין, פּרוּוונג
ה) װוּ, סוּװאָרין, פּרוּװוּנג.

א) איז דער אויסלייג פֿון „ווילנער טאָג"; ב) — אַמעריקאַנער פּרעסע; ג) — „פֿאָלקס-צייטונג", וואַרשע; ד) — דער אָפּגעהיטער „נייער אויסלייג"; ה) — מיין פֿאָרשלאָג.

---

[1] אין מיין אייגענעם אַרטיקל און אין די אַרטיקלען פֿון די ח"ח מאַרק און קלמנאָוויטש, וואָס האָבן געגעבן דערויף זייער הסכם.

מיר דאַרפן יעמאָלט ניט זוכן קײן װעג װי אַזױ קלאָר צו מאַכן די שרײַבונג פון ט ו ו נ ג לגבי ט ע אַ ן אָדער ט ע ע ן; פאַרגלײַך:

ט ו ו נ ג, ט ע אַ ן, ט ע ע ן.

דאָס אײגענע: ד ו ו מ ע י ר אַ ט.

אײדער אָבער מיר האָבן די ליגאַטור װ, מוזן מיר אומבאַדינגט שטעלן דעם מלופּם: ט ו ו נ ג, ד ו ו מ ו ו י ר אַ ט.

27. בײַ אַ באַגעגענונג פון u מיט אַנדערע װאָקאַלן איז קײן דיפערענצירונג ניט נײטיק. דעריבער איז רעכט צו שרײַבן מיט אַ פּשוטן ו (ניט וּ) אַזעלכע װערטער װי: אַ נ ט ל ײַ ו נ ג, ט ו ע ר, ט ו ט, ל ו ע ס, צ ע ו ס (ניט טוּער אאַז״װ, סײַדן מיר װעלן אָננעמען די סברא פון די §§ 32—34).

צװײ יודן, װאָװ יוד.

28. דער ערשטער כּלל איז: aj/ej (װײן, מײן, זײען) און a/aj (װײַן, מײַן, זײַען) דאַרפן שטרענג דיפערענצירט װערן. פאַר דעם צװײטן קלאַנג מוז גענוצט װערן ײַ. אָנװענדן דעם צירה פאַרן aj/ej־קלאַנג אין אַזעלכע װערטער װי מײנען, הײסן, לײגן איז אַבסאָלוט איבעריק, װײַל קײן דריטע מעגלעכקײט פון ניצן דעם ײ־צײכן איז ניטאָ. אַגב דאַרפן מיר האָבן צװײ געהיריקטע יודן נאָכאַנאַנד (כּמעט אינדענטיש מיט יִי) אױף צו באַצײכענען צװײ i־קלאַנגען, אײנס לעבן דעם אַנדערן: פרייִק, =friik, אױב מיר װעלן דעם סופיקס ־יק נאָך װאָקאַלן שרײַבן אָן דעם אַלעף.

29. די שריפט־גיסערײַען ליפערן שױן הײַנט אױך ײ און אַפילו ײַ בעגאָסן אױף אײן קעגל. עס װעט ניט שװער זײַן צו פּועלן — און אַ געװינס װעט דאָס גראַפיש זײַן אַ גרױסער — אַז מ׳זאָל די בײדע יודן טאַקע צונױפגיסן אײנגאַנצן. אין דעם איצטיקן אַרטיקל[1] זײַנען די צװײ יודן שױן אױסגעגאָסן צונױפגעשמאָלצענערהײט.

אפשר װאָלט מיגלעך געװען נאָך אַן ענגערע צונױפגיסונג, בערך אױפן שטײגער װי די צװײ װאָװן.

30. אין שרײַבן װאָלט מען בײדע יודן געקענט צונױפגיסן אַ ביסל אַנדערש, װי אַ דעכל, בערך אױף דעם אופן װי אַ פראַנצױזישער סירקאָמפלעקס (^). אױב דאָס דינט פאַרן a/aj־קלאַנג, דאַרף מען אונטער דעם דאָזיקן „דעכל" אַװעקשטעלן אַ פּתח.

31. בײַ דער שריפטגיסערײַ איז אױך אַ קלײניקײט צונױפצורוקן אײנאײנעם דעם װאָװ יוד; אין דעם איצטיקן אַרטיקל װערט אַזאַ צײכן גענוצט.

---

[1] און אין די בײדע אַנדערע װאָס זײַנען דערמאָנט ז׳ 26.—די אותיות האָט געשניטן ל. עפראָן.

מלופם וואָוו, חולם וואָוו.

32. נאָכדעם טי מיר האָבן אָפּגעטאָרפן דעם מלופם טאָט פון טעגן דיפערענצירן u און w (זע § 26), בלײַבט אָבער אַלץ די פראַגע, צי איז ניט כדאַי אױפצוהיטן דעם געפּינטלטן טאָט צוליב אַן אַנדער טעם: כדי צו האָבן אַ דיפערענציר־סימן פאַר די דרײַ מינים טאָט, טאָס מיר האָבן אין די העברעיִזמען: u (סוּכּה, חוּקים, מוּסר), o (טוֹד, סוֹף, מוֹסר) און oj (קוֹדם, כּוֹפר, תּוֹרה).

33. מיר טעלן אַלזאָ האָבן דרײַ מינים טאָט אין העברעיִזמען: מיט אַ מלופם (=u), מיט אַ חולם (=oj) און אָן שום נקודה (=o).

34. צי איז כדאַי צוליב די העברעיִזמען אַלײן אײַנצופירן די טאָט־דיפערענצירונג אין אַלע טערטער? איך מײן, אַז אין דרוק איז דאָס געטיס כדאַי: דעם זעצער איז אַלץ אײנס, צי ער שטעלט אַטעק וּ אָדער וֹ, ס׳איז בײַ אים געגאָסן צוזאַמען. אין שרײַבן בײַ און פאַר דערטאַקסענע קען מען זײַן שפּאָרעטדיקער.

35. אין דער פאַרבינדונג וֹי=oj (ou, ō) איז דער חולם איבעריק: דרײשן, הויז; אױב וי=uj, שטעלט מען דעם מלופם: באָברויסק=bobrujsk. — מיט דער ליגאַטור ט איז אויך איבעריק דער חולם בײַם צוזאַמענטרעף פון וֹי מיט צטײ טאָטן: טוינען, טויל, אויטן.

חיריק יוד (i און j).

36. עס זײַנען מיגלעך צטײ פאָרשלאָגן, טעלכע איך שטעל פאַראַלעל, אויף דורכצודיסקוטירן: א) כסדר אונטערשײדן צטישן i און j (§§ 37—38); ב) אונטערשײדן נאָר אין געטיסע ספקדיקע פאַלן (§§ 39—44).

37. אײן גאַנג קען זײַן: יוד אין דער i־פונקציע טערט אַלעמאָל געחיריקט; יוד אין דער j־פונקציע גײט אַלעמאָל אָן אַ נקודה.

מיר וואָלטן דורך דעם געוווינען די מליצה וועגן דעם „פּינטל אונטערן יוד" ווי אַן אַנאַלאָגיע צום אײראָפּעיִשן „פּינטל אויפן i".

38. די געטײנטלעכע טענה קעגן דעם פאָרשלאָג איז, אַז עס קומט אויס צו שטעלן דאָס פּינטל אין מאַסן טערטער טו עס איז קײן שום ספק ניטאָ. איך מײן, אַז אַ סך האַרבער איז דאָס טאָס עס זײַנען פאַראַן פאַלן, טו עס טעט יאָ זײַן אַ ספק אויף i צי j, אין אומבאַטאָנטע טראַפן, איבערהויפּט אין פרעמדטערטער, איז פאַר טאָקאַלן פאַראַן אַ נטיה צו מאַכן פון דעם i אַ j: אַנטאָניוס, אָפּיום, געניוס, סערטיוס אָדער אַנטאָניִוס, אָפּיִום, געניִוס, סערטיִוס? דאָס אײגענע: נאַציע אָדער נאַציִע? דיאַלעקט אָדער דיִאַלעקט? מיאַזמען אָדער מיִאַ־? מיאַוקען

צי מיאַן? ביבליאָגראַפיע אָדער ־ליאָ־פיע? טאַנטיעמע אָדער ־טיעמע? מעליאָראַציע (פירטראַפיק) אָדער מעליאָראַציע (זעקסטראַפיק)? דאָ דאַרף מען געפינען אַ כּלל אָדער כּללים.

39. דער צווייטער גאַנג קען זײַן: בדרך־כּלל ווערט דער יוד ניט געחיריקט ניט אין דער i־ און ניט אין דער j־פונקציע; נאָר פאַראַן געוויסע פאַלן, וו אין דער i־פונקציע קומט יאָ אַ חיריק. די דאָזיקע פאַלן פרוו איך דאָ אויסרעכענען.

דאָס וואָס צו j איז שייך איך צום יוד וואָס דינט כּמער אַ פּאַלאַטאַליזירצייכן: ניאַניע, ניאָמע, ניו־יאָרק; ליאַליע, ליולינקע.

40. i נאָך אַ וואָקאַל ווערט באַצייכנט דורך חיריק יוד: אַלגעבראַיִש, קאָיִמבראַ, לויִדאָר, טויִק (באַדעקט מיט טוך), פּאַרטייִש, בײַנקע, אידעיִש.

i פאַר אַ וואָקאַל ווערט ניט געחיריקט: ריאָ דע זשאַנײראָ, בליען, ציען.

וועגן באַגעגעניש פון i און u זע § 42.

ביי j נאָך אַ וואָקאַל בלייבט דער יוד אומגעחיריקט: באָבּרויסק (זע § 35) סטעיט (זע קאַפּ׳ כרעמדווערטער). פאַרגלייך:

די „נעישן“ איז זייער כאַרשפּרייט אויפן פּירענעיִשן האַלבאינדזל. — אויף צו זיין אַ פּעיקער דאַרף מען אויך האָבן פּעיִקייטן.

41. ווען עס באַגעגענען זיך צוויי i־קלאַנגען, ווערן ביידע יודן געחיריקט: פריִיִק, וואַריִירן, אַליִירטע, ניִיִגאַטאַ (אַ שטאָט אין יאַפּאַן), דיִיִ („געטער“ אין לאַטײַן).

דאָס איז אַ פאַל, וואָס קען געמאָלט זיין נאָר וואָרט־אין אָדער וואָרט־אויס: i וואָרט־איין האָט דאָך אלעכאַל דעם צ״ג „שטומען“ אלעף פאר זיך; דאָס לאַטייניש ii וועלן מיר אלזאָ איבערגעבן איִיִ.

42. ווען עס באַגעגענען זיך i און u, ווערט געפינטלט דער יוד, אומאָפּהענגיק דערפון וועלכער וואָקאַל פון די צוויי עס שטייט פריער: באַציִונג, בליִונג, ניִואַ (אינדזלען אין אויסטראַליע), פּיִוס, לויִזיאַנאַ, רויִנירן, רויִקייט (ruikajt, להיפוך צו רויקייט—rojkajt).

43. אין דער קאָמבינאַציע ji וואָרט־אין און ij ווערט געחיריקט דער יוד וואָס באַצייכנט דעם i־קלאַנג: פאַרייִדישן (פג״ל די קאָמבינאַציע ־רייִד־ מיט אַזאַ וואָרט ווי רייד). אַזוי אויך: אָפּייִדישן, פאַרייִנבערונג, פריִיאָר, מיִיאַסק (אַ שטאָט אין רוסלאַנד).

44. אין דער קאָמבינאַציע ji וואָרט־אויס קענען ביידע יודן בלייבן

אומגעהיריקט: אין אַזוינע ווערטער ווי ייד, ייִנגל, יילדיז־קיאָסק קען קיין שום ספק ניט געמאָלט זײַן.

צוויי j נאָכאַנאַנד זיינען ניט מיגלעך, ij אָדער ej אָדער aj האָלט געמוזט האָבן אַ אַלעף צום אָנהייב.

ייִדן, ייִכל — ווײַל יוד אין דער j־פונקציע בלײַבט אומגעהיריקט.

שין און סין.

45. מיר האָבן אין אונדזער טאָגטעגלעכן באַנוץ מיסתמא ניט מער ווי אַ צענדלינג ווערטער מיט סין; אָבער ס'זײַנען אַלץ זייער געברויכיקע ווערטער: שונא, שימחה, שינאה, שכירות, שכל, שכר, שרה, שרפה. דעריבער איז בעסער אין קינדערביכער אויפצוהיטן דעם צייכן שׂ.

מען מעג אין קינדערביכער ניצן מער דיפערענצירטע סימנים. מאָטיוון זע § 20.

די שלאָס־אותיות.

46. די אָפיציעלע ראַטנפאַרבאַנדישע אָרטאָגראַפיע האָט אַרויסגעוואָרפן די שלאָס־אותיות און הייסט שרײַבן:

איך דאַרפ אים אַלצ אָפגעבנ.

לאָגיש לאָזט זיך קעגן דעם גאָרניט זאָגן; עס איז בלויז ניט אויסגעהאַלטן, וואָס מען האָט נאָך אויפגעהיט די שרײַבונג איך און אים; נאָך לאָגישער וואָלט געווען (אויב מען האַלט דעם אַלעף פאַר אַ „שטומען"):

יך דאַרפ ים.

אָדער פאַרקערט, אויב מען וויל דעם אַלעף־קלאַנג באַצייכענען:

איך דאַרפ אים אאַלצ אאָפגעבנ.

אויב מען האָט די „שטומע" אַלעפן איבערגעלאָזן פאַר ו, וו, י, יי, ײַ (און ניט אײַנגעפירט זיי, ווי אַ סימן פון דעם coup de glotte, אויך פאַר אַ, אָ, ע) איז אַ סימן, אַז מען מעג יאָ מאַכן אַ שטיקל פשרה מיטן עקסיסטירנדיקן שרײַב־שטייגער. טאָ פאַרוואָס וויל מען אויסראָטן די שלאָס־אותיות? פאַר דעם אײַנגעטיינטן לייענער איז דאָס אַ פאַרשטערונג אויפן פוד. פאַר דעם קינד וואָס לערנט זיך איז דאָס אַ פאַרלײַכטערונג אויף אַן אונץ, וואָרים קיין שום כּללים זײַנען מיטן באַנוץ פון די שלאָס־אותיות ניט פאַרבונדן; מען שרײַבט זיי גאַנץ מעכאַניש וואָרט־אויס, יעדער מאָל, אָן אויסנאַם.

אַדרבא, עס איז אַ סברא, אַז בײַם לייענען יידיש, וו עס זײַנען ניטאָ קיין גרויסהאַנטיקע אותיות, איז די עקסיסטענץ פון שלאָס־אותיות גאָר אַ פאַרגרינגערונג פאַרן אויג; אָן דעם פאַלט דער לייענער אַריין אין אַ גלאַטן מדבר.

מיט אַרויסגעבן דעם גזר־דין אויף די שלאָס־אותיות האָט די ראַטנפאַרבאַנדישע צענטראַלע אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע עובר געווען אויפן קלוגן כּלל פון איר פאָרזיצער

מ. ליטוואַקאָוו, אַרויסגעזאָגט אין דער הקדמה צום זאַמלבוך „יידישע אָרטאָגראַפיע“, קיעוו, 1928: „וואָס ווייניקער... ענדערן דעם אויסערלעכן אויסזען פון וואָרט“.

לאַטיניזירונג.

47. היות עס איז 1930 ווידער אַרויסגערוקט געוואָרן אויף אַ באַראַטונג פון בילדונג־טוער אין כאַרקאָוו די פראַגע וועגן לאַטיניזירן די יידישע שריפט, איז כדאַי צו נעמען שטעלונג דערצו.

48. אַבסטראַקט גענומען לאָזט זיך קעגן דער לאַטיניזירונג גאָרניט אײַנוועגדן; אַדרבא, יעדער מיטל צוצוקומען מיט יידיש נעענטער צו דער וועלט דאַרף זײַן אָנגעלייגט. מען דאַרף זיך אָבער אָפּגעבן אַ חשבון, אַז שוועריקייטן, אויך טעכנישע, זײַנען פאַראַן גענוג.

49. קודם כל: קיין איין לאַטײַניש־שרײַבנדיקע שפּראַך קען אונדז ניט געבן קיין פאַרטיקן אַלפאַבעט; מיר וועלן זיך מוזן שאַפן אייגענע צייכנס, בערך ווי שלמה בירנבוים האָט דאָס פאָרגעלייגט אין זײַן Praktische Grammatik der jiddischen Sprache פאַר אַלע וואָקאַלן, וואָס זייער אויסשפּראַך איז פאַרשיידן לויט די דיאַלעקטן.

ממילא איז אומזיסט די האָפענונג (וואָס ד״ר סאָטעק אַשטייגער האָט אַרויסגעזאָגט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ), אַז דורך דעם מיטל וועט מען געווינען טויזנטער לייע־נער פון דער פאַרפרעמדטער יידישער אינטעליגענץ. דער יידישער אינטעליגענט פון רו־מעניע צי פון אַמעריקע וועט זיך דאָ סיי ווי דאַרפן לערנען עפּעס נייס, און ס׳וועט אים אָנקומען ניט קיין סך גרינגער ווי אויסלערנען זיך דעם יידישן אלעף־בייז. בכלל איז לויט מיין אָפּשאַץ אַ ברכה־לבטלה צו וועלן צוציען וועמען עס איז צו יידיש דורך טעכ־נישע „פאַרגרינגערונגען“. דער נאַטוראַליזירטער אויסלייג אין רוסלאַנד האָט אויך קיין פאַרגרעסערונג פון דער צאָל יידיש־לייענער ניט געבראַכט.

50. אַ סך וויכטיקער זײַנען אָבער די געזעלשאַפטלעכע שוועריקייטן. עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט, אַפילו ווען עמיצער זאָל וועלן, צו נייטן אַלעמען אָנצוהייבן שרײַבן יידיש מיטן לאַטײַנישן אַלפאַבעט, ווי מען האָט דאָס געטאָן אין טערקײַ, און ממילא קען מען זײַן זיכער, אַז אַ געוויסער טייל יידן, און גאָר אַ היפּשער, וועט שרײַבן ווײַטער מיט אונדזער היינטיקן אַלעף־בייז. אין ראַטנפאַרבאַנד קען מען דאָס פאַרווערן, אָבער בײַ איטלעכן וועט זײַן די ברירה צו לייענען אָדער דאָס לאַטיניזירטע יידיש, אָדער—אַריבערגיין צו רוסיש. דער רעזולטאַט וועט זײַן ניט קיין פאַרגרעסערונג, נאָר אַ פאַרקלענערונג פון דער צאָל יידיש־לייענער, און יעדנפאַלס אַ ווײַטערדיקע צעשפּליטערונג און אָפּ־שטאַכונג פון יידיש ווי אַ קולטור־שפּראַך.

51. פראַקטיש וואָלט די רעפאָרם אויך ניט געטען קיין חכמה, וואָרים ווער ווייס, צי 50% פון די היינטיקע יידיש־לייענער קענען דעם לאַטײַנישן

אַלפאַבעט װי ס׳געהער צו זײַן. גראָד אין רוסלאַנד, װו דער פּראָיעקט פון לאַטיניזירן איז לעצטנס איבעראַנײַס אַרױסגעשװומען, איז די שװעריקײט אַם גרעסטן, מחמת אין קײן אײנער פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן װערט ד׳ שפּראַך פון דער מערהײט ניט געשריבן לאַטײַניש. דאָס הײסט, אַז אַפילו די ייִדישע קינדער װאָס לערנען אין שול רוסיש, אוקראַיִניש אָדער װײַסרוסיש װעלן דעם לאַטײַנישן אַלעף=בײז מוזן לערנען גאָר פון דאָס נײַ.

52. די אַלע מאָטיװן האָבן ניט צו טון פאַרשטײט זיך מיט די פּאָר= שלאָגן אױסצופּאַרטיקן אַ צאָל ייִדישע װערק מיט לאַטײַנישע אותיות, כדי צו פאַרגרינגערן פאַרן אָנהײב דעם ניט=ייִדן צוצוקומען צו ייִדיש¹. אױב עס זאָלן זײַן באַלאָנים צו שאַפן אַזאַ סעריע ביכער, קען מען דאָס מערניט װי באַגריסן.

ראָשי=תיבות.

53. מיר האָבן באַקומען פון העברעיִש אַזױנע ראָשי=תיבות װי מוכ״ז= מוסר כתב זה, ע״ש=עיקר שכחתי, פפד״מ=פראַנקפורט=מײַן און אַזױ װײַ= טער. דאָס איז אַן אײגנאַרטיקע און באַקװעמע סיסטעם, װאָס עס איז כדאַי צו האָבן אין ייִדיש אױך. מיר דאַרפן דעריבער אײַנפירן װי אַ כלל: אאַז״װ= און אַזױ װײַטער, א״אַנד=און אַנדערע, אד״גל=און דאָס גלײַכן, א״װ= און װײַטערדיקע, אַ״י=אַלט=ייִדיש, דצ״װ=דאָס ציטירטע װערק, ח״ח= חשובע(ר) חבר(ים), י״ה=יאָרהונדערט, נ״י=ניו=יאָרק, פ״גל=פאַרגלײַך, פסס״ר=פאַרבאַנד סאָציאַליסטישע סאָװעטישע רעפּובליקן, צ״ק=צענטראַ= לער קאָמיטעט, שנ״פ=שיר ניט פאַרגעסן (ד״ר זשיטלאָװסקיס אַן אײַנפיר פאַר „פּאָסטסקריפּטום" אָנשטאָט דעם מנחם=מענדלשן „עיקר שכחתי", װו עס גײט גאָרניט װעגן אַן עיקר).

אַמאָל בײַטן די ראָשי=תיבות זײער באַטײַט: ק״ק האָט אַמאָל באַטײַט „קהילה קדושה", הײַנט טרעפט מען דאָס אין די צײַטונגען װי אַ פאַרקירצונג פון „קראַנקן=קאַסע".

אױך ד״ר=דאָקטאָר איז אַרײַנגעפאַלן צװישן די ראָשי=תיבות, הגם ס׳איז אַן אָפּקירצונג. מען קען דאָס רויִק איבערלאָזן: ד״ר איז בעסער אײדער דר.

54. װו די ראָשי=תיבות האָבן זיך פאַרװאַנדלט אין אַ פעסטן נאָמען, קען מען שרײַבן ניט=פאַרשטריכלט: מהרשאָ, רמאָ, רשי. דאָס אײגענע בײַ נעמען פון אינסטיטוציִעס: ײװאָ, ציִשאָ.

55. אױב דער זאַץ לאָזט זיך אויס מיט אַ ראָשי=תיבות, ענדיקט מען=אים אױפן שטענדיקן אופן מיט אַ פּינטל: ער האָט געלײענט פּרצן, שלום=עליכמען אאַז״װ.

---

¹ לעצטנס װידער אַרױסגעזאָגט פון הײנץ קלאָס (שטוטגאַרט) אין זײַן אַרטיקל: Deutsche und Jidden אין Mitteilungen der Akademie zur wissenschaftlichen Erforschung und Pflege des Deutschtums, מינכען, נומ׳ 1, 1930.

אָפּקירצונגען.

56. מען ניצט בײַ אונדז צװײ אָפּקירץ־צײכנס: פּינטל (אײראָפּעיִשער גאַנג) און אַפּאָסטראָף (לױטן העברעיִשן מוסטער). איך לײג פֿאָר צו אַקצעפּטירן דעם צװײטן צײכן. אַלזאָ: קאַפּ' א, נומ' 16, ייד' שרײַבער, ב' I, פּיל' שריפֿטן, ח' אַבראַמסאָן און ניט: קאַפּ., נומ., ייד. אאַז"ט.

57. אַ פּינטל טאָלט מען געדאַרפֿט איבערלאָזן נאָר פֿאַר געקירצטע פּרט־נעמען. איך גיב אַ. זאַרעצקיס אַ בײַשפּיל:

ח' לעװין=חבר לעװין.

ח. לעװין=חיים לעװין.

58. אין מאַטעמאַטיק ניצן מיר דעם זעלבן סדר װאָס אין אַלע אײראָפּעיִשע שפּראַכן. הײסט עס: פֿינף מינוס פֿיר איז אײנס, שרײַבן מיר

5—4=1

59. בײַם צוגעבן דעם געקירצטן נאָמען בײַ באַנאָמענטע צאָלן דאַרפֿן מיר זיך בײַ מאַטעמאַטישע אָפּעראַציעס אױך נוהג זײַן אַזױ. שרײַבן מיר די לאַטײַנישע אָפּקירצונגען, איז דאָך קלאָר:

10 m 4 cm—3 m 8cm=6 m 96 cm

10 km : 2=5 km

דאָס אײגענע דאַרף זײַן אױך בײַם שרײַבן די נעמען אין יידיש:

10 מ 4 צ"מ—3 מ 8 צ"מ=6 מ 96 צ"מ

10 ק"מ : 2=5 ק"מ

אַנדערש איז, װען מיר שרײַבן אַ פּשוטן טעקסט (ניט קײן מאַטעמאַטישע אָפּעראַציע) און ניצן באַנאָמענטע צאָלן: דער שנור האַלט 6 מ 25 צ"מ (דאָס רוב װעלן מיר זאָגן: מיט 25 צ"מ, און אַזױ קענען מיר אױך שרײַבן).

60. בײַם באַצײכענען געלט־נעמען דאַרף מען זיך נוהג זײַן אַזױ: װײַל מען דאָס אױסדריקן געשעפֿטלעך, איז שרײַבט מען נאָר די גרעסערע אײנהײט; אױב מען שרײַבט דאָס אַזױ צו זאָגן באַלעבאַטיש, שרײַבט מען די גרעסערע און די קלענערע אײנהײט אין סדר פֿון יידישן רײדן. אַלזאָ: דער חשבון באַטרעפֿט 3.25 גילדן, 5.15 דאָלאַר, 2.17 רובל.

אָבער:

איך האָב אױסגעגעבן 3 גילדן 75 גראָשן (געקירצט: 3 ג' 75 גר').

אידעאָגראַפֿישע סימנים.

61. בײַ סימנים װי №, § און ענלעכע גילט דער נאַטירלעכער סדר: דאָס איז געשטאַנען אין №3, אין §6. דער דאָקטאָר נעמט צו 9—11 פֿרי און 5—7 נאָכמיטאָג.

דער סימן — פֿאַרבײַט דאָ פּשוט דאָס וואָרט „ביז“; ס׳איז דעריבער אומגעלומפּערט צו שרײַבן:

די תּקופֿה פֿון דער רעאַקציע (1848—1818),

וואָרים דאָס באַטײַט, אַז די תּקופֿה האָט זיך געענדיקט מיט דרײַסיק יאָר פֿריער איידער זי האָט זיך אָנגעהויבן.

איך מײן, אַז אױך % קען מען שרײַבן אױפֿן יידישן שטײגער (זע דעם בײַשפּיל אין § 51).

קלאַמערן.

62. ס׳װאָלט כּדאַי געװען אַײַנצופֿירן ברײטער די דיפֿערענצירונג פֿון די קלאַמערן, װי מיר האָבן דאָס די לעצטע יאָרן אין אונדזערע פֿילאָלאָגישע אױסגאַבעס: קײַלעכדיקע קלאַמערן, אָדער, װי מען רופֿט זײ אַנדערש, האַלבע לבֿנות ( ) אױף איבערצוגעבן סתּם אַ מאמר־המוסגר; קאַנטיקע קלאַמערן [ ] אױף צו באַצײכענען דעם ציטירערס צוגאָב אין אַ ציטאַט.

בײַשפּיל: ער ניצט זײער פֿיל דעמינוטיװן (פֿאַרקלענער־װערטער).

װען איך װיל אָבער ציטירן דעם זאַץ אױס אַ צװײטן שרײַבער און איך װיל אױפֿקלערן, אַז דער ע ר איז דאָ מענדעלע, װעל איך אָנשרײַבן:

פּלוני זאָגט: „ער [מענדעלע] ניצט זײער פֿיל דעמינוטיװן (פֿאַרקלענער־װערטער)“.

פֿרעמדשפּראַכיקער טעקסט.

63. בײַם אַרײַנגעבן פֿרעמדשפּראַכיקן טעקסט אין יידיש דאַרף מען זיך האַלטן בײַם כּלל, אַז װי װײַט מעגלעך דאַרפֿן די פֿרעמדשפּראַכיקע טײלן באַהאַנדלט װערן אַזױ װי י י ד י ש ע ר טעקסט.

64. געענדזונפּיסלעך װערן געשטעלט אױף אַ יידישן שטײגער — צום אָנהײב אונטן, צום סוף אױבן:

איך האָב דאָס געלײענט אין „Mitteilungen“.—גלײַכער איז די געענדזונפּיסלעך פּשוט דורכלאָזן, מחמת די פֿרעמדע אותיות גופֿא טײלן שױן אױס געגנוג דאָס װאָרט.

65. בײַם אַריבערטראָגן פֿון אײן שורה אױף דער צװײטער דאַרף מען ענדיקן די פֿרעמדשפּראַכיקע װערטער אױף דער רעכטער זײַט:

ענדלעך האָב איך געפֿונען די ערשטע אױסגאַבע פֿון הײַנעס Buch der Lieder. איך בין זײער צופֿרידן, װאָרים...

אױב מיר שטעלן יאָ געענדזונפּיסלעך, מוזן זײ שטײן אױפֿן יידישן שטײגער:

דער גרױסער ביבליאָגראַף שטײנשנײַדער שרײַבט אין זײַן װערק: „Die Geschichtsliteratur der Juden“, אַז...

66. אױב עס קומט אױס אַריבערצוטראָגן פֿרעמדשפּראַכיקע װערטער

---

[1] מיר געפֿעלט זײער יודל מאַרקס פֿאָרשלאָג אָנצונעמען דאָס װאָרט ר י ג ע ל צ ך.

אין האַלבע לבנות, דאַרפן די דאָזיקע צײַכנס געשטעלט װערן גלײַך עס װאָלט געװען אַ י י ד י ש ע ר מאמר־המוסגר:

שטײַנשנײַדער שרײַבט אין זײַן אַרטיקל װעגן מעשה־בוך (Sera-peum), אַז...

שטײַנשנײַדער שרײַבט אין זײַן אַרטיקל װעגן מעשה־בוך („Se-rapeum", 1866, העפט 2), אַז...

אין דעם לעצטן זאַץ קען מען די גענדזנפֿיסלעך פּשוט דורכלאָזן, מחמת די פּרעמדע אותיות אַלײן טײלן שױן גענוג אױס דעם נאָמען פֿון בוך.

67. אױב אַ הערה אונטערן טעקסט באַשטײט דורכױס פֿון אַ פּרעמד־שפּראַכיקן טעקסט, דאַרף דאָס ציפֿערל געשטעלט װערן לינקס.

[1] Jüdisch-Deutsche Literatur, Serapeum 1848—49.

אין אַזאַ הערה דאַרף מען אױסמײַדן יידישע װערטער. זײַט בעסער באַצײכענען דורך p. (=pagina), אין אַ רוסישן טעקסט стр.; אַנשטאָט דעם יידישן א י ן שטעלן דאָס לאַטײנישע in אאַז"װ.

אױב עס זײַנען נײטיק אין דער הערה יידישע טײלן, איז בעסער אָנצו־הײבן זי מיט אַ י י ד י ש ן װאָרט, שטעלן דאָס ציפֿערל רעכטס און באַהאַנד־לען די פּרעמדשפּראַכיקע טײלן װי אַ ציטאַטע; אָדער, אױב דער אָנהײב איז אַ פּרעמדשפּראַכיקער און דער צװײטער טײל אַ יידישער, אָנהײבן דעם יידישן טײל פֿון דער הערה פֿון אַ נײַער שורה.

III. אױסלײג אין אײגענטלעכן זינען

68. אין דער װײַטערדיקער צוזאַמענשטעלונג גײ איך מיט דעם װעג, אַז זאַכן װאָס זײַנען שױן גענוג מאָטיװירט געװאָרן פֿריער אָדער װאָס רופֿן שױן ניט אַרױס קײן ספקות בײַ די אָנהענגער פֿון דער אַ"ג „נײַער" אָרטאָ־גראַפֿיע האָב איך בלױז פֿאָרמולירט—און באַלד געגאַנגען װײַטער. װער עס װיל האָבן פּרטים, קען זיך װענדן צום אָרטאָגראַפֿיע־טײל אין זלמן רײזענס גראַ־מאַטיק. לאָמיך דאָ אױסזאָגן דעם סוד, אַז זלמן רײזען איז דער פּאַקטישער באַשעפֿער פֿון דער אָרטאָגראַפֿישער רעפֿאָרם װאָס איז פּראָקלאַמירט געװאָרן אױפֿן צװײטן שול־צוזאַמענפֿאָר אין פּױלן און װאָס האָט געהאַט אַזאַ גרױסן אײַנפֿלוס אױף דער גאַנצער װײַטערדיקער אַנטװיקלונג פֿון אונדזער אױסלײג.

מער באַריכות שטעל איך זיך אָפּ אױף שטרײַטיקע פּונקטן.

איך האָב ניט געזוכט קײן ספּעציעלע אָריגינעלקײט אין סדר פֿון די כּללים און בײַ־שפּילן. אַ ביסל, איבערהױפּט אין אָנהײב, בין איך נאָכגעגאַנגען נאָך דעם ביכל: „כּללים פֿון יידישן אױסלײג, אַרױסגעגעבן פֿון דער יידישער בילדונגס־פֿאַרװאַלטונג

אין [לעטלענדער] בילדונג־מיניסטעריום [ריגע 1928]. איך האָב געמעגט דאָס טון, ווײל איך האָב דערויף אַ דירעקטן דערלויב פון פּ׳ יודל מאַרקן, דעם הויפּטאָנטײלנעמער אין פֿאָרמולירן יענע כּללים, און אַגב האָב איך דין אַלײן באַטײליקט אין דער אָרטאָגראַפֿישער קאָנפֿערענץ אין ריגע, מײַ 25—26, 1928, ווו די דאָזיקע כּללים זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן.

„נאַטוראַליזירונג" פֿון די העברעיזמען.

69. די פֿראַגע וועגן אָפּהיטן אָדער ניט אָפּהיטן די העברעיִשע שרײַבונג פֿון די העברעיִזמען איז די עיקר־פֿראַגע פֿון יידישן אויסלייג. מיר האָבן אין טאָגטעגלעכן שפּראַך־באַנוץ אַ טאָסערע 1500—2000 העברעיִזמען. איז די פֿראַגע אַזאַ: צי זאָל מען האָבן אין יידישן אויסלייג בלויז אײן פּרינציפּ (וואָקאַלן באַצײכנט; די קלאַנגען k, w, ch, t, s אַלעמאָל באַצײכנט דורך די זעלבע אותיות) אָדער נאָך אַ צווייטן פּרינציפּ (וואָקאַלן בדרך־כּלל ניט באַצײכנט; k, w, ch, t, s באַצײכנט דורך אות־פּאָרלעך אָדער אַפֿילו דורך אַ דרײַלינג: כּ—ק, ב—וו, ח—כ, ט—ת, ס—ש—ת). די נאַטוראַליזירונג איז אַן ענין וואָס מען רעדט שוין וועגן דעם לאַנגע, און זינט 1920 איז זי דורכגעפֿירט אין ראַטנפֿאַרבאַנד דורך אַ דעקרעט.

70. ניט פֿון לאָגישן און ניט פֿון גראַמאַטישן שטאַנדפּונקט לאָזט זיך עפּעס זאָגן קעגן דער רעפֿאָרם. פֿאַרקערט, זי האָט אַלע לאָגישע מעלות אויף איר זײַט. די העברעיִזמען האָבן זיך צום טײל־גרעסטן טײל אַזוי אײַנגעבירגערט אין אונדזער שפּראַך, אַז עס וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט צו שרײַבן זיי אויפֿן אַלגעמײנעם שטייגער.

למשל פּאַנים, פּעניִמער, פּעניִמל; פֿאַרוואָס זאָל מען דאָס אויסלייגן לויט אַנדערע פּרינציפּן ווי ראָד, רעדער, רעדל אָדער סאָד, סעדער, סעדל?

אין באַטוסטזײַן פֿון פֿאָלק איז אויך ניטאָ קײן אונטערשײד אין אָפּשאַצן די פֿאַרשײדענע עלעמענטן פֿון יידיש. מיר זעען דאָס דערפֿון, וואָס „פּראָסטע" מענטשן שרײַבן אַלע מיני ווערטער אויף אײן שטייגער, און אויך אונדזערע עלטערע יידישע שרײַבער, צווישן זיי יוסף פּערל, מענדעלע און דיק, וואָס האָבן ווי באַוווּסט נישקשהדיק געקענט העברעיִש, האָבן ניט שטאַרק מקפּיד געווען אויפֿן אויסלייג פֿון די העברעיִזמען. מיר געפֿינען בײַ זיי אַזעלכע שרײַבונגען ווי יאַם און אַ סך אַנדערע.

פֿון דער צווייטער זייט געפֿינען מיר אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור פֿאַרשײדענע גערמאַניזמען געשריבן אויפֿן העברעיִשן שטייגער, אַ שטייגער נער (נאַר), תּתּה (סאָטע) א״אַנד; און ביז הײַנט שרײַבט מען בײַ אונדז אויף אַ ווילדן שטייגער קונדס פֿאַרפֿירט דורכן פּלוראַל, הגם דאָס וואָרט האָט צו העברעיִש קײן שום שײַכות ניט, אָדער חוזק, וואָס קער דיך גאָרניט אָן מיטן העברעיִשן „חזק".

[1] פֿאָלק הײלפֿערין נאָך מיט אַ יאָר 25 צוריק; מ. בירנבוים האָט געבראַכט אַזאַ פּראָיעקט צו דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ 1908.

71. אָבער לאָגיק און טעאָרעטישע קאָנסעקװענץ גילטן ניט אַלעמאָל אין לעבן, און ספּעציעל אין דער פֿראַגע װעגן יאָ אָדער ניט נאַטוראַליזירן די העברעיִזמען קענען זיך צונויף װײַזן עלעמענטן פֿון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. לאָמיר זײַ פּרוּװן פֿונאַנדערװיקלען.

72. דאָס ערשטע װאָס קומט דאָ אין באַטראַכט איז די א י נ ע ר צ י ע. בײַ יעטװידער אָרטאָגראַפֿישער רעפֿאָרם איז פֿאַראַן אַ װידעראַנאַנד צװישן די אינטערעסן פֿון די װאָס קענען שױן לײענען און שרײַבן, און צװישן די װאָס דאַרפֿן זיך נאָך ערשט לערנען. דער ראָש־המדברים בײַ די ערשטע איז דער צײַטונגס־מאַן, דער פֿירשפּרעכער פֿאַר די צװײטע — דער לערער. בײַ אונדז, װו די יידישע שול־סיסטעם איז נאָך אַ שיטערע און דאָס רוב יידיש־לײענער רעקרוטירן זיך נאָך בײַ הײַנטיקן טאָג פֿון צװישן אַזױנע, װאָס האָבן זיך געלערנט יידיש אױף עפּעס אַ הײמישן האַלב אָדער גאַנץ אױטאָדידאַקטישן אופֿן, איז די מחנה קאָנסערװאַטאָרן נאָך שטאַרקער װי אומעטום.

עס איז גענוג צו זאָגן, אַז אַפֿילו די קאָמוניסטישע „פֿרײהײט" אין ניו־יאָרק איז פֿאַרבליבן בײַ דער טראַדיציאָנעלער שרײַבונג פֿון די העברעיִזמען, הגם קײנער װעט איר ניט אױפֿװאַרפֿן אומפֿרײַנדלעכקײט צום נוסח מאָסקװע. דער טעם איז קלאָר: מען װיל ניט אָפּשרעקן דעם עולם װאָס איז צוגעװױנט צו דער אַלטער אױסלײג־סיסטעם. אָרטאָגראַפֿיע איז סוף־כּל־סוף אַ פֿאָרמעלער ענין, און מען װיל ניט צוליב פֿאָרמאַליטעטן מקריב זײַן דעם לײענער.

דאָס אײגענע איז מיט די עקסט־לינקע צײַטונגען אין פּױלן.

73. צו דעם קומט צו בײַ טײל עולם נאָך אַ טעם. די פֿראַגע װעגן שרײַבן א מ ת אָדער ע מ ע ס, ל ב נ ה אָדער ל ע װ אָ נ ע איז ניט פֿון דעם זעלבן מין װי שרײַבן ג ע ה ן אָדער ג ײ ן. די אינערציע איז דאָ פֿאַרקניפּט מיט ט ר אַ ד י צ י ע. פֿאַר אַ היפּשן טײל פֿון דער יידישער אינטעליגענץ מײנט דער נאַטוראַליזירטער אױסלײג, אַז מען גײט אױסראָטן די טראַדיציע, אַז מען רײַסט אָפּ די יידישע שפּראַך פֿון איר יידישן מקור. אַזאַ סענטימענט טאָר קײן שום אָרטאָגראַפֿישע רעפֿאָרם ניט איגנאָרירן.

74. אָבער אַפֿילו װען מען זאָל זיך װעלן רעכענען נאָר מיט דער אַבסטראַקטער לאָגיק, װעט זיך אױך אַרױסװײַזן, אַז די צװעקמעסיקײט פֿון דער נאַטוראַליזירונג איז נאָר אַ געדוכטע. װאָרים װער עס זאָל ניט באַשליסן די דאָזיקע רעפֿאָרם, װעלן אַלעמאָל בלײַבן גרױסע שיכטן יידן װאָס װעלן זי ניט אַקצעפּטירן און שרײַבן װײַטער אױפֿן אַלטן שטײגער. דער סוף װעט זײַן נאָך אַ גרעסערע צעשפּאַלטונג צװישן די יידישע שרײַב־סיסטעמען, און דערפֿון װעט יידיש װי אַ קולטור־שפּראַך אַ סך מער פֿאַרלירן אײדער געװינען.

75. דערמיט מײן איך ניט צו מאַכן צו קלײנגעלט דעם מאָטיװ, אַז

דאָס לערנען שרײַבן און לײענען די העברעיִזמען פֿאָדערט גרויסע אָנשטרענ־
גונגען און גיט שטאַכע רעזולטאַטן. אָבער איך בין זיכער, אַז דער גרעסטער
טייל דעפֿעקטן נעמט זיך דערפֿון טאָס די מ ע ט א ָ ד י ק פֿונעם אויסלייג־לימוד
איז נאָך ניט אויסגעאַרבעט. איז טיבאַלד די געזעלשאַפֿטלעך־פּסיכאָלאָגישע
מניעות פֿאַר דער רעפֿאָרם זײַנען אַזױנע שטאַרקע, טעלן אונדזערע פּעדאַגאָגן
מוזן לייגן זייער הויפּט־אַכט אויף אַטעקשטעלן די מעטאָדיק (דער לימוד spelling
אין ענגליש טעט אונדז אַ סך צוהעלפֿן), אָנשטאָט צו פֿאָדערן די רעפֿאָרם פֿון
אויסלייג.

76. דאָס הייסט ניט בשום אופֿן, אַז טעגן העברעיִזמען טעט גלאַט ניט
זײַן טאָס צו ריידן אויף דער אָרטאָגראַפֿישער קאָנפֿערענץ פֿון ייטאָ. פֿאַרקערט,
עס איז דאָ אַ סך טאָס צו ריידן. אָבער עס דאַרף גיין, לפי־דעתי, בלויז אין
פּרטים, אין קלאַסיפֿיצירן, רעגולירן און אויסשטימען, און דעריבער טעט טעגן
דעם קומען צו רייד אין אַ טײַטערדיקן קאַפּיטל.

פֿ אָ ד ע ר ט ר אַ פֿ ן, פּ ר ע פּ אָ ז י צ י ע ס, פּ אַ ר ט י ק ל ע ן.

77. א ו מ־.

אומאָפּהענגיק, אומגליק, אומנוציק.

78. א ו י ף, אַ ר ו י ף.

אויפֿרײַסן, אַרויפֿציִען. זע 81.

איך בין קעגן דער שרײַבונג א ו ף, טאָס איז אָנגענומען אין רוסלאַנד
און אין לעטלאַנד, הגם זי איז „פֿאָנעטיש" פֿאַר טייל געגנטן און קען זיך
אויך באַרופֿן אויף דעם דיאַלעקטישן ענטפֿערער („אַנטשפּרעכער" בלע"ז) .if
אַ גרויסער טייל יידן זאָגט אָבער $\bar{o}$f; איז פּונקט אַזוי טי מען שרײַבט h$\bar{o}$s—
הויז, mos—מויז אאַז"ט, אַזוי איז פֿאַר יענעם (לויט מײַן אָפּשאַץ, דעם גרע־
סערן) טייל „פֿאָנעטיש" די שרײַבונג א ו י ף.

עס לאָזט זיך אגב גאָרניט איינווענדן קעגן דעם, אַז אין דער מער געהויבענער אויס־
שפּראַך זאָל מען זאָגן ojfštejn, פּונקט ווי דער ליטוואַק לערנט דיך אויס צו זאָגן
lojfn אָנשטאָט lejfn.

79. אַ נ ט־.

אַנטלויפֿן, אַנטלײַען, אַנטשלאָפֿן טערן (אָבער: ע נ ד ג י ל ט י ק, ע נ ד־
ג ל י ד ע ר, ע נ ד ל ע ך, טו דער ערשטער טייל איז ע נ ד־, סוף).

80. אָ פּ, אַ ר אָ פּ.

אָפּגיין, אַראָפּגיין.

81. אַף.

אַפן טיש, צַף דער פּאָליצע, אַף טיש און אַף בענק.

להיפּוך צו דער ביז איצט אין פּוילן אָנגענומענער שרײַבונג לײג איך פֿאָר צו דיפֿערענצירן: די פּרעפּאָזיציע אַף, דעם טערבאַלן צוגאָב אויף. מאָטיװן:

א. די אויסשפּראַך איז אַ פֿאַרשײדענע.

ב. עס איז ניטאָ קײן אײן פֿאַל, װו די פּרעפּאָזיציע זאָל קלינגען אין דער אויסשפּראַך אַזוי װי דער טערבאַלער צוגאָב. פֿאַר אַ פֿאַרגלײַך לאָמיר נעמען די פּרעפּאָזיציע בײַ.

בײַ מיר אין שטוב,

אָבער:

איך האָב דאָס baj מיר,

װו די אויסשפּראַך baj (בײַ) פֿאָדערט די בײַ-שרײַבונג אויך אין אַן אומבאַטאָנטער שטעלונג. להיפּוך דערצו:

דאָס בוך איז אַפן טיש.

— װו? אונטערן טיש?

— ניט אונטערן טיש, נאָר אַפן טיש.

ג. עס איז ניטאָ קײן אײן געגנט, װו די פּרעפּאָזיציע זאָל קלינגען ojf.

ד. עס באַגעגענען זיך שוין אָבער יאָ פֿאַלן, װו די שרײַבונג איז משפּיע אויף דער אויסשפּראַך; פֿון גוטע שילער, אָדער בײַ כאַרגעזאַנג, הערט מען, װאָס װײַטער אָפֿטער, די כמו „ליטעראַרישע", עמהאַרצישע פֿאָרם: ojfn הױכן באַרג, ojfn גרינעם גראָז אאַז"װ. מען מוז מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער שפּראַך-פֿאַרדאַרבעניש דורך אויסלײג, אין דער צײַט װאָס קײן שום אויסשפּראַך-מאָטיװן באַרעכטיקן ניט די אויף-שרײַבונג.

ה. אײן טעם נאָר איז פֿאַראַן, װאָס זעט אויס צו זײַן לאָגיש: אַז עס זײַנען פֿאַראַן געגנטן, װו מען זאָגט ניט af, נאָר of (ofn טיש). אָבער דאָס װאָס אײן טײל בלײַבט באַעלט איז קײן גרונד ניט אײַנצופֿירן אַ שרײַבונג װאָס איז גרײַזיק פֿאַר אַלעמען.

הלמאַי פֿירט מען ניט אײן די שרײבונג דערמוינען צוליב דעם װאָס טײל ײדן זאָגן דערמסנען און אנדערע דערמanנען?

איך האָב גאָרניט קעגן דעם, אַז מען זאָל דערלאָזן די פּאַראַלעלע שרײַבונג אָף; עס װעט ניט שטערן קײנעם, און אַ פֿאַרלײַכטערונג װעט דאָס זײַן אַ גרױסע.

סומירנדיק די §§ 78 און 81, קום איך הײַסט עס צום באַשלוס: פּרעפּאָזיציע און טערבאַלער צוגאָב דיפֿערענצירט, אָבער ניט צַף — אוף, נאָר אַף (אָף) — אויף.

82. באַ־

באַגליקן, באַקומען, באַראָטן, באַרײַסן; באַגלײַך, באַדאַכט, באַזאַכט, באַחנט, באַשײַמפּערלעך.

דערפון דאַרף מען אָפּטײלן דעם העברעיִזם ב״, וואָס קומט אויך טײלמאָל אין ניט־העברעיִזמען: בגוואַלד, בגראַנדע, בלאַנגזאַם, בקאָמפּאַניע.

83. בײַ, בײַ־.

בײַ מיר, בײַ מיר; בײַם זינען, בײַם קוואַל, בײַ דער זײַט; בײַ טאָג, בײַ נאַכט, בײַנאַנד, בײַצײַטנס; דערבײַ, בײַבאַטײַט, בײַגאַרטל, בײַהאָר, בײַוואָרט, בײַזאַך, בײַטײַך, בײַקול.

וועגן דעם טעם פון שרײַבן בײַ טאָג באַזונדער, בײַצײַטנס צוזאַמען זע ווײַטער אין דעם קאַפּיטל צונויפזאַצן, § 231.

אילוסטראַציעס צו 82 און 83:

ער איז בײַ געלט; ער איז באַגעלט (אָפּגעפּאָרבן אויף געלט).—בײַשטײן דעם ניסיון; באַשטײן זײַן שטעטל. — בײַלײגן אַ באַשטעטיקונג (צוגעבן); באַלײגן דעם טיש מיט טעלער, באַלײגן אַן עקזאַמען.

84. גע־

85. דער־

דערבײַ, דערצו, דערקוטשען.

אַנדערע שרײַבונג — דאַ־ אָדער דאַר־ — נאָר ווען מען וויל ספּעציעל איבערגעבן עמעצנס אויסשפּראַך.

86. פֿונאַנדער.

ניט „פֿאַנאַנדער“ אָדער „פֿאַרנאַנדער“.

87. פֿאַר־

פֿאַרהאַלטן, פֿאַררײַסן.

88. צו.

א. אַלס פּרעפּאָזיציע: קומען צו׳ זיך; קום אַהער צו מיר; אַראָפּצו (דיאַלעקטיש: אַראָפּצוצו).

ב. בײַם סופֿין: געבן צו וויסן, ווי עס באַדאַרף צו זײַן. אויב אָבער דאָס צײַטוואָרט האָט בײַ זיך דעם ווערבאַלן צוגאָב צו, ווערן בײדע „צו“ געשריבן צוזאַמען מיטן צײַטוואָרט: איך פֿיל זיך צוצוגײן, צוצונעמען, צוצולײגן.

ג. אַלס ווערבאַלער צוגאָב: צוגײן, צוהאַלטן, צוטראַכטן; אויך בײַ אַדווערבאַטיווע סובסטאַנטיוון: צוגאָב, צוגאַנג, צושפּרינגל, און בײַ פּאַרטיציפּן: צוגעלאָזט, צוגענומען.

ד. אַלס אַדווערב (פֿאַר אַדיעקטיוון און אַדווערבן): צו פֿיל, צו ווײניק וואָס צו איז איבעריק.

ה. אין אַזױנע װערטער װי צוגלײַך, צוזאַמען, צוליב, צונױף, צופרידן צופונס, צוקאָפּנס, צוריק, צושטײַער.

װעגן דער שיטה פון שרײַבן צונױפזאַצן צוזאַמען אָדער באַזונדער זע אין א װײַטערדיקן קאַפּיטל.

89. צ י.

פרעגפּאַרטיקל: צי װײסטו?

„צי“ בלײַז אױב מען װיל איבערגעבן גענוי עמעצנס דיאַלעקטישע אױסשפּראַך.

90. צ ע־.

בײַ צײַטװערטער, װו דער פאָדערטראַף איז אָפּטײַלעדיק און האָט דעם באַטײַט „פֿונאַנדער“ (צעגײן, צעלאָזן, צעקריכן).

אין פאַל פון ספקות װעגן דעם, צי שרײַבן צו־ אָדער צע־, איז בעסער צו האַלטן אין זיכרון דעם כּלל 90. װיבאַלד דאָ רעדט זיך װעגן צײַטװערטער, זײַנען שױן ממילא אױסגעשלאָסן די גרופּעס § 88 א, ד, ה; װיבאַלד דאָ רעדט זיך װעגן פּשט „פֿונאַנדער־“, פאַלט אָפּ די גרופּע 88ב; ממילא בלײַבט איבער אױסצוקלײַבן צװישן די באַדײַנגען פון 88ג און 90.

איך רײד אין 88 און 90 װעגן דער אָפּטײַלעװדיקײט און ניט װעגן אַקצענטירט אָדער ניט־אַקצענטירט, מחמת אין טײל פּױלישן יידיש שטימט ניט די גלײַכונג אָפּטײַלעװדיק=אַקצענטירט און אומאָפּטײַלעװדיק=ניט־אַקצענטירט.

ענדונגען און סופיקסן.

A. בײַ סובסטאַנטיװן:

91. ־אָ ר.

דאָקטױר, דירעקטאָר, פּראָפעסאָר, רעדאַקטאָר.

דאָקטאָר מיטן פּשט: ד״ר מעדיצין—קען אױך געשריבן װערן ד אָ ק ט ע ר.

92. ־ה י י ט.

שײנהײט, גאַנצהײט.

ניט צו פֿינטלען מיט אַ פּתח, מחמת אינעם גרעסטן טײל יידיש װערט די ענדונג אַרױסגערעדט hejt (אוקראַיִנע) אָדער hajt (פּױלן), אַזױ װי דער סופיקס ־הײט (לעבעדיקערהײט), מיט װעלכן ער איז אידענטיש לױטן אָפּשטאַם.

93. ־י ם.

דאָקטױרים, טײַטאָלים, נאַראָנים, פּױערים.

94. ־י ן, ־י נ ט ע.

בײַ מאָטירטע פעמינין־סובסטאַנטיװן: לערערין, האַרינטע.

95. ־י ק.

ישראָליק, איציק.

96. ־יקייט.

ליכטיקייט, פריידיקייט.

ניט צו פינטלען מיט פתח צוליב די טעמים וואָס אין § 92.

דעם כּלל קען מען פאָרמולירן אַזוי: אויב די ־יק־ענדונג פון אַדיעקטיוו (ליכטיק) באַגעגנט זיך מיט דער ענדונג ־קייט, ווערט געשריבן בלויז איין קוף. אַנדערש איז אָבער, ווען דער ערשטער קוף געהער צום שורש פון אַדיעקטיוו; יעמאָלט דאַרפן געשריבן ווערן צוויי קופן: געשמאַקקייט, קראַנקקייט (אויך קראַנקהייט), שלאַנקקייט — פּונקט ווי מיר שרייבן קלוגקייט און ניט קלוקייט, לאַנגקייט און ניט לאַנקייט.

97. ־ל, ־לעך.

מיידל, מיידלעך. זע § 99.

98. ־עכץ.

אויסלייגעכץ, געקעכץ, טועכץ, טייגעכץ.

99. ־עלע, ־עלעך.

מיידעלע, מיידעלעך.

אַלע אַנדערע שרייבונגען (־ילע, ־אַלע) נאָר ווען מען איז ספּעציעל אויסן איבערצוגעבן עמעצנס דיאַלעקטישע אויסשפּראַך.

100. ־עניש.

אָרדענונג, האָפענונג, רעכענונג.

101. ־עניש.

באַדערפעניש, לייעניש

102. ־קע

לערערקע, שניידערקע.

103. ־קייט.

ביזקייט, שיינקייט.

ניט צו פינטלען מיט פתח צוליב די טעמים וואָס אין §§ 92 און 96.

B. ביי אַדיעקטיוון און אַדווערבן:

104. ־הייט.

געזונטערהייט, הייסערהייט.

־הייד ווערט ניט דערלאָזן; ניטאָ קיין איין פאַל, ווו ס׳זאָל זיך הערן אַ ד.

105. ־וויִיז

טײלװײַז, שורותװײַז.

106. ־יק.

ליכטיק, פרעכטיק. זע § 96.

אויך ביליק, הגם דער אָפּשטאַם איז אַן אַנדערער און מיר האָבן נאָך פון דער אַלטער פאָרם דעם צווייטן שטאַפּל בילכער, לעבן בילי־קער — טעלטעלער.

107. ־יש.

טערקיש, יידיש.

108. ־לאָז.

הימלאָז, קינדערלאָז.

ניט לויז: ביכערלויז איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי ביכערלאָז.

109. ־לעך.

בלינדלעך, גליקלעך, דערלאָזלעך.

110. בײַם סופּערלאַטיוו:

א) ס+ס=ס: דער זיסטער, דער נאַסטער.

ב) ז+ס=ז: דער בייזטער.

ג) ש+ס=שס: דער פרישסטער, נאַרישסטער

טעמים צו א) — צוויי פונאַנדער קאָנסאָנאַנטן שרײַבן מיר ניט, סײַדן בײַ פּרעפיקסן (זע ווײַטער). צו ב) — ז גיט איבער דעם זעלבן קלאַנג וואָס ס, בלויז מיט אַ צוגאָב שטימיקייט. צו ג)—ש איז אַן אַנדערשמיניקער קלאַנג איידער ס, דעריבער מעג מען די אותיות שטעלן בײַנאַנד.

C. בײַ ווערבן.

111. אין דער דריטער פּערזאָן איינצאָל, אין דער צווייטער פּערזאָן מערצאָל און אין דער באַפעל־פאָרם:

ט+ט=ט: רײַט, היט, ־בעט.

ד+ט=דט: שנײַדט, רעדט.

112. בײַם שוואַכן פּאַרטיציפּ:

ט+ט=ט: היטן—געהיט, שאַטן—געשאַט אאַז"וו.

ד+ט=דט: גערעדט, אויסגעמײַדט.

אַנדערש בײַם שטאַרקן פּאַרטיציפּ: געשניטן, אויסגעמיטן.

113. ־בײַ דער צווייטער פּערזאָן איינצאָל:

ס+סט=סט: דו עסט, דו רײַסט.

ז+סט=זט: דו בלאָזט, דו עײַזט.

דז+סט=דזט: דו האַלדזט.

צ+סט=צט: דו הײצט.

ש+סט=שסט: דו װאַשסט.

טש+סט=טשסט: דו פּאַטשסט, דו עינטשסט.

ת+סט=תט: דו ממיתט.

טעמים װי אויבן 110; צ װערט באַהאַנדלט װי טס.

114. ־יקן.

רײניקן, שעדיקן. זע 96 און 106.

װאָקאַלן.

אַלעף.

115. אָנהײב װאָרט א פֿאַר ו, וו, י, יי, ײַ: אומעטיק, אויען, אינדזל, אײ.

116. דאָס אײגענע װען עס קומען צו פּרעפֿיקסן: פֿאַראומערט, געאויקעט, אײַנאיבן, פֿאַראײניקן, געאײַלט.

117. דאָס אײגענע אין צונויפֿזאַצן (אויסער מיט פּרעפּאָזיציעס װי אַ צװײטער באַשטאַנדטײל): באַקאויען, הינעראײ, אינאײנעם, באַנדאײַזן.

118. װען דער צװײטער באַשטאַנדטײל פֿון צונויפֿזאַץ איז אַ פּרעפּאָזיציע װאָס הײבט זיך אָן מיט אַן אַלעף, װערט בײַם צונויפֿזעצן קײן אַלעף ניט געשריבן: דערויף, דערום, דערונטער, דעריבער.

אויף דעם סמך לײג איך פֿאָר אויך: דורכויס, פֿאָרויס.

119. אָנהײב טראַף װאָרט-אין װערט קײן אַ״ג „שטומער" אַלעף ניט געשטעלט, נאָר בײַ i קומט אומבאַדינגט חיריק יוד (זע §§ 36—42). — װען דער טראַף הײבט זיך אָן מיט u, װערט קײן מלופּם ניט געשריבן (זע § 27), סײַדן מיר װעלן אָננעמען די סבֿרא פֿון §§ 32—34.

װי—יי (איבערקלאַנג).

120. בײַ סובסטאַנטיװן אין פּלוראַל אָן ענדונג: פֿויגל—פֿײגל.

121. בײַ סובסטאַנטיװן אין פּלוראַל מיט דער ענדונג ־ער: בוים—בײמער.

122. בײַ סובסטאַנטיװן אין פֿאַרקלענערװערטער: בוים—בײמל—בײמעלע—בײמעלעך.

יײזל; אָבער צו דעם איז פֿאַראַן אין פּױלישן ייִדיש אַ פֿאַרגרעסער-פֿאָרם יײז, און דערצו װידער אַ פֿאַרקלענערװאָרט יײזל (jejzl)[1].

אױבן — אײבערשטער.

123. טוער-נאָמען (nomen agentis) פֿון סובסטאַנטיװ:

אין קאָלאָמײ מאַכט מען אַן אונטערשײד צװישן ר ױ ב (oj) און ר ײ ב ע ר (aj); אין כעלעם: ר ױ ב—ר ױ ב ע ר (oj). די צעשײדונג, װאָס איז היסטאָריש אינגאַנצן באַרעכטיקט, באַגעגנט זיך מיסתּמא אױף אַ גרעסערער טעריטאָריע; נאָר צי איז כּדאַי צו פֿאָדערן די ײ-שרײַבונג פֿאַר דעם ליטעראַרישן אױסלײג?

124. אַדיעקטיװ (אָן סופֿיקס) און סובסטאַנטיװ גײען זיך פֿונאַנדער:

הױך — די הײך
גרױס — די גרײס.

ב ל ױ ז (נאַקעט) — דער ב ל ײ ז (פּױליש-ייִדיש), דער ב ל ױ ז (ליפּשיץ). הײסט עס בײדע פֿאָרמען, מיט און אָן אײבערקלאַנג.

די מ אָ ר ג נ ר ױ ט אָדער -ר ײ ט? דער כּלל װאָלט געפֿאָדערט אײבערקלאַנג. נאָר צי איז דאָס אַ גענירשנט װאָרט אין דער הײַנטיקער שפּראַך? אױב ניט, קען פֿאַרשטערט װערן דער איבערקלאַנג-כּלל.

125. אַדיעקטיװ (מיט סופֿיקס) און סובסטאַנטיװ גײען זיך פֿונאַנדער: גרױל—גרײַלעך (דיאַלעקטיש: גרײַליק), רױט—רײטיק (12-רײטיק זילבער), ברױט—בײטיק.

דער אַדיעקטיװ פּ ר אַ נ צ ײ ז („ער רעדט פּראַנצײז װי אַ װאַסער"), פּ ר אַ נ צ ײ ז י ש (דערצו איראָניש, װי אַן אַנאַלאָגיע צו „דײטשמעריש", אױך פּ ר אַ נ צ ײ ז ש מ ע ר י ש, זע משה לערער, יידפּיל 242) האָט זיך אָפּנים אין דער ליטעראַטור-שפּראַך ניט אָנגענומען; מען שרײַבט כּסדר פּ ר אַ נ צ ױ י ז י ש. צי איז נאָך כּדאַי זיך אָנצונעמען פֿאַר דעם איבערקלאַנג?

ק ױ ט י ק; דער סובסטאַנטיװ ק ױ ט איז אין ייִדיש פֿאַראַן דוכט זיך בלױז אין טײַעלסקױט — חלבנה.

126. ערשטער און צװײטער שטאַפּל פֿון אַדיעקטיװ גײען זיך פֿונאַנדער: װױל—װ ױ ל ע ר און װ ײ ל ע ר.

פּ׳ משה לערער גיט אױף אַזױנע בײַשפּילן פֿון זײַן דיאַלעקט (כעלעם):

װױל—װױלער (oj): „דײַן דבורהלה איז אַ װױל קינד; זי איז אַ סך װױלער פֿאַר מײַן פּערעלען". פּשט: פֿײַנער.

װױל—װײלער (aj): „מײַן מאַן איז שױן אַ סך װײלער דאָרט [אין דער ערד] פֿאַר מיר", זאָגט אַ פֿאַרביטערטע אַלמנה. פּשט: בעסער.

---

[1] דעם דאָזיקן בײַשפּיל און אַ רײ אַנדערע װיכטיקע בײַשפּילן צום איבערקלאַנג האָב איך צו פֿאַרדאַנקען פּ׳ משה לערערן.

צי איז כדאַי אין דער אַלגעמיינער ליטעראַרישער שפּראַך אָפּצוהיטן אַזאַ ניואַנסירונג?

127. סובסטאַנטיוו (אַדיעקטיוו) און ווערב גייען זיך פונאַנדער:

דער רויך—רייכערן
דער טויט—טייטן
די נויט—נייטן
דער גלויבן—גלייבן
רויט—רייטלען זיך

להיפּך דערצו וי אין צײַטוואָרט:

לויפן—אָבער ל י י פ ע ר (אויך: לאַפער), שילער=ג ע ל י י ף.

די a-פאָרמען לאפער, געלאף, ארפגעלאף זייגען אריינגעדרונגען צו אונדז פון מערב־ייִדיש.

128. פּרעזענס=שורש און פּאַרטיציפּ=שורש פון ווערב גייען זיך פונאַנדער:

א) שטאַרקע ווערבן: בייגן—געבויגן
הייבן—געהויבן
זייגן—געזויגן.

ב) שוואַכע ווערבן: געוויינען—געוווינט[1].

129. בײַם אויפשטעלן די כללים פון איבערקלאַנג אין ייִדיש איז מכריע דאָס פּוילישע ייִדיש, וואָס מאַכט אַזאַ בולטן אונטערשייד צווישן bojm—, bajmele, nojt—najtik אאַז״וו, אַז פאַרבייגן דאָס אין אויסלייג איז אוממיגלעך. דער ליטוואַק, קען מען זאָגן, וואָס רעדט דאָך ברויט און נויט אויך אַרויס מיט ej, מוז זיך אויסלערנען צו ניצן דעם איבערקלאַנג אויפן ריכטיקן אָרט; אַ פראַגע איז נאָר וועגן יענע איבערקלאַנגען ווי רייבער אָדער ווײלער וואָס זײַנען אויך אין ניט=ליטווישן ייִדיש ניט קיין נאָרם.

עס איז אָבער פאַראַן איין אַלגעמיינער אומשטאַנד, וואָס מאַכט אונדז זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם גאַנצן ענין. פאַראַן אַ געגנט אין דעם איבערגאַנג=שטח פון ליטוויש צו דרום=ייִדיש, וו מען איז גאַנץ שאַרף מבחין צווישן ברייט און ברויט און פונדעסטוועגן זאָגט מען דאָרט בפירוש bojmele, nojtik. צי וואָלט מען ניט געדאַרפט צוליב דעם דן זײַן לכף זכות די וואָס לייגן אויס נויטיק, געגלויבט און ניט פּסלען אַזעלכע שרײַבונגען פאַר גרײַזיקע?

וי — יִי.

130. אומגעהײַער.

„אומגעהויער" איז פאלש; דאָס מה״ד j האָט געמוזט געבן ā/aj (ווי liute — לייט, biuten — בייטן אאז״וו), און אזוי קלינגט טאקע דאָס וואָרט ביי אונדז אומעטום חוץ ס׳איז היימיש. די וי-שרייבונג און oj-אויסשפּראַך איז דייטשמעריש.

[1] אָבער בלויז: געווויינטלעך.

ײ — ײַ.

131. פֿון דעם אַלגעמײנעם כּלל מיטל־ײדיש aj: מזרח־ײדיש ej ברעכן זיך אַרױס עטלעכע װערטער װאָס מיר האָבן אַריבערגענומען פֿון נײַהױכדײַטש: פּאָליצײַ, פּאַרטײַ, צװײַפֿל, רײַ (אין ליטװישן ײדיש מיט ej, הגם דער מה״ד i װאָלט געפֿאָדערט aj); גײַסט, לײַסטן, קרײַז, רײַזע (אין ליטװישן ײדיש מיט aj, הגם דער מה״ד ei װאָלט געפֿאָדערט ej). צו דער לעצטער גרופּע קומט נאָך צו דער סובסטאַנטיװ־סופֿיקס ־הײַט, ־קײַט (heit־, keit־), װו דער ליטװישער hajt־ איז אױך היסטאָריש ניט־באַרעכטיקט.

איז די פֿראַגע: צי זאָלן מיר אױסלײגן גײַסט, לײַסטן (אױב מיר זאָלן דאָס דאָזיקע דײַטשמערישע װאָרט בכּלל אַקצעפּטירן), קרײַז, רײַזע, ־הײַט, ־קײַט און דערמיט ברענגען צו אַ נסיון די פּױלישע ײדן (װײַ איז דאָך פֿאַר זײ בדרך־כּלל ā) אָדער שרײַבן גײסט, קרײז אאַז״װ און דער־מיט באַװעלן די ליטװיש־רײדערס?

פּאָליצײ (און אַמאָל אױך פּאַרטײ) באַגעגנט זיך אױך מיט דער aj־אױסשפּראַך, יעמאָלט איז עס כּשר לכל הדעות.

יוד.

132. אױף צו באַצײכענען די פּאַלאַטאַליזירונג פֿון אַ קאָנסאָנאַנט (אַחוץ אין אינטערנאַציאָנאַלע װערטער) װערט באַנוצט דער יוד: דיאָד, טיאָכקען, ליאַדע, ליאַליע, ליאַמעטען, ליאַרעם, ליובעניו, ליולקע, מיאַוקען, ניאָמע, ניאַניע, ניוטע, סאָניע, סאָזיע, פּיאַטע, פּיעקעליק, ריאַבינע.

בנוגע טײל װערטער קען זײן אַ ספק: פּיעקעליק צי פּעקעליק, ריאַבינע צי ראַבינע. אָבער דאָס איז שױן ניט קײן פֿראַגע פֿון שרײבונג, נאָר פֿון ריכטיקער אױס־שפּראַך (אָרטאָעפּיע). דער איצטיקער כּלל מײנט נאָר, אַז אױב מיר װילן איבער־געבן די פּאַלאַטאַליזירטע („פּאַרװײכטע״) אױסשפּראַך, דינט דערױף דער יוד.

אײַען.

133. פֿאַר אַ ב נאָך נג און נק אין סובסטאַנטיװן און װערבן: שלאַנגען, פֿונקען; זינגען, טרינקען, זינגענדיק, טרינקענדיק, געזונגען, געטרונקען.

134. אָן ע אין אַדיעקטיװ־פֿאָרמען: גיב דעם לאַנגן שטעקן; בײַם קראַנקן ברודער. ממילא אױך: קראַנקן־קאַסע?

135. אָבער מיט ע, װען דער אַדיעקטיװ־שורש ענדיקט זיך אױף מ: דעם קרומען, דעם לאָמען.

136. ע אין דאַטיװ און אַקוזאַטיװ פֿון פּרט־נעמען װאָס ענדיקן זיך אױף ע: ליפּען, סאָניען, לײבקען, מענדעלען.

137. מענלעכע משפּחה־נעמען אױף ־ע אין דאַטיװ און אַקוזאַטיװ אָן ע: דעם טאַטן, דעם זײדן.

138. ווײַבלעכע משפּחה־נעמען אויף ־ע אין דער בײַגונג מיט ע: דער באָבען, דער מאַמען, דער מומען.

139. מעקען, קוויטשען אאַז״וו (ווײַל: ער מעקעט, קוויטשעט), אָבער: מעקן, ווישן (ער מעקט, ווישט).

140. ei פאַר נג, נק ווערט געשריבן דורך ע: ענג, לענגער, בענקען, שוועקען.

141. אידעיִש (פון אידעע), אײראָפּעיִש, העברעיִש (העברעער).
אָבער: פּאַרטײיִש (פּאַרטײ), פּאָליצײיִש (פּאָליצײ).
פּעיִק (ניט יי), מחמת אין פּוילישן יידיש איז ניט fajik.

142. פאַר ־ם: בוידעם, וואָרעם (פּלוראַל: ווערעם), פּאָדעם, פורעם, שטורעם.

פאַרגלײַך: פורעם — פורעמס
פאָרם — פאָרמען.

אויב מען דערלאָזט פאָרמע, איז פּלוראַל: פאָרמעס.

אַנדערש בלויז: וו אָ ר י ם, אויך וו אָ ר ן (מחמת).

143. פאַר ־ר: טעאַטער, מעטער, צווינטער, צענטער (פּלוראַל: טעאַטערס, מעטערס, צווינטערס, צענטערס).

אויך ז ש אַ נ ע ר (genre), ווי עס שטייט אין אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע I, ז׳ 267?

144. אין צונויפשמעלצונגען: אינעם, פונעם.

145. פרט־פאַלן: גרענעץ, טאַקע, עמעץ (עמעצער), עפּעס, ערגעץ.

146. וועגן ־ל ע, ־ל ע ך און ־ע ל ע ך זע § 97, 99 און 109.

ק אָ נ ס אָ נ אַ נ ט ן.

147. דז נאָך ל און נ: האַלדז, געוויאַנדזלט, אונדז, אינדזל.

148. טאָפּעלע שרײַבונגען, מיט ד אָדער ט, אָפּהענגיק פונעם פּשט:
ג ר ו נ ט — דעק (ביזן גרונט, אין גרונט ביסטו גערעכט); ג ר ו נ ד — מאָטיוו (איך זע ניט קיין גרונד דאָס צו טון).

פ ר ײַ נ ט — קרוב; פ ר ײַ נ ד — גוטער פרײַנד.

ה. טשעמערינסקיס בײַשפּיל: מיר זײַנען מיט אים שטיקלעך פ ר יי נ ט ל ע ך, אָבער: ער האָט מיך צוגענומען זייער פ ר יי נ ד ל ע ך.

פ ײַ נ ט: איך האָב אים פײַנט; פ ײַ נ ד: ער איז מײַן פײַנד.

די ט־פֿאָרמען זײַנען עלטערע; די ד־פֿאָרמען זײַנען ייִנגערע אַנטלײונגען פֿון גײַהוילכדײַטש.

149. ט, ניט פּ אין די טײַטערדיקע ווערטער: בריט, ווערסיפֿיקאַציע (אָבער פֿערז!), טײַטל, ליטערן, נערט, פּרוטן (אויך: דער פּרוט), שטיטל.

150. ט אין די טײַטערדיקע ווערטער: אָוונט, געגנט, טוגנט, יוגנט.

ניט אָוונד, יוגנד אאַז״וו.

151. טש נאָך נ: בענטשן, ווינטשן, מענטש.

152. ־ם צי ־ן?

מיר האָבן דעם דאַטיוו־אַקוזאַטיוו איינצאָל פֿון אַדיעקטיוון אויף ־ן: דעם הארבן, גרויסן, פּרעכטיקן, אאַז״וו. בלויז אַדיעקטיוון וואָס זייער שורש ענדיקט זיך אויף ח נעמען אָן די ענדונג ־עם: דעם קליינעם, שיינעם אאַז״וו. צו דער לעצטער גרופּע האָט זיך אויך צוגע־בונדן נ י י, און מען ניצט ביי אונדז הי א נאָרם: ד ע ם נ י י ע ם. אָבער ווי אַזוי איז מיט ג ע נ ו י, פּ ר י י און ענלעכע? דאָ וואַקלט זיך דער באַנוץ.

איך לייג פֿאָר די אַדיעקטיוון וואָס זייער שורש ענדיקט זיך אויף אַ דיפֿטאָנג באַהאַנדלען אַזוי ווי נײַ. בכן: דעם ג ע נ ו י ע ם חשבון, דעם פֿ ר ײַ ע ם זינגער.

153. ס, ניט ז: דו ביסט, ביסטו.

154. פּ, ניט ב, אין די טײַטערדיקע ווערטער וואָס זײַנען שוין אין ייִדיש ניט פֿאַרקניפּט מיט קיין שום b־שורשים: א ו י ס ג ע ט ע פּ ט, א ו י פּ ס, ה י פּ ש, ל ע פּ ל ע ך, ק ע פּ ס ט ײַ ב, ק ר ע פּ ס.

א ו י ס ג ע ו ו ע פּ ט האָט קיין שייכות ניט צו „הובן", ל ע פּ ל ע ך (פּויליש־ייִדיש ביי־פֿאָרם איז לוילעך lōlech) ניט צו „לעבן".

ה אַ ר ב ס ט מיט ב, ווײַל עס איז כדאַי אויפֿצוהאַלטן די פֿאַרבינדונג מיט „האַרב".

155. פֿ אין ש ק ל אַ ף, ש ק ל אַ פֿ ע ר ײַ. דאָס וואָרט האָט זיך אַזוי אײַנ־געפֿירגערט, און אַזוי זאָל עס בלײַבן.

156. צ נאָך נ: פֿינצטער, פֿענצטער.

צי אויך ע ר נ צ ט? אין דער עלטערער ליטעראַטור האָבן מיר אַזאַ שרײַבונג, און איך וואָלט זי רעקאָמענדירט.

פּאַראַלעלע פֿאָרמען.

פֿאַראַן ווערטער וואָס גילטן בײַ אונדז אין פּאַראַלעלע פֿאָרמען.

157. װאָקאַלישע װאַריאַנטן:

בלאָ—בלױ, גראָ—גרױ.

געבוירן—געבאָרן

זײַן: זענט—זײַט, זענען—זײַנען.

טון—טאָן, געטון—געטאָן.

מיגלעך—מעגלעך.

נוצן—ניצן.

פאַרשידן—פאַרשײדן.

צוגעטײנט—צוגעטױנט.

קיניג—קעניג.

קענען—קאָנען.

די אונטערשײדונג קאָנען—können און קענען—kennen איז דוכט מיר אַ צוגע־טראַכטע און יעדנפאַל ניט קײן אײנגעבירגערטע.

ריידן—רעדן; אָבער בלױז: דו רעדסט, ער רעדט, איר רעדט, גע־רעדט, דער רעדנער און בלױז: די רײד, דער רײדער.

שטערן: געשטערן—געשטאָרן.

158. קאָנסאָנאַנטישע װאַריאַנטן:

אױבן—אױטן.

ניט—נישט.

פערטער—פערדער.

די דאָזיקע אַלע פאַלן מוזן שטײן צום באַהאַנדלען בײַם פאַראײנהײטלעכן דעם אױסלײג. הגם שטרענג גענומען גײען זײ שױן אַרױס פון גדר פון אָרטאָגראַפיע, פאַרװאַנדלען זײ זיך אָבער אין אַן אָרטאָגראַפישער פּראָבלעם, אױב עמעצער זאָל פאָרלײגן אײנצופירן אַן אײנהײטלעכע שרײבונג אומאָפּהענגיק פון דער אױססּראַך.

העברעיִזמען.

159. די שרײַבונג פון די העברעיִזמען אין יידיש האָט אין זיך צװײ שװעריקײטן: א) דער עצם פּרינציפּ פון שרײַבן איז אַן אַנדערשמיניקער און אַ האַרבערער אײדער בײַ די אַנדערע עלעמענטן פון דער שפּראַך; ב) אין דער אָנגענומענער שרײַבונג גופא איז ניטאָ קײן פולע אײנהײטלעכקײט. אױב מיר קענען ניט באַזײַטיקן די ערשטע שװעריקײט (זע אױבן §§ 71—73), מוזן מיר אָבער מאַכן אַ סוף צו דער צװײטער.

160. פון צװישן די פאַרשײדענע װאַריאַנטן אין שרײַבן העברעיִש דאַרפן מיר פאַר אונדזערע העברעיִזמען אין יידיש אױסקלײַבן יענעם אױס־לײג, װאָס איז פאַר אונדז דער סאַמע צוגעפּאַסטער. איך פּרוּװ פאָרמולירן די מיגלעכקײטן אין 3 פּונקטן:

א. אױב אין העברעיִש זײַנען פאַראַן עטלעכע גלײַכװערטיקע אױסלײג־

טאַריאַנטן פאַר איין קלאַנג, מעגן מיר מאַכן פאַר אַ נאָרם איינעם פון די טאַ־ריאַנטן, רעכענענדיק זיך מיט די באַדערפענישן פון יידיש.

דער כלל איז אָנגעװענדט אין §§ 161, 165, 168.

ב. טו העברעיִש האָט עטלעכע גלײַכטערטיקע אויסלייג־טאַריאַנטן פאַר עטלעכע קלאַנגען, קענען מיר זיי ספּעציפיצירן און צופעסטיקן יעדן שרײַב־טאַריאַנט צו אַ באַשטימטן קלאַנג־טאַריאַנט.

דער כלל איז אָנגעװענדט אין §§ 162, 166, 171.

ג. אויב מען זאָל זײַן געװוינט געטאָרנט, קען מען עפּעס מחדש זײַן אויך אין דעם אויסלייג פון די העברעיִזמען.

אויף דעם באַזיס זיינען געמאַכט די פאָרשלאָגן פון §§ 163, 169.

אַלעף אָדער היי?

161. אַדרבא, גימטריִא, גמרא, דעקא, מיִסתמא אָדער אַ ד ר ב ה, ג י מ ט ר יִ ה, ג מ ר ה, ד ע ק ה, מ יִ ס ת מ ה?

איך טאָלט נוטה געטען צו פיקסירן די ה־שרײַבונג, הגם זי איז הײַנט טייניקער געברויכיק, מחמת זי גלידערט זיך אײַן אין אַ גרויסער צאָל העב־רעיִזמען טו הי טאָ־ט־אויס = ə: אַדמה, דיִרה, מיִלחמה אאַז"ט; פאַרקערט, אַלף טאָרט־אויס הענגט אין אונדזער שרײַבסיסטעם אין דער לופטן.

װעגן דעם י ו ד אין גיִמטריִה, מיִלחמה, מיִסתמה זע § 167. װעגן ח אין ד װ ו ק ה זע § 165.

װאָװ.

162. דער אות טאָט קומט אויס בײַ אונדז טי דער שריפט־עקטיטאַלענט פאַר גאַנצע פיר טאָקאַלן: u (סוכּה), oj (קודם), o (סוד), ə (רחמנות). לאָזנ־דיק די פראַגע טעגן דעם ə ביז § 164, מאַך איך בנוגע די ערשטע דרײַ מיגלעכקייטן דעם פאָרשלאָג (זע §§ 32—34) צו ד י פ ע ר ע נ צ י ר ן די צייכנס טאָס מיר האָבן בירושה פון העברעיִש, דהײַנו:

u טערט אויסגעדריקט דורך וּ
oj טערט אויסגעדריקט דורך וֹ
o טערט אויסגעדריקט דורך ו.

הייסט עס:

וּ: גדולה, דיִבוקים, חומש, חוצפה, לוח, מגושמדיק, מוקצה אאַז"ט.

ממילא אויך, בכדי צו שאַפן אַ מער אייגהייטלעך שריפטבילד, דעם מלופם־װאָװ אין אַלע װערטער אין דרוק: בוך, טוך, רוּק, שול אאַז"װ.

ו: בולט, ברוגז, (בענטשן) גומל, דוחק, חומר, טובה, מורא, סחורה, פועל־יוצא אאַז"ט.

ו: דור, זול, טוב, סוד, סוף, קול אאַז"ט.

163. גײענדיק מיט אַ גאַנג טאָס איז געבויט אין אַ געטיסער מאָס אויף דער שרײַב־טראַדיציע, דאַרפן מיר דעם ו שטעלן אומעטום טו עס הערט זיך oj אין העברעיִזמען, ד"ה אויך דאָרט טו העברעיִש באַנוגנט זיך הײַנט מיט חולם אָן אַ טאָט. אַלזאָ: ביִכולת, הפטורה, כּוח, מוח, משה, קודם, שלומה אאַז"ט.

164. אַן איבעריקע שטעריקײט קומט אַרויס דערפון, טאָס מיר האָבן נאָך אַ פערטן טאָט, מיט אַן ə־פונקציע, טאָס דערגײט אין אַזעלכע טערטער טי bilbl, godl, losn ביז נול. אַרויסטאַרפן אים און שרײַבן לשן—לשונות, דור—דורות, יתם—יתומים האָט אַ געטיסע באַרעכטיקונג אין דעם על־טערן יידישן אויסלייגי, אָבער בײַם הײַנטיקן לײענער טעט אויסקומען זײער פּרעמד צו זען ביִזין—ביִזיונות, בילבל—ביִלבולים, גאָן—גאונים, גדל—גדולים, עד־הים (יום), צפן, דרם, שימשן אאַז"ט; און חוץ דעם טערט דורך אַזאַ שריפטבילד צעריסן די פאַרבינדונג צטישן צטײ פאַרשײדענע פאָרמען פונעם זעלבן טאָרט (חידש—היִדושים, קיִצר—קיִצורים אאַז"ט). דעריבער איז בעסער שלום צו מאַכן מיט דעם, אַז ו אָן אַ נקודה קען האָבן צטײ פונקציעס (אין אַלע דיאַלעקטן אונדזערע גלײַך):

ו אָן אַ נקודה אין אַן באַטאָנטן טראַף — o.

ו אָן אַן נקודה אין אַ אומבאַטאָנטן טראַף — ə, פאַר ־ל און ־ן אינגאַנצן ניט אַרויסגערעדט.

165. דער w־קלאַנג טערט אַלעמאָל אויסגעדריקט דורך צטײ טאָטן: אַטדאי, בכּיטן, דטיִד (זע § 168), דטקה, הלטאָה, הלטאַי, העטיה, טיִדוי, טיִכּוח, טעד, טתרן, זיִטוג, כּטנה, כּיִטן, לאַט, לוטה, לטיִ, מושטה טערן, עטלה, ענט, עניִטות, רטח (זע § 172).

אויב בכלל דערלאָזן אַן אויסנאַם פון דעם כלל, איז נאָר דאָרט טו דער טאָט האָט אַ פונקציאָנעלן באַטײַט: אײן טאָט טערט געשריבן טאָרט־אײַן, בשעת ער באַטײַט „און" (ויִברח, ויבוא המן, ויהי, ויכולו, ויִצעקו) אָדער טאָרט־אויס, טו ער באַצײכנט די דריטע פּערזאָן (כּל־ימיו).

אײַנפירן די קאָנסעקטוענטע ה־שרײַבונג איז אַ גוטטוענדיקײט. עס מוז דאָך זײַן אַ חילוק צטישן צואה און צוואה!

---

1 זע מײַנע „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטורגעשיכטע" ז' 208 הערה 15, ז' 212 הערה 1, ז' 217 הערה 8.

יוד.

166. דער אות יוד קומט אויס אין אונדזערע העברעיִזמען װי דער שריפט־עקװיװאַלענט פאַר פיר װאָקאַלן: i (מידה), $\frac{ej}{aj}$ (ברירה), $\frac{e}{ej}$ (ריוח), ə (פּרי — pejrə). דאָ קען מען זיך אויך העלפן מיט דיפערענצירן און פאַרפיקסירן.

167. יוד=i אַלעמאָל מיט אַ חיריק: דִינה, צדיקִים.

168. מיר מוזן זײַן קאָנסעקװענט בײַם דורכפירן די יוד־שרײַבונג װו עס הערט זיך i: בחִיפזון, זִכרון, נִיצחון, סִידור, פִּינחס, צִיפּורה, רִיבֿקה, שִׂמחה, שִׁפרה אאַז"װ.—א ש ה צי א ִ ש ה?

װו ס׳איז פאראן אַן אלעף, גייט ניט קיין יוד: ראשון.

169. איך מײן, אַז בײַ $\frac{ej}{aj}$ אין העברעיִזמען קענען מיר זיך פאַרגינען צו גײן אַ ביסל װײַטער װי די טראַדיציע און שרײַבן צװײ יודן (ײ) אָנשטאָט איין יוד: פון גזירה ביז גזײרה איז שוין ניט אַזױ װײַט. אויב מיר זאָלן דאָס אַקצעפּטירן, װעלן מיר אויסלייגן: אַבֿײדה, גזײלה, גזײרה, דבֿײקות, דײעה, הײפּוך (להײפוך), מדרײגה, עבֿײרה, פּײרוש (פּײרושים; אָבער: פּרוש—porĕs), פּלײטה, שלײמות, תּײכף.

אין אלע אנדערע פּרטים בלײַבט די שרײַבונג פון די דאָזיקע װערטער ניט געביטן.

170. יוד=ə בלײַבט אָן אַ נקודה: פּרי, חִילוּקי (=דעות).

171. אויב מיר זאָלן ניט װעלן גײן אײַנפירן די צװײ יודן=$\frac{ej}{aj}$, מוזן מיר פאַר דעם קלאַנג איבערלאָזן דעם ניט־געחיריקטן יוד (צירה יוד איז צו קאָמפּליצירט); יעמאָלט קענען מיר דעם כלל פאָרמולירן אַזױ (אָנשטאָט §§ 169 און 170):

אויב דער יוד אָן אַ חיריק שטײט אין אַ באַטאָנטן טראַף, באַצײכנט ער $\frac{ej}{aj}$; אין אַן אומבאַטאָנטן טראַף באַצײכנט ער ə.

172. יוד=e בלײַבט אומבאַצײכנט: גיִהנום, הזק, התר, רעת (רעחיִם), תּרוץ (תּרוצִים).

אויב מיר זאָלן אָננעמען דעם פאָרשלאָג פון § 169, װעט מערצאָל זײַן: הזײקות, התײרים.

173. מיט צװײ יודן שרײַבן:

דײן (dajen), דײנִים להיפּוך צו דִין (din), דִינִים.

שִׁרײם להיפּוך צו שִׁרִים (מערצאָל פון שִׁיר).

174. מיט איין יוד שרײַבן: חיל (חילות), העטיה, כּלי־זין, מבֿיש, מחיבֿ, מישבֿ, מקים זײַן.

175. מיט פתח צעיי יודן (ײַ) שרײַבן: דהײַנו, שײַכות.

176. די קאָמבינאַציע -ji טאָרט=אײַן טערט אין העברעיִזמען געשריבן, לויטן אַלגעמײַנעם כּלל פון אונדזער אויסלייג, ײי: ייחוס, יישוב. איך לייג פאָר אויסצושפּרייטן דעם כּלל אויף אַלע ji=פאַלן: ייזכור, ייצחק, יישראל, יירעת=הכבוד.

פ״גל די תנכישע שרייבונג: יִירָא—ער האָט מורא.

177. עס טערט לעגאַליזירט די נאַטוראַליזירטע שרײַבונג פון אַזוינע העברעיִזמען:

אַטאַיע (לעבן העטיה), באַהאַטנט, באַלן—באַלאָנים (לעבן בעלן—בעלנים)[1], באַלעבאָס, טאָמער, לאַטכענען (לאַקכענען), לייכעץ, מאַכטייסע, קונדעס (קונדייסים)[2], ריטע, שעכטן.

178. מען דאַרף זיך אויסלערנען צו האַלטן דעם גרענעץ צווישן:

מאַסע—אַ גרויסער סכום, אַ גרויסע צאָל (פלוראַל מ אַ ס ן) און
משא—לאַסט (משא=צוג, משא=טאַציע; פלור׳ מ ש אָ ו ת).

ש י ר—ליד
ש י ר—אָט=אָט (שיר ניט געפאַלן)
ש י ע ו ר—גרענעץ (אָן אַ שיעור).

פרעמדווערטער.

179. אַ י.

די שרײַבונג אַ י אין פרעמדווערטער איז איבעריק. טיבאַלד מיר פירן אײַן ײ און ײַ, קען מען מיט ײַ יוצא זײַן אין אַלע פאַלן:

מײַ, ניקאָלײַ, טראַמטײַ.

איי ס׳איז דאָ אַ מורא, אז די פּוילישע יידן וועלן לייענען ā? וועלן זיי — אויך אַן בייז! ס׳וועט נאָר זיין אַ סימן, אז די ווערטער האָבן זיך איינגעבירגערט.

180. אָ י.

די שרײַבונג אָ י אין פרעמדווערטער איז איבעריק: מיר קענען אויסלייגן ב ר ק אָ ט, ט אָ ל ס ט ר אאַז״ט.

---

[1] די שרייבונג „בעלן״ האָט בעצם קיין באַגרינדונג אין העברעיִש אויך ניט. לויט ז. קלמנאָוויטש נעמט זיך דאָס וואָרט פון העבר׳ „בלען״—איינשלינגער.

[2]) ב אַ ה אַ ו נ ט און ק ו נ ד ע ס זיינען אייגנטלעך ניט קיין העברעיִזמען, נאָר זיי ווערן אויפגענומען ווי העברעיִזמען און דערפאַר שרייבט מען ב אַ ׳ ה ב נ ׳ ט און ק ו נ ד ס. אין דער אמתן איז באַהאַונט אַ גערמאַניש וואָרט (behauen, זע ד. לייבל אין פיל״שריפטן פון ייוואָ III, 121); קונדס איז אַ סלאַוויזם (kundyś), און דאָס הייניטיקע העברעיִש האָט עס אַנטליען פון יידיש.

דאָ איז פאַראַן אַ מורא שוין ניט מצד די פּוילישע, נאָר מצד די ליטווישע ייִדן, אַז זיי וועלן דעם „יי״ לייענען ווי ej. אָבער די אויסשפּראַך oj ווערט געשטיצט דורך דער שול, און ממילא איז די מורא אַן איבעריקע; אַגב, אויב šejn (שיין) און brejt (ברייט) אאַז״וו איז מען יאָ געצוווּנגען איבערצוטראָגן, איז וואָס זשע וועלן מיר גיין אויסשטעלן אַ סיג דווקא פֿאַר דריי-פֿיר פּרעמדווערטער?

181. אוי צי אַוו?

די רוסלענדער צענטראַלע אָרטאָגראַפֿישע קאָמיסיע פֿאָרמולירט אין כּלל I 21 (ייִדישע שפּראַך 14, ז׳ 58): „די קלאַנגען au און aw אין אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער, וואָס זײַנען שוין אײַנגעגלידערט אין ייִדיש, שרײַבן פֿאָנעטיש אַוּ אָדער אַו, ניט אוי: אַודיטאָריע, אַודיענץ, אַוטאָמאָביל, אַוטאָריטעט, אַוטאָמאַט, אַוגוסט, נישט: אוידיטאָריע, אויטאָמאָביל, אויטאָמאַט, אויגוסט אאַז״ו״.

איך האָב איבערגעגעבן די ציטאַטע פּינקטלעך ווי זי איז געשריבן אין די באַשלוסן פֿון דער צענטראַלער אָרטאָגראַפֿישער קאָמיסיע, וועלכע זײַנען שפּעטער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם אויסלייג-דעקרעט (זע אין דעם איצטיקן זאַמלבוך ז׳ 72 א״וו). לויט דעם דאָזיקן דעקרעט פֿונקט 8 ווערט u באַצייכנט דורך וּ (און ניט ו) לעבן אַ=a, כּדי מען זאָל עס לייענען au און ניט u.

פֿאַר וואָסער שפּראַך איז פֿאָנעטיש avtoritet, avtomat אאַז״ו? פֿאַר קיין שום שפּראַך ניט. די רוסישע שרײַבונג автомат אאַז״ו קען איבערגעלייענט ווערן בלויז מיט f (פֿאַר אַ שטימלאָזן קאָנסאָנאַנט פֿאַרלירט דער v אויך זײַן שטימיקייט). פֿאַר וואָס פֿאַר אַ שפּראַך איז פֿאָנעטיש אַזאַ אויסשפּראַך ווי a-uditorje? ניט פֿאַר ייִדיש, נאָר פֿאַר רוסיש. און avgust, avrore און אַזוי ווײַטער איז אויך „פֿאָנעטיש״ נאָר פֿאַר די ייִדן וואָס זאָגן אַזוי. ממילא איז דער גאַנצער כּלל געבויט אויף אַ פֿאַלשער הנחה און ווײַזט אונדז נאָר, ס׳אַראַ שיטיקער פֿונדאַמענט עס איז די גאַנצע פֿאָנעטישקייט אינעם אויסלייג.[1]

אויף צו באַשיידן די פֿראַגע דאַרפֿן מיר אָנהייבן גאָר פֿון אַן אַנדער זײַט.

די פֿרעמדווערטער מיט au קומען פֿון צוויי מקורים: פֿון לאַטײַן און (אין אַ קלענערער צאָל, איבערהויפּט די ווערטער מיט -auto) פֿון גריכיש. טייל זײַנען גריכיש-לאַטײַנישע שעטנז-ווערטער, אַ שטייגער, automobil, autobus. נאָר אונדז גייט ניט אָן דער אָפּשטאַם. לאָמיר זיך בעסער פֿרעגן: צי איז די דאָזיקע קלאַנגען-קאָמבינאַציע כאַראַקטעריסטיש נאָר פֿאַר מאָדערנע אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער (ווי אַ שטייגער ü אין דײַטשע ווערטער, אָדער ы אין רוסישע אָדער w אין ענגלישע) אָדער די ייִדישע שפּראַך האָט געהאַט צו טון מיטן au-קלאַנג אַ סך פֿריער?

---

1 זע ז. קלמנאָוויטשעס אַרטיקל אין דעם איצטיקן זאַמלבוך, ז׳ 3—17.

דער ענטפער איז: עס זײַנען פֿאַראַן אין יידיש ווערטער אין די הונדערטער, וואָס אין דער מקור־שפּראַך (דײַטש) שטייט au: הויז, מויז, טויז; לויפן, בוים, אויג.

אמת, דער עקוויוואַלענט פֿאַר דעם יידישן oj איז au בלויז אין נײַהויכדײַטש, אין מיטלהויכדײַטש איז געווען אָנשטאָט דעם ū (אין די ערשטע דרײַ בײַשפּילן) אָדער ou (אין די אַנדערע דרײַ). נאָר בײַם איבערנעמען נײַע ווערטער פֿון דײַטש איז זיך יידיש נוהג אויפֿן זעלבן שטייגער: טוי — toj, טויפֿן — tojfn, פּויזע — pojze, פֿויסט — fojst (קולאַק), רוים — rojm (רוים און צײַט). אַזוי איז זיך אויך נוהג דער ייד פֿון אַ גאַנץ יאָר מיט אַנטלײַונגען פֿון ענגליש: סויטה (south) רעדט ער אַרויס מיט oj. איך האָב אויך געהערט א ו ט ע (=אויטאָ), ל ו נ ע, ק ו צ י ע מיט oj אין י י ד י ש־רעדן. אין אַ בערלינער קאַפֿע האָב איך אַמאָל צוגעהערט, ווי אַ יידישער שרײַבער באַשטעלט brojze אָנשטאָט Brause. אַ סימן, אַז בײַם יידן לעבט די גלײַכונג דײַטש au=יידיש oj. דעריבער הערן מיר אויך אַרויסגערעדט דעם נאָמען Kautsky אויף יידיש ווי kojtski. עס איז ניט זייער ענלעך צו דער דײַטשער אויסשפּראַך, אָבער דאָס רוסישע דרײַטראַפֿיקע Ка-ут-ский איז אויך ניט עכטער.

182. מײַן פֿאָרשלאָג איז, אַז מיר זאָלן פֿאַר י ע ד ן au שרײַבן ו, אַלץ אײנס צי עס גייט וועגן אַ לאַטײַנישן צי וועגן אַ גריכישן וואָרט: אויטאָמאָביל, אויטאָנאָמיע, אודיטאָריע, אויסטער (דער ידאָזיקער עקוויוואַלענט פֿון דעם דײַטשן Auster האָט נאָך די מעלה, אַז אין ענגליש הייסט דאָס oyster, פּינקטלעך מיט דער יידישער oj־אויסשפּראַך, און ממילא גיבן מיר אַ שאַנס דער יידישער אַמעריקע, דעם אײנציקן לאַנד וו יידיש־ריידערס זײַנען אויסגעשטעלט אויפֿן ניסיון צו עסן אויסטערן) אאַז"ו[1].

183. דער כּלל איז ניט שייך פֿאַרשטייט זיך צו אַזוינע ווערטער ווי אָ ר ע אָ ל, וואָס הגם זיי שרײַבן זיך אויך מיט au (auréole), נאָר געקומען זײַנען זיי צו אונדז דורך פֿראַנצייזיש און ממילא מיט דער פֿראַנצייזישער אויסשפּראַך.

ע נ ג ל י ש w.

184. דאָס ענגלישע w וואָרט־אײַן ווערט איבערגעגעבן ניט דורך או, נאָר דורך ו — וואָרים הגם דער w איז אין ענגליש טאָפּלליפּיק און אין יידיש ו ליפּנצאָניק, איז אַלץ די דיפֿערענץ אַ קלענערע איידער צווישן w און או.

אַלזאָ: אָסקאַר ווײַלד, וועלס, ווילימסבורג אאַז"ו.

[1] ארויסריידן זאָל מען טאַקע אויך מיט oj: פֿאַר מײַן געפֿיל איז ojgust, ojtonomje בעסער איידער די או־פֿאָרמען. בלויז בײַ פֿאַמיליע־נעמען (קויטסקי אאַז"ו) זאָל מען, אויב מען וויל און קען, אָפּהיטן דעם au.

ז, ס, ש.

185. עקזאַטיש, עקזאַמען, עקזאַמענירן, עקזאַמענאַטאָר, עקזעמפּלאַר.

די שרייבונג "גז" (לויטן פּוילישן gz) איז פאַלש.

186. אוניווערסיטעט, אינסעקט, העקסאַמעטער, עסאָטעריש, מאַטראָס, עקסיסטענץ, עקסקורסיע, קאָנסערוואַטיוו.

187 פּרט־נעמען: סטאָקהאָלם, סטרינדבערג, ספּינאָזאַ (אָדער: ספּינאָזע).

ניט שטאָקהאָלם, שפּינאָזאַ אאַז"וו — ניטאָ קיין גרונט נאָכצומאַכן אַ פאַלשע דייטשע אויסשפּראַך.

צי איז כדאַי אָפּצוהיטן געטריי די שרייבונג מענדעלסזאָהן און ענלעכע? איך מיין, אַז מיר קענען יוצא זיין מיט מענדעלסאָן.

188. באַמערק: פּערזאָן, פּערזענלעך.
פּאַרשוין, פּאַרשוינדל.
פּערסאָנאַל (סובסט'), פּערסאָנעל (אַדיעקטיוו־אַדווערב).

189. באַמערק: סטודענט
סטודיאָ (אַטעליע)
סטודיע (דראַמאַטישע)
שטודיע (פאָרשונג; אַמאָל=עטיוד)
שטודיום (דער גאַנצער גאַנג פון לערנען: זיין שטודיום האָט געדויערט פינף יאָר; די שטודיע איז אַ רעזולטאַט פון לאַנגיאָריקן שטודיום אין אַרכיוון און ביבליאָטעקן) שטודירן.

190. באַמערק: פילאָזאָף און פילאָסאָף („פילאָסוף" איז איראָניש).

ענגליש th.

191. מיר דאַרפן זיך בדרך־כלל שטעלן אַזוי, אַז אויף ווי־פיל מיר טראַנסקריבירן ענגליש, זאָלן מיר גיין ניט אויפן בריטישן שטייגער, נאָר אויפן אַמעריקאַנישן (אַלזאָ service — סערוויס אאַז"וו), ווי ער איז אָנגענומען ביי אַמעריקאַנער יידן. דעריבער דאַרפן מיר דעם שטימלאָזן th איבערגעבן דורך טה, דעם שטימיקן דורך דה: סויטה (south), טהאָמאַס (Thomas); דהי (the), דהיז (this).

־טיע אָדער ־ציע.

192. פּראַקציע, סאַטיספאַקציע, גראַציע, קרעאַציע, אָבער:

193. אַריסטאָקראַטיע, דעמאָקראַטיע.

דער כלל וואָלט געווען איבעריק, ווען מיר זאָלן ניט באַמערקן, ווי עס רייסט זיך צו אונדז אַריין פון צייט צו צייט דאָס פּוילישע cja- מיט אַזעלכע שרייבונגען ווי דעמאָקראַציע און ענלעכע.

ניט ־י, נאָר ־יע וואָרט־אויס.

194. אינדוסטריע, מיטאָלאָגיע, פּאָעזיע אאַז״ו.

ניט אינדוסטרי, מיטאָלאָגי, פּאָעזי אאַז״וו.

ניט ־יען, נאָר ־יע וואָרט־אויס.

195. איטאַליע, אינדיע, בענגאַליע, שפּאַניע אאַז״ו.

ניט איטאַליען, אינדיען אאַז״וו.

אין גרונט זײַנען די §§ 193 — 195 שייך ניט צו אָרטאָגראַפיע, נאָר צו אָרטאָעפּיע. נאָר איך נעם די פּראָבלעמען אַרײַן אין כלל, מחמת עס טרעפן פֿאַלן ווען מענטשן ריידן אַרויס די ווערטער אַזוי ווי ס'ווערט דאָ רעקאָמענדירט, מערניט אין־שרייבן דוכט זיך זיי אויס עלעגאַנטער „פּאָעזי״ אָדער „אינדיען״. דערפון דאַרף מען פּטור ווערן. הייסט עס ־יע (ə-i- אָדער jə) סיי אין שרייבן, סיי אין ריידן.

דײַטש ü, פראַנצויזיש u; ענגליש u.

196. דײַטש ü, פראַנצ׳ u ווערט בדרך־כּלל איבערגעגעבן אין יידיש דורך יוד: טירינגען, לידעריך, מינכען, רידעסהײם; בריסל, לאַנקרי, רי (rue), מאַניקיר.

נאָר פאַראַן אויסנאַמען, צוליב דעם וואָס עס האָט זיך שוין אײַנגעבירגערט אַן אַנדער שרײַבונג און אויסשפּראַך: ביוראָ, דעביוט, טיול, סיוזשעט, עטיוד, קאָסטיום.

197. אין ענגלישע ווערטער שרײַבט מען ניט קיין יו: בודזשעט, קלוב.

אין אַמעריקע לייגט מען אויס אויך: קלאָב, כּדי צוצוקומען צו דער דאָרטיקער ענגלישער אויסשפּראַך. אַזאַ מין פּאַראַלעלע פאָרם קען אָנגיין. פאַרגלייך גריבאָיעדאָווס גראַם:

английского клоба: до гроба.

198. אין טייל פראַנצויזישע (לאַטײַנישע) ווערטער האָט זיך אײַנגעבירגערט אָדער איז בעסער ו: בולעטין, בראָשור, טעסטיבול, זשורי, סורפּריז, רידיקול, רעזומע.

־יי, ־יַי, ־יע, ־עע.

199. ־יי וואָרט־אויס: אַרמיי, לאַקיי (אויך: לאַקײַ), מוזיי.

אָבער:

אידעע, אַלעע, טראַנשעע, ליזרעע

און:

באַטעריע, גאַלעריע, לאָטעריע.

200. ממילא אַדיעקטיִוו (זע § 141): אַרמייִש, לאַקייִש; אָבער: אידעיִש.

201. פראַגע: פּאַרטיי צי פּאַרטײַ?

פּאָליציי צי פּאָליצײַ?

זע § 131. בײַם ערשטן וואָרט געוועלטיקט די ערשטע פאָרם, בײַם צווייטן די צווייטע. נאָר ביידע פאָרמען זייַנען פאַראַן, און מען דאַרף קומען צו אַ באַשלוס.

202. מען דאַרף אויסלייגן לאַטײַן.

די דאָזיקע „ā/aj-שרײַבונג איז געבויט אויף דער טראַדיציאָנעלער יידישער אויסשפּראַך. אַן אַלט ווילנער ווערטל: „אַז מען זאָגט אַף ליטײַן, איז פאַראַן אַ צרה דערײַן". עטינגערס ספּעקעלע-מאַנוסקריפּט ז' 22: „ער האָט... געשמיסט מיט דעם שררה... פראַנצייזעריש צי לאַטאַנעריש..." היסטאָריש איז די דאָזיקע אויסשפּראַך און שרייבונג אויך די איינציק באַרעכטיקטע: דער לאַנגער i אין latinus האָט געמוזט געבן ā/aj, — די אויסשפּראַך און שרייבונג מיט ײ (ej) איז אַ בפירושער גרייז.

ע.

203. ניט שרײַבן קיין ע אין געאָגראַפישע נעמען פאַר ־ל:

באַזל, בריסל, טײַסל, מעמל.

אַנאַלאָגיע: בריקל, ווייסל (פון אַן איי), קעמל.

204. ניט שרײַבן קיין ע אין געאָגראַפישע נעמען פאַר ־ן:

באַדן, באָניפראַטן, העסן, זאַקסן, מינכן, פרײַסן, שטאַבן. אָבער טירינגען (צוליב דער קאָמבינאַציע נג+ן, ווי זינגען, שפּרינגען).

באָניפראַטן, פרייסן זייַנען פאָלקסווערטער, לויט דעם מוסטער דאַרף מען ניצן די בײַערע ווערטער.

ע י.

205. עי אויף צו באַצייכענען דעם ej-קלאַנג (איבערהויפּט אָנגענומען אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע: סטעיט, פּעיקער אאַז"וו) קען אָנגעטענדט ווערן נאָר: א) אויב עס איז ניטאָ אין זאַך דער ײַ-צייכן און ב) אויב עס האַנדלט זיך באמת וועגן אַ פרעמדוואָרט וואָס האָט זיך נאָך גאָרניט אײַנגעבירגערט אין דער שפּראַך.

די אַמעריקאַנער צייטונגען שרייבן טיילמאָל: סעים (דער פּוילישער פּאַרלאַמענט)—אַפּנים צו פאַרמיידן, אַז מען זאָל ניט לייענען סײַם (aj); אָבער גראָד זאָגן פּוילישע יידן

sajm; גאנעיוויש — אויף א נאטוראליזירטן שטייגער, אנשטאט גאניייוויש, איך זע ניט קיין שום נויט אנצווענדן אזעלכע שרייבונגען; אניט וואלט מען געמוזט אויסלייגן אויך שעין, מעינען, העיסן.

דייטש ö, פראנצ׳ eu.

206. אין יידיש ע—„פעלקיש" (völkisch), לעבע (Loebe), אנדערסען=נעקסע (Nexö), שארטרע (Chartreux), זערענסען (Sörensen).

פאלאטאליזירונג פון ל?

207. ל אין אינטערנאציאנאלע ווערטער ווערט ניט פאלאטאליזירט: רעוואלוציע, רעזאלוציע, אלומיניום, אילומינאציע, ראלע.

פאוויליאן איז אויך אין פראנצויזיש „ווייך" (pavillon).

די רוסלענדער שרייבונג מיט יוד שפיגלט אפ בלויז די רוסישע אויסשפראך, וואס מוז אויסקלייבן צווישן דעם „הארטן" (ł) און דעם „ווייכן" (l′) קלאנג. דער גרעסטער טייל יידיש=רעדער האט אבער אויך דעם נייטראלן l=קלאנג און ניצט אים טאקע אין די ווערטער.

להיפוך צו דעם אין סלאוויזמען: ליאלקע, ליובעניו.

208. לשם איינהייטלעכקייט בלייבט שוין אן א יוד=באגלייטונג דער לאמעד וואס באצייכנט — אין נעמען — א בפירוש פאלאטאליזירטן l: לענין, לערמאנטאוו, קלעצקין.

וויבער עס איז ביכולת דארף פארשטייט זיך אין זייער אויסשפראך אפהיטן דעם רוסישן קלאנג.

פאלאטאליזירונג פון נ.

209. אין נעמען: בעניאטסקי, וועניאטסקי, טורגעניעוו, ניאנזא, ניומאן.

210. אויסנאם בלויז אין יידישע נעמען, וואס זייער שרייבונג האט זיך שוין איינגעשטעלט: לינעצקי.

211. אויך אין כלל=נעמען א יוד: ניואנס, וויניעטקע.

212. ביים איבערגעבן סלאווישע ווערטער: niema—ניעמאן; нёс—ניאס.

פאלאטאליזירונג פון אנדערע קאנסאנאנטן.

213. דער נאמען זארעצקי איז פאראן אין צוויי ווארייאנטן: "re" און "r'e"[1]. אין צווייטן פאל וואלט מען געדארפט שרייבן: זאריעצקי. דאס אייגענע אזעלכע נעמען ווי: ריאבושינסקי, ריאזאנאוו, ריוריק, ריעפין, ריעשין.

---

[1] אין דער פוילישער שרייבונג האלט זיך דאס אויסגעלייגט: Zarecki און Zariecki.

צונויפֿזאַצן.

214. מיר גייט דאָ ניט וועגן אויסגעפֿינען די נאַטור פֿון פֿאַרשיידענע צונויפֿזאַצן („עכטע“ און „אומעכטע“, אַלטע און נײַע אדג״ל). אַזאַ מין קלאַסיפֿיקאַציע איז גלײַכער גאָרניט אַריבערפֿירן פֿון דער גראַמאַטיק אין אויסלייג אַרײַן: פֿאַרן אויסלייג דאַרפֿן מיר האָבן קלאָרע כּללים, באַזירט ווי ווײַט מיגלעך אויף אויסווייניקסטע, קענטלעכע סימנים. אין אויסלייג איז די גאַנצע פֿראַגע: ווען שרײַבן צונויפֿזאַצן באַזונדער, ווען פֿאַרבונדן מיט אַ מקף (פֿאַרבינדער), ווען אינגאַנצן צונויפֿגעגאָסן. בײַ הײַנטיקן טאָג האָבן מיר דאָ אַ גרויסן פּלאָנטער.

די בערלינער בערגעלסאָן־אויסגאַבע שרייבט: אפּטייקפֿודעלע, שטאָרקהייסע, שיכקאָרקעס, קלייטמשרת, אַטשערעטגראָז, באַקאַלייקלייטל.

אין ל. לעהרערס „פּסיכאָלאָגיע פֿון ליטעראַטור“, ניו־יאָרק, געפֿינען מיר: כאַראַקטער שטריכן, לעבנס שייכותן, לייען מאַטעריאַל.

אין גאָדינערס „פֿיגורן אַפֿן ראַנד“, קיעוו 1929, האָב איך באַמערקט: „פֿון פֿאָרנט און כּונה־ינסן“.

מיר באַגעגענען אַזעלכע שרײַבונגען ווי אינדערהיים, אין דער היים און אַפֿילו אין דערהיים.

אין שילערשע אַרבעטן, און אַפֿילו טיילמאָל אין צײַטונגען, קומט אויס צו לייענען: אין דער יידישער־ליטעראַטור, אַ היימיש־ווינקל.

215. איך ווייס ניט, צי עס וועלן זיך לאָזן פֿאָרמולירן אַבסאָלוט אײַנדײַטשיקע כּללים, וואָס דורך זייער זיפּ זאָל שוין קיין אין ערשײַנונג ניט אַרויספֿאַלן. אָבער ס'איז אָן ביז אויב ניט. אַלע שפּראַכן דערלאָזן אין דעם פּרט אַ געוויסע מאָס מוטיל. איך פּרוּוו פֿונדעסטוועגן געבן די כּללים וואָס איך זע פֿאַר זיך.

פּרעפֿיקסן.

216. פּרעפֿיקסן מיטן שורש ווערן געשריבן צוזאַמען, דערבײַ ווערן געשריבן אויך צוויי פֿונאַנדערנע קאָנסאָנאַנטן, אויב דער פּרעפֿיקס ענדיקט זיך מיט דעם קאָנסאָנאַנט וואָס מיט אים הייבט זיך אָן דער שורש: אוממיגלעך, אָננעמען, אָפּפּטרן, אַרויספֿאַלן, אַרונטעררײַסן, מיטטיילן, פֿאַרריכטן אאַז״וו.

סובסטאַנטיוון.

217. פֿאַראַן ווערטער וואָס זײַנען שוין צונויפֿגעשמאָלצן אינגאַנצן: אויערינגל (אויער+רינגל), אָרעמאַן (אָרעם+מאַן), מיטאָג (מיט+טאָג).

218. צוזאַמען ווערן געשריבן צוויי־ און דרײַטראַפֿיקע סובסטאַנטיוון וואָס קומען פֿון צונויפֿזעצן: הינטערטיר, יאָרצײַט, לופֿטפּאָסט, עסטיש, פֿליפֿאָסט, שרײַבמאַשין אאַז״וו.

219. מער װי דרײַטראַפּיקע װערטער פון דעם טיפּ איז בעסער צו פאַרבינדן דורך אַ מַקף (פאַרבינדער): גראַמאָפאָן=טישל, לערער=סעמינאַר, מענדעלע=אױסשטעלונג, ראַדיאָ=אַבאָנענט, רעװידיר=קאָמיסיע.

אױסמײַדן די אַנגליזירטע שרײַבונג אָן אַ מַקף.

אַדיעקטיװן (אַדװערבן).

220. װען צװײ אַדיעקטיװן (אַדװערבן) פורעמען אַ צונױפזאַץ, װו בײדע טײלן האָבן די זעלבע לאָגישע שטערקײט (און ממילא האָט יעדער טײל דעם נעמלעכן אַקצענט), שטעלט מען אַ מקף: אַלט=נײַ, הײפיש=גרעפיש, חסידיש=נגידיש, רױט=גרין, שװאַרץ=רױט. אַמאָל האָבן מיר אַ דרײַגלידערדיקן צונױפזאַץ פונעם טיפּ: ברױן=און=בלױ (אין פּױלן: בלױנע=בלױ). דאָרט אָבער װו דער ערשטער טײל צונױפזאַץ באַשטימט בלױז דעם צװײטן (און ממילא איז פאַראַן אינעם צונױפזאַץ ניט מער װי אײן הױפּטאַקצענט), שרײַבט מען צוזאַמען: אַלטױדײַטש, אַלטפרענקיש, גרױסהאַנטיק; אַלטהױכדײַטש, מיטלהױכדײַטש, נײַהױכדײַטש (דער צװײטער באַשטאַנדטײל איז הױכדײַטש).

221. אַזעלכע פאַרבינדונגען װי גטאַלדיק שװער, זײער גרױס, שטאַרק הײס אדג"ל שרײַבט מען אינגאַנצן באַזונדער.

העברעיִזמען.

222. אױב אײנער אָדער אַלע טײלן פון צונױפזאַץ זײַנען העברעיִזמען, שטעלט מען אַ מקף: אױסלײג=כּללים, אײַז=ים, דרום=ײדנטום, ים=אײַז, פּרץ=אָװנט; בדרך=כּלל, בשום=אופן, חתונה=בגדים, ישיבה=בחור, כּלל=ישׂראל, מקבל=פּנים זײַן, על=כּל=פּנים, פּורים=רב, שװאַרץ=חנעװדיק.

223. אױב אָבער מיר האָבן צו טון מיט אַ צװײיִקן צונױפזאַץ, דאָס הײסט מיט דרײַ שורשים, און צװײ פון זײ זײַנען פאַר זיך אַ צונױפזאַץ פון העברעיִזמען, איז בעסער זיך צו באַנוגענען מיט אײן מקף: יומטוב=בלעטלעך, יומכּיפּור=ליכט.

פּרט=פאַלן פון מקף.

224. אין אַזעלכע פאַרבינדונגען װי: אַרבעטער= און סאָלדאַטן=ראַטן, פעלד= און װאַלד=געװיקסן, אײבער= און אונטער=קאָנדוקטאָרן, מוז מען נאָכן ערשטן טײל פון ערשטן צונױפזאַץ אומבאַדינגט שטעלן דעם מקף, בכדי צו באַצײכענען, אַז מען מײנט ראַטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטן, געװיקסן פון פעלד און װאַלד אאַז"װ.

„די אַרבעטער און סאָלדאַטן=ראַטן האָבן באַשלאָסן" איז גאָר עפּעס אַנדערש װי: „די אַרבעטער= און סאָלדאַטן=ראַטן האָבן באַשלאָסן".

עס איז איצטער פֿאַראַן אַ טענדענץ אין אונדזער ליטעראַרישער שפּראַך צו ניצן אַדיעקטיוון אָנשטאָט אַזעלכע צונױפֿזאַצן: אַרבעטערשע און סאָלדאַטישע ראַטן אאַז"וו. די אויסלייג־כּללים נעמען ניט קיין שטעלונג צו דער פֿראַגע וואָס איז בעסער; זיי שטעלן נאָר איין, אַז אויב אַ צונױפֿזאַץ, מוז דער מקף ניט אַנדערש שטיין.

225. בײַ אַ באַגעגעניש פֿון אותיות, װאָס צוזאַמען װאָלטן זיי זיך געלייענט אַנדערש, שטעלט מען אַ מקף: אַלט־יידיש (הגם אויך אַלטיִידיש איז דערלאָזלעך), ניו־יאָרק (בכדי מען זאָל ניט לייענען -n'oj), נײַ־יאָר (איבערהויפּט װען מען דרוקט נאָך אָן אַ פּתח).

אַרטיקל און כּמו אַרטיקל.

226. באַזונדער װערט געשריבן דער באַשטימטער אַרטיקל: דער אייגענער, דער דאָזיקער, דער זעלבער (זעלביקער), דער נעמלעכער. אַזוי אויך אין אַלע װײַטערדיקע בייגפֿאַלן.

אויב מיר שרייבן: דער אַנדערער, דער גרויסער, דער ערשטער אאַז"וו, איז ניטאָ קיין שום גרונד פֿאַר די אויבן געבראַכטע װערטער צו מאַכן אַן אויסנאַם.

227. צוזאַמען מיטן שורש װערט געשריבן אַ אין אַזעלכע װערטער װי: אַדאַנק, אַדורך, אַהיים, אַהין, אַהער, אַװו, אַזאַ, אַזוינער, אַזעלכער, אַחוץ, אַמאָל, אַפּנים, אַקיצור, אַשטייגער.

אַלגעמיינע באַגרינדונג: מיר האָבן דאָ צו טון ניט מיט קיין אומבאַשטימטן אַרטיקל, נאָר מיט צונױפֿגעשמאָלצענע װערטער. פֿאַרגלײַך:

„איך מיין אַשטייגער (למשל)" און „עס גייט אויף אַ שטייגער";

„אַדאַנק דיר האָב איך זיך געראַטעװעט" און „אַ דאַנק דיר, װאָס דו האָסט מיך געראַטעװעט".

„הפּנים" איז פֿאַלש. אַפּנים איז אַ זאַצװאָרט, פֿאַרקירצט פֿון „ס'האָט אַ פּנים". אָבער עס שפּירט זיך מער ניט דער אומבאַשטימטער אַרטיקל, דעריבער קען מען שרייבן צוזאַמען. ע"פּ אַנאַלאָגיע לייג איך פֿאָר אַ כּלל, אַ קיצור, װוּ דער ה־הידיעה־אָפּשטאַם איז אויך פּראָבלעמאַטיש.

צי איז כּדאַי פֿאַר אַ סך צו מאַכן אַן אויסנאַם? טעמים פֿאַר: א) אַנאַלאָגיע מיט אַ ביסל (דאָס ביסל), ב) פֿאַרבינדונג מיט „דער סך־הכּל".

אַ זייגער באַזונדער; װאָרים אָנשטאָט „דרײַ אַ זייגער" קענען מיר זאָגן: „דרײַ דעם זייגער", ד"ה מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַן אומבאַשטימטן אַרטיקל.

סופּערלאַטיװ.

228. באַזונדער װערט געשריבן אַם אָדער צום בײַם סופּערלאַטיװ: אַם בעסטן, אַם גרעסטן; צום בעסטן, צום גרעסטן.

טען „אָם“ אָדער „צום“ שטייען באַזונדער, זיינען דאָס פּראָקליטישע פּאַרטיקלען אַזוי ווי „צו“ (צו גרויס) אָדער ענלעכע. שרייבט מען דאָס צו-זאַמען (אַמשעדלעכסטן, צומלענגסטן), דעפּאָרמירט מען דאָס שריפטבילד פון עם וואָרט.

אדווערביאַלע פאַרבינדונגען.

229. אַם שווערסטן איז צו געבן אַן איינהייטלעכן ענטפער וועגן שרייבן באַזונדער אָדער צוזאַמען די אַדווערביאַלע פאַרבינדונגען.

אין דער פרי צי אינדערפרי? אינדרויסן צי אין דרויסן?

אפשר איז אַ סברא צו פאָרמולירן אַזוי:

230. אויב צו איינצלנעכע אַדווערבן קומען צו פּרעפּאָזיציעס, שרייבט מען ביידע ווערטער באַזונדער: אויף צוריק, ביז װאַנען, פון נעכטן ביז מאָרגן, פון פאָרנט און פון הינטן.

231. פּרעפּאָזיציעס און סובסטאַנטיווישע אָדער אַדיעקטיווישע עלעמענטן ווערן געשריבן: א) באַזונדער, אויב דער ניט-פּרעפּאָזיציאָנעלער טייל באַ-געגנט זיך פאַר זיך אויך; ב) צוזאַמען, אויב פאַר זיך איז דער ניט-פּרע-פּאָזיציאָנעלער טייל אין אַזאַ פאָרם ניטאָ.

ביישפּילן צו א): צו ביסלעך, אין דרויסן, אין דער היים, פון ווייט, פון ווייטן, צו וועגן (ברענגען), צו לעצט, אויף דער נאַכט, (פרייטאָג) צו נאַכט, פון נאָענט, פון דער נאָענט, צו נויט (קומען), אויף דאָס ניי, פון דאָס ניי, צו ערשט, צום ערשטן, אין דער פינצטער, אין דער פרי, אויף דער פריי אדג"ל.

וואָרים מיר האָבן באַזונדער, פאַר זיך, אין אונדזער שפּראַכבאַנוץ: ביסלעך, דרויסן, היים, ווייט, ווייטן, וועגן אאַז"וו.

להיפוך צו דעם שטייען די ביישפּילן צו ב): ביינאַנד, פונדערווייטנס, פונדעסטוועגן, צומאָרגנס, (פרייטאָג) צונאַכטס, דערצו, דערפאַר, צופוסנס, צו-קאָפּנס.

וואָרים עס זיינען ניטאָ אַזעלכע ווערטער ביי אונדז ווי נאַנד, ווייטנס, מאָרגנס, נאַכטס, פוסנס, קאָפּנס.

אין דערצו איז „דער“ ניט קיין באַשטימטער אַרטיקל.

232. בנוגע אינאיינעם, צוריקוועגס קענען זיין ספקות, וואָרים אין טייל געגנטן האָבן מיר די פאָרם „וועגס“: אַ שטיקל וועגס און ענלעכע אויסדרוקן. דאָ דאַרף מען דערלאָזן ביידע שרייבונגען; ס'איז אַן ביי.

233. עטלעכע איינגעבירגערטע צוזאַמען-שרייבונגען, ניט צו פיל אין צאָל, קען מען אפשר פונדעסטוועגן איבערלאָזן: אינגאַנצן, וויפיל, פאַרוואָס.

פאַרטונקלונג.

234. בײַ צונױפֿזאַצן װערט אָפּטמאָל דער װאָקאַל אין אומבאַטאָנטע טראַפֿן פֿאַרטונקלט. דער כּלל־גדול בײַם שרײַבן איז אַזאַ: אױב עס שפּירט זיך נאָך די פֿאַרבינדונג מיטן פֿולבאַטאָנטן שורש, שרײַבן דעם תּחילתדיקן װאָקאַל; אױב אין באַװוסטזײַן איז די פֿאַרבינדונג שױן איבערגעריסן, דאַרף מען איבערגעבן די פֿאַרטונקלונג בכתב אױך.

אױב אין טײל דיאַלעקטן הערט זיך נאָך דער תּחילתדיקער װאָקאַל, דאַרף ער אין דער שריפֿט אָפּגעהיט װערן.

בײַשפּילן:

זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג, דאָנערשטאָג, פֿרײַטאָג; מיטאָג.

װאָלטאָג, װײַטאָג.

האַנטוך, טישטוך.

װיפֿיל.

הײַאָר — אָבער אױך הײַער האָט זיך שױן אײַנגעבירגערט.

IV. אױספֿירן און דורכפֿירונג

235. איך בין מער װי זיכער, אַז איך האָב ניט אױסגעשעפּט אַלע פּונקטן פֿון אונדזער אױסלײג און אַפֿילו ניט אַלע שטרײַטיקע פֿראַגעס פֿאָרמולירט. אין טײל פֿאַלן האָב איך ניט געמאַכט קײן פֿעסטן פֿאָרשלאָג, נאָר מערניט אָנגעװיזן אױף עטלעכע מיגלעכקײטן און געפּרוּװט אױפֿקלערן די פּראָבלעם. אָבער בײַ דעם אַלעם מײן איך, אַז דער איצטיקער אַרטיקל װעט קענען דינען פֿאַר אַ מאַטעריאַל אין דער דיסקוסיע ערבֿ דער אָרטאָגראַפֿישער קאָנפֿערענץ און אױך פֿאַר אַ באַזיס בײַ די עװענטועלע אָפּשטימונגען און החלטות.

236. אין דעם אַרײַנפֿיר צום איצטיקן זאַמלבוך זײַנען איבערגעגעבן די באַשלוסן, װאָס די צענטראַלע פֿאַרװאַלטונג פֿון ייִװאָ האָט אױף איר זיצונג דעם 15 אָקטאָבער 1930 לױט מײַן פֿאָרשלאָג אָקצעפּטירט: עפּנטלעכע דיסקוסיע — ברײטע אָרטאָגראַפֿישע קאָנפֿערענץ — אָרטאָגראַפֿישע קאָמיסיע אין דער פֿילאָלאָגישער סעקציע פֿון ייִװאָ — באַשטעטיקונג פֿון דער קאָמיסיעס באַשלוסן דורך דעם פֿילסעקציע — פּראָקלאַמירונג פֿונעם אײנהײטלעכן אױסלײג דורך דעם ייִװאָ. איך בין אָבער זיכער, אַז אַפֿילו נאָכדעם װי די אָרטאָגראַפֿישע תּקנות װעלן דורכגײן דורך די דאָזיקע אַלע אינסטאַנצן װעט אַלץ בלײַבן אַ היפּשע צאָל פֿראַגעס ניט אױפֿגעקלערט. ממילא װעט די אָרטאָגראַפֿישע קאָמיסיע פֿון ייִװאָ נאָך האָבן צו טון שפּעטער אױך. זי װעט מוזן בלײַבן אױף צו פּסקענען אָרטאָגראַפֿישע שאלות און אױף ניט צו דערלאָזן װי װײַט מיגלעך, אַז דאָס װילדגראָז פֿון אומגעבעטענע רעפֿאָרמען זאָל זיך אײַבערגײן פֿאַרשפּרײטן אױף אונדזער פֿעלד.

אָרטאָגראַפֿישע נאָטיצן

פֿון יעקב לעווין (ניו־יאָרק)

1. וועגן דעם אויסלייג פֿון די קלאַנגען ע, אָי און אַי.

איינע פֿון די באַדײַטנדיקע שוועריקייטן אינעם יידישן אויסלייג איז ביז הײַנט דער געביט פֿון די קלאַנגען „עי", „אָי" און „אַי". אין די אָרטאָגראַפֿיעס פֿון פֿאַרשידענע לענדער איז אויף אָט דעם געביט קיין איינהייטלעכקייט ביז איצט ניט געווען. און ווען מען גייט איצט אײַנשטעלן איין אָרטאָגראַפֿיע פֿאַרן יידיש אין אַלע לענדער, וועט אָט דער געביט מוזן ציען צו זיך אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט.

איך האַלט אַפֿילו, אַז אָרטאָגראַפֿיע איז אין אַ גרויסער מאָס אַ קאָנווענציאָנעלע זאַך. ס'איז אוממעגלעך אײַנצושטעלן אַן אָרטאָגראַפֿיע, וואָס זאָל זײַן פֿולשטענדיק פֿאָנעטיש פֿאַר אַלע דיאַלעקטן; און עס איז דעריבער פֿיל וויכטיקער די איינהייטלעכקייט, ווי יעדע אַנדערע זײַט. דאָן, ווען מ'וועט אײַנשטעלן איין — מער אָדער ווייניקער וויסנשאַפֿטלעכע — אָרטאָגראַפֿיע פֿאַרן יידיש אומעטום, פֿאַר אַלע לענדער און ממילא פֿאַר אַלע דיאַלעקטן, — וועט דער אויסלייג מוזן זײַן אַזאַ, אַז די יידן פֿון פֿאַרשידענע געגנטן אָדער פֿון פֿאַרשידענע דיאַלעקטן זאָלן די ווערטער קאָנען אויסרעדן „ריכטיק" לויט זייער דיאַלעקט. און זיכער שוין אַזאַ, אַז דער אויסלייג זאָל ניט אַרייַנפֿירן אַ באַדײַטנדיקע גרופּע יידן אין אַ טעות.

אויפֿן ערשטן בליק קאָן זיך דוכטן, אַז אין דער אויססשפּראַך פֿון די קלאַנגען „ע", „עי", „אָי"[1] און „אַי" הערשט אַ מישמאַש אין די פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן און אַז דעריבער איז דאָ ניט מעגלעך אײַנצושטעלן קיין כּללים און קיין אויסגעהאַלטענע אָרטאָגראַפֿיע. קוקט מען זיך אָבער צו נעענטער, זעט מען, אַז די פֿאַרשידנהייטן פֿון דער אויסשפּראַך זײַנען ניט קיין צופֿעליקע; אַז עס זײַנען פֿאַראַן שטרענג אויסגעהאַלטענע כּללים בנוגע די באַציִונגען צווישן דער אויסשפּראַך פֿון געוויסע קלאַנגען אין די באַזונדערע דיאַלעקטן.

---

[1] אָ = O.

און באַזונדערס איז דאָס ריכטיק בנוגע דער אויסשפּראַך פון די קלאַנגען „אַי", „עי", „ע" און „אָי" אין די צוויי הויפּט=דיאַלעקטן: דעם פּוילישן און דעם ליטווישן. דער אוקראַיִנער דיאַלעקט שטייט אין דער הינזיכט צווישן אָט די ביידע און איז ווייניקער אויסגעהאַלטן. בײַם באַשטימען די כּללים פון אויסלייגן אָט די קלאַנגען וועט דעריבער נייטיק זײַן זיך צו רעכענען הויפּטזאַכלעך מיט די באַציִונגען צווישן דער אויסשפּראַך פון די אָנגעמערקטע קלאַנגען אין די צוויי דיאַלעקטן.

דער ערשטער גרונד=כּלל איז: דאָ ווו די ליטווישע רעדן אַרויס דעם קלאַנג „עי", רעדן געוויינטלעך די פּוילישע אַרויס דעם קלאַנג „אַי" און פאַרקערט. למשל: איינס, ביין, לייב, גיין, גייער, דרייען, ציין, צוויי אדג"ל. און דער דאָזיקער קלאַנג דאַרף באַצייכנט ווערן מיט איין אות. דער ערשטער כּלל פון אויסלייג דאַרף דעריבער זײַן: אין אַלע פאַלן, ווו די ליטווישע רעדן אַרויס דעם קלאַנג „עי" און די פּוילישע „אַי" — שרײַבט מען אַ „ײ". און דערפון די באַגרענעצונג: מען קען ניט שרײַבן „ײַ", ווען די פּוילישע רעדן ניט אַרויס דעם קלאַנג ווי „אַי".

אַרויסגייענדיק פון דעם דאָזיקן כּלל, וועט מען דאַרפן פאַררעכענען פאַר פאַלש דעם אויסלייג פון אַזעלכע ווערטער, ווי: ברייגען, הייגען, איינג, ביינקען, דיינקען, שוויינקען אדג"ל מיט „יי" פאַרן „נג" אָדער „נק", דעם אויסלייג וואָס איז אָנגענומען אין ראַטנפאַרבאַנד און טיילווײַז אויך בײַ אונדז אין אַמעריקע (אין דער „פרײַהייט"), ווײַל ווען מיר שטעלן אין אָט די ווערטער דעם אות „ײַ", זעצן מיר פאָרויס, אַז די פּוילישע וועלן דאָס אויסריידן „אַי": בראַינגען, האַינגען, אינג, באַינקען, דאַינקען, שוואַינקען אדג"ל, אַן אויסשפּראַך וואָס איז אינגאַנצן פרעמד די פּוילישע יידן אין דער קאַטעגאָריע ווערטער.

מ'וועט אויך דאַרפן פאַררעכענען פאַר פאַלש דעם אויסלייג פון אַזעלכע ווערטער, ווי אידיִיע, אַליִיע, פּאַנאַציִיע, העבריִיאיש, כּאַלדיִיאיש אדג"ל מיט „ײ", ווייל בײַ אַזאַ אויסלייג זעצן מיר טאַקע פאָרויס די אויסשפּראַך אידאַיע, אַלאַיע, העבראַיִש אדג"ל בײַ די פּוילישע; אַן אויסשפּראַך, וואָס איז זיי פרעמד אויך אין אָט דער קאַטעגאָריע ווערטער. מ'וועט אַלזאָ דאַרפן שרײַבן: אידעע, אַלעע, פּאַנאַצעע, העברעאיש, כּאַלדעאיש אאַז"וו.

דער צווייטער גרונד=כּלל פון די באַציִונגען צווישן די אויסשפּראַכן אין די ביידע דיאַלעקטן איז: דאָרט ווו די פּוילישע רעדן אַרויס דעם קלאַנג „עי", רעדן די ליטווישע אַרויס דעם קלאַנג „ע" קורץ, למשל: לעבן, געבן, גלעזער, זען אד"גל.

אַרויסגייענדיק פון אָט דעם כּלל, וועט מען דאַרפן אײַנשטעלן, מען זאָל אַלעמאָל שרײַבן „ע", ווו די פּוילישע רעדן אַרויס דעם קלאַנג „עי" און די ליטווישע „ע".

דער דריטער כּלל פון די באַציִונגען איז: דאָרט ווו די פּויליִשע
רעדן אַרויס דעם קלאַנג „אָו", רעדן די ליטווישע אַרויס „אָי", ווי אין: הויז-
פּלוים, הויט אד"גל, און ווו די פּויליִשע רעדן אַרויס „אַי", רעדן די ליטווישע
אַרויס „עי", ווי אין: אויג, הויף, ברויט, פויגל, שוין אד"גל. אין ערשטן פאַל
איז דער אות „וי" פאַר ביידע דיאַלעקטן נאַטירלעך; אין צווייטן פאַל
אָבער ווען די ליטווישע יידן מוזן נאָכגעבן און באַנוצן דעם „וי".
אין דער ליטעראַטור איז אָט דער קאָמפּראָמיס שוין לאַנג אָנגענומען גע-
וואָרן. אמת, די ליטווישע שרײַבער האָבן פון צײַט צו צײַט געפּרוּווט צו
פאַרבירגערן זייער „יי" אין אַזעלכע ווערטער; אָבער אָט די פּרוּוון האָבן זיך
קיינמאָל צופיל ניט אײַנגעגעבן.

אַרויסגייענדיק פון אָט דעם כּלל וועט מען דאַרפן אײַנשטעלן, אַז
מען שרײַבט „וי" אין די אַלע פאַלן, ווו די פּויליִשע
רעדן אַרויס דעם קלאַנג „אָו" אָדער „אָי". דערפון אָבער
וועט זײַן געדרונגען, אַז ווען די פּויליִשע רעדן ניט אַרויס דעם קלאַנג
„אָי", וועט מען קיין „וי" ניט דאַרפן שרײַבן. און דערפאַר וועט מען
דאַרפן פאַררעכענען פאַר פאַלש דעם פאָלגנדיקן אויסלייג פון די ווער-
טער (וואָס ווערט נאָך אַזוי אָפט באַנוצט סײַ אין אַמעריקע סיי אין
אַנדערע לענדער): די גרויס, אין דער הויך, אָנהויבן, אָנהויב, נויגן-
גענויגט, בויטיק, טויטן, בוימער, בוימעלע, אויגעלע אד"גל, ווײַל די פּויליִשע
רעדן אַרויס די ווערטער מיט „אַי": די גראַיס, אין דער האַיך, אָנהאַיבן,
אָנהאַיב, צאַיטיק, באַימער, אַיגעלע אד"גל און עס איז דעריבער קלאָר, אַז
אָט די אַלע ווערטער דאַרפן אויסגעלייגט ווערן לויט דעם ערשטן כּלל, ד"ה
מיט „יי". און אַפילו אַזעלכע ווערטער ווי גלויבן (דאָס צײַטוואָרט) און רוי-
כערן זײַנען ניט ריכטיק אויסגעלייגט מיט „וי" (הגם אין דײַטש איז אין די
ווערטער פאַראַן דער קלאַנג au, וועלכער גייט אין יידיש געוויינטלעך
אַריבער אין „וי"), ווײַל די פּויליִשע רעדן זיי אַרויס: גלאַיבן, ראַיכערן; דער
ריכטיקער אויסלייג וועט זײַן: גלייבן, רייכערן.

בײַם אויסבילדן די פאַרקלענערונגס-פאָרם פון די הויפּטווערטער מיט
אַן „אָי" (ווו די ליטווישע רעדן אַרויס „עי") באַקומען מיר דעם קלאַנג „עי"
בײַ די ליטווישע און „אַי" בײַ די פּויליִשע; דאָס איז דער „אומלויט" פון
דעם „וי": בוים—ביימעלע, אויג—אייגעלע, ברויט—ברייטעלע, הויף—הייפעלע
אד"גל. אין אַלע אַזעלכע פאַלן וועט מען, נאַטירלעך, דאַרפן אין דער פאַר-
קלענערוואָרט-פאָרם שרײַבן „יי". דאָס זעלבע אין אַנדערע פאַלן, ווען דער „וי"
באַקומט אַן „אומלויט", ווי ביימער פון בוים, פייגל (מערצאָל) פון פויגל.
בלויז אינעם וואָרט „פויער" וואָלט מען געדאַרפט איבערלאָזן דעם „וי" (הגם
די פּויליִשע רעדן עס אַרויס פאַיערל), ווײַל די ליטווישע רעדן עס קלאָר
אַרויס פויערל מיט „וי". און אין אַנאַלאָגיע מיטן וואָרט „פויערל" וואָלט מען
פילײַכט אויך געדאַרפט איבערלאָזן אויערל און טויערל, הגם אָט די ווער-

טער רעדן די ליטווישע אַרויס מיט „עי". בכלל וואָלט מען געדאַרפט באַ־מערקן, אַז פאַר אַ „ר" פאַלט דער „אומלויט" אין דער פאַרקלענערוואָרט־פאָרם אין דעם ליטווישן דיאַלעקט זייער אָפּט אַוועק, און מיר האָבן פון נאַר—נאַרעלע, פון באַר—באַרעלע, פון פור—פורעלע, פון האָר—אַ האָרעלע (אַ בי־סעלע), פּאָטער—פּאָטערל, ברודער—ברודערל, וואַסער—וואַסערל אדג"ל.

עס איז אָבער פאַראַן אַ צאָל ווערטער, ווו סײַ די פוילישע סײַ די ליטווישע רעדן גלײַך אַרויס דעם קלאַנג „עי" אָדער „אַי". דאָס זײַנען גע־ווײנטלעך פרעמדע אייגננעמען און פילײַכט אַ וואָרט אָדער מער אַנדערע. אין די דאָזיקע ווערטער, ווי בכלל דאָס טראַנסקריבירן די קלאַנגען „עי" און „אַי" פון אַנדערע שפּראַכן, וואָלט מען אָט די קלאַנגען טאַקע געדאַרפט באַ־צייכענען מיט די אותיות „עי" און „אַי" און שרײַבן: פעלדמאַרשאַל העיג, פּראָקוראָר קרעיג, מעיאָר האַילאַן, ניקאָלאַי, אַנדרעי, אויך דער מאָנאַט מאַי (אָבער סײַ־ווי־סײַ, ווײַל די פוילישע רעדן דאָס אַרויס: סאַ־ווי־סאַ, מיט אַ לאַנגן „אַ").

2. וועגן פּינטלען דעם „א" און די „יי".

אַזוי ווי דער „א" באַצייכנט אין יידיש פאַרשידענע קלאַנגען, קומט אויס צו שטעלן אונטער אים פאַרשידענע צייכנס, כדי גענויער צו באַשטימען דעם קלאַנג. זײַנען אָבער אייניקע זייער שפּאָרזאַם און ווילן זיך באַנוגענען מיט איין צייכן: אייניקע פּינטלען דעם „א" מיט אַ פתח פאַר a און נעמען אָן, אַז פאַר o איז שוין ניט נייטיק צו פּינטלען; אַנדערע פאַרקערט פּינטלען בלויז דעם „א" מיט אַ קמץ און פאַרלאָזן זיך, אַז דעם ניט־געפּינטלטן „א" וועט מען ממילא אויסריידן a.

דער דאָזיקער שפּאָרזאַמער שטאַנדפּונקט איז אָבער פאַלש, כל־זמן עס איז נאָך ניט באַזײַטיקט געוואָרן פונעם יידישן אויסלייג דער פּראָסטעטישער „א" אין אָנהייב אָדער אינמיטן וואָרט און דער שטומער „א" צווישן דרײַ וואָוון. כל־זמן אָט דער „א" וועט פאַרבלייבן אין אונדזער אַלף־בית, וועט מען דאַרפן צייכענען סײַ דעם אַ, סײַ דעם אָ און לאָזן דעם ניט־געפּינטלטן „א" פאַר די פאַלן, ווו ער ווערט זעלבשטענדיק ניט אַרויסגערעדט.

בנוגע די „יי" איז שוין גראָד יאָ מעגלעך צו צייכענען נאָר איינעם: ײַ אָדער ײַ און אָננעמען דעם ניט־געצייכנטן פאַרן צווייטן קלאַנג. אָבער איך גלייב, אַז מ'וועט גאָרנישט פאַרלירן און פאַרקערט געווינען אין קלאָרקייט, ווען מ'וועט פּינטלען ביידע. בײַם שרײַבן איז בכלל ניט מעגלעך אַלעמאָל צו פּינטלען; און בײַם דרוקן וועט דער געפּינטלטער „ײַ" ניט קאָסטן מער ווי אַן אומגעפּינטלטער און אויך ניט זײַן ווייניקער באַקוועם בײַם זעצן. פאַרן אויג אָבער איז פיל אָנגענעמער צו האָבן פאַר זיך קלאָר דעם צייכן און לכתחילה האָבן ביידע געפּינטלטע — סײַ „ײ", סײַ „ײַ".

3. וועגן דעם אויסלייג פונעם העברעיִשן עלעמענט.

אויסער טראַדיציע און קאָנסערוואַטיזם און אַ קליין ביסל אומבאַקוועמקייט ביים אָנהייב פון בייטן דעם איצטיקן אויסלייג פון די העברעיִשע ווערטער אין יידיש אויפן פאָנעטיש, איז פאַקטיש ניטאָ וואָס אויסצוזעצן קעגן אָט דער רעפאָרם.

ס׳איז זיכער, אַז די יידן פון ראַטן-פאַרבאַנד וועלן זיך ניט אומקערן צוריק צום אַלטן אויסלייג פון דעם העברעיִשן עלעמענט; און וועט מען האָבן אין זינען אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע, וועלן די יידן פון אַלע אַנדערע לענדער דאַרפן אַוועק אויפן וועג פון די סאָוועטישע יידן און איינפירן דעם אַלגעמיינעם פרינציפ פונעם יידישן אויסלייג אויך בנוגע די העברעיִזמען.

אָבער אין אַלע אַנדערע לענדער וועט אָט די רעפאָרם אַרויסרופן אַ גוואַלדיקע געגנערשאַפט. סיי די אָרטאָדאָקסן, סיי די ציוניסטן וועלן זיין קעגן, און קאָנסערוואַטיזם און אינערציע וועט זיי זיכער שטיצן. וואָס זשע וועט דאַרפן זיין דער וועג אויף וועלכן אַן אַלגעמיינע קאָנפערענץ פאַר יידישער אָרטאָגראַפיע וועט דאַרפן גיין אין אָט דער פראַגע?

געווען אַ צייט, ווען איך האָב געדענקט, אַז קליינע ענדערונגען אינעם העברעיִשן פרינציפ גופא פון אויסלייגן דעם העברעיִשן עלעמענט וועלן אַ סך העלפן צו פאַרלייכטערן פאַר דעם וואָס לערנט זיך ערשט יידיש — פאַרן קינד — אויסצולערנען זיך ריכטיק אויסלייגן די העברעיִזמען. דאָס באַנוצן שטענדיק דעם „י״ פאַרן חיריק און דעם „ו״ פאַרן מלופם און חולם (דער שטענדיקער מלא) איז אָבער פאַקטיש אַלץ, וואָס קאָן איינגעפירט ווערן, ניט ברעכנדיק דעם עצם פרינציפ פונעם העברעיִשן אויסלייג. און דאָס אַליין ענדערט פאַקטיש זייער ווייניק סיי די שווערקייט פון אויסלייגן דעם העברעיִשן עלעמענט, סיי די גוואַלדיקע אומרעגלמעסיקייט פון אָט דעם אויסלייג. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען זיך, אַז דער „ח״ און „כ״ קאָנען זיין ביידע סיי אין מיטן וואָרט, סיי אין סוף; אַז דער „ס״ און „ש״ קאָנען זיין ביידע סיי אין אָנהייב, סיי אין מיטן וואָרט, אַז דעם אָפענעם קלאַנג „ע״ אויפן סוף וואָרט קאָן באַצייכענען אַ „ה״, אַן „א״, אַ „ו״, אַ „י״ אָדער אַן „ע״ אדג״ל.

קליינע רעפאָרמעס אינעם אויסלייג פונעם העברעיִשן עלעמענט קאָנען אַלזאָ זייער ווייניק העלפן. און אַ באַשלוס פון דער קאָנפערענץ צו יידישיזירן אינגאַנצן דעם העברעיִשן עלעמענט וועט אַמאָל אַפילו קאָנען פירן דערצו, אַז די קאָנפערענץ זאָל צעשפאָלטן ווערן, אויב דער אָרטאָדאָקסישער און ציוניסטישער עלעמענט וועט דאָרט אויך זיין פאַרטראָטן.

איך גלייב דעריבער, אַז די קאָנפערענץ וועט זיך אין דער הינזיכט דאַרפן באַנוגענען מיט לעגאַליזירן ביידע אויסלייגן: סיי דעם אַלטן (העברעיִשן), סיי דעם נייעם (יידישן), און לאָזן אַזוי צו זאָגן דעם לעבן צו באַשטימען די פראַגע אין דער פראַקטיק. אַזאַ לעגאַליזירונג וועט צוגעבן מוט די

פֿאַרשידענע עלעמענטן, וועלכע זיינען פֿאַר אָט דער רעפֿאָרם, נאָר וועלכע קאָנען אויף זיך ניט שטעלן איינצופֿירן אָט די נייַקייט אויס מורא צו בלייַבן אַליין אָדער אַרייַנצוטראָגן אַ מישמאַש. און ס׳איז צו ערוואַרטן, אַז די רעפֿאָרם וועט זיך אין אַלע לענדער שנעל פֿאַרשפּרייטן און וועט זיכער ווירקן מיט דער צייַט אויך אויף די איצטיקע געגנער פֿון דער רעפֿאָרם. מ׳דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז די מאַסן וועט זייַן לייַכטער צו לייענען דעם נייַעם פֿאָנעטישן אויסלייג, און די אַנדערע וועלן אַפֿילו בלויז צוליב פֿאַרהיטן זיך פֿון קאָנקורענץ מוזן מיט דער צייַט נאָכקומען דער רעפֿאָרם.

דער יידישער אויסלייג אין ראַטנפאַרבאַנד

פון ב. שלאָסבערג (ווילנע)

פאַר אַ יסוד צו דער דאָזיקער אַרבעט נעמען מיר דעם ענדגילטיקן דעקרעט וועגן דער יידישער אָרטאָגראַפיע (דאַטירט דעם 22. VII. 1929) לויט דער באַשטימונג פון אוקראַינער פאָלקסקאָמיסאַר פאַר בילדונג סקריפּניק (געדרוקט אין „ראַטנבילדונג", כאַרקאָוו, נ׳ 9, 1929). דערביי וועלן מיר ביי יעדן פונקט פון דעקרעט ציטירן די פאָרשלאָגן און מאָטיוון, וואָס ס׳האָבן געבראַכט בנוגע דער געגעבענער פראַגע אַ. זאַרעצקי און מ. וויינגער אינעם זאַמלבוך „יידישע אָרטאָגראַפיע, פּראָיעקטן און מאַטעריאַלן" (קאָאָפּ׳ פאַרלאַג „קולטור-ליגע", קיעוו, 1928).

מיר האַלטן פאַר אינטערעסאַנט צו געבן דאָ — איידער מיר וועלן צוטרעטן צום עצם ענין — אייניקע שטעלן פונעם פאָרוואָרט צום דערמאָנטן זאַמלבוך, וואָס עס האָט געשריבן מ. ליטוואַקאָוו, דער פאָרזיצער פון דער יידישער צענטראַלער אָרטאָגראַפישער קאָמיסיע אין ראַטנפאַרבאַנד.

ליטוואַקאָוו זאָגט דאָרטן:

... איינס פון די סאַמעווירקזאַמסטע מיטלען דורכצופירן די קולטור-רעוואָלוציע איז דאָס געדרוקטע וואָרט. מיר דאַרפן, אַז דאָס געדרוקטע וואָרט — די צייטונג, דער זשורנאַל, דאָס בוך — זאָלן וואָס טיפער אַריינדרינגען אין די האָרעפּאַשנע מאַסן. און דעריבער איז יעדער מאָסמיטל, וואָס פאַרשווערט אין געגעבענעם מאָמענט צו דערנענטערן דאָס בוך צו דער מאַסע, מוז אָפּגעוואָרפן ווערן (אונטערגעשטראָכן דורך מיר; ב. ש.). פון דעם שטאַנדפונקט, און נאָר פון דעם שטאַנדפונקט, דאַרפן מיר צוגיין אויך צו דער פראַגע וועגן דער אויסלייג-רעפאָרם".

וויַיטער וויַיזט ליטוואַקאָוו אָן, אַז ביַים באַטראַכטן די אָרטאָגראַפיע-פראַגן דאַרף גענומען ווערן אין אַכט ניט נאָר דאָס שולקינד, נאָר אויך די ברייטע מאַסע. דערביַי גיט ער צו: „מיר דאַרפן אין אונדזערע אָרטאָגראַפישע פאָרשלאָגן אַרויסגיין דערפון, אַז מיר טאָרן בשום אופן ניט שאַפן צו פיל נייַע שוועריקייטן פאַרן גרויסן לעזער-מאַסיוו", וויַיל צו שטאַרק רעוואָלוציאָנערע

רעפאָרמען וואָלטן געשטעלט אין סכנה די פאַרשפּרייטונג פון דער יידישער דרוק־פּראָדוקציע; „דעריבער, ענדיקט ער, דאַרפן מיר אין די אָרטאָגראַפישע רעפאָרמעס זיך האַלטן ביי פאָלגנדיקע קריטעריען:

1. מעגלעכע וויכנשאַפטלעכע אויסגעהאַלטנקייט, אָבער ביים באַדינג וואָס ווייניקער צו ענדערן דעם אויסערלעכן אויסזען פונעם וואָרט;

2. אַלפאַרבאַנדישע איינהייטלעכקייט פון דער אָרטאָגראַפיע.“

*

דער כאַרקאָווער יידישער קולטורצוזאַמענפאָר 1928, וואָס האָט באַשלאָסן די פּרינציפּן פון דער אָרטאָגראַפישער רעפאָרם, האָט ניט אַקצעפּטירט מ. ליטוואַקאָווס מעסיקן שטאַנדפּונקט. ער איז אַוועק מיטן וועג פון מ. וויינגערן און אַ. זאַרעצקין, די ביידע טעאָרעטיקער פון דער אויסלייג־רעפאָרם אין ראַטנפאַרבאַנד. מיר וועלן דאָ ברענגען ביידנס אויסגאַנגס־פּונקטן, ווי זיי ווערן קלאָר פון זייערע אַרטיקלען אין דעם דערמאָנטן זאַמלבוך.

אין זיין אַרטיקל „שפּראַכוויסנשאַפט און אויסלייג“ ווייזט אָן וויינגער, אַז ביי אַן אָרטאָגראַפישער שטרייט־פראַגע איז די גרונט־אויפגאַבע „צו באַשטימען, וואָס פון די דיאַלעקטן ווערט גענומען ווי בוימאַטעריאַלן פאַר דעם בנין פון דער ליטעראַרישער שפּראַך.“[1] דערביי דאַרף די אויפגאַבע פון איינשטעלן די ליטעראַרישע פאָרם „דורכגעפירט ווערן ניט בלויז אין באַצוג צו רעאַלע, לעבעדיקע פאָרמעס פון די עקסיסטירנדיקע פאָלקדיאַלעקטן“. עס ווירקן דאָ נאָך אַנדערע וויכטיקע פאַקטאָרן, פון וועלכע מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט „דעם איינפלוס פון יענע שפּראַכן, פון וועלכע סע ווערן אין יידיש אַנטליען ווערטער. די אַנדערשפּראַכיקע געשטאַלט פונעם וואָרט איז צייטנווייז אויך אַזויפיל אַווטאָריטעט, אַז זי דערלאָזט ניט צו פאַריידישן די פאָרם און דאָס שרייבן פונעם וואָרט.“

אַ. זאַרעצקי שטעלט פעסט אין אָנהייב פון זיין אַרטיקל „פּראָיעקט פון דער אָרטאָגראַפישער רעפאָרמע“ אַזוינע אַלגעמיינע פּרינציפּן פון דער אויסלייג־רעפאָרם.

I. די שריפט דאַרף זיין מאַקסימאַל באַקוועם צום לייענען און שרייבן און גרינג צום אויסלערנען; זי דאַרף נעמען אין באַטראַכט די אינטערעסן פון די לייענער, שרייבער, דרוקער און שילער.

II. יעדער וואָרט דאַרף זיך קענען לייענען נאָר אויף איין אופן (איינדייטיק). (האָמאָנימען מעג אָבער די שריפט ניט דיפערענצירן.)

III. די שריפט דאַרף זיין איינהייטלעך פאַר אַלע דיאַלעקטן... דער אינטערדיאַלעקטישער פּרינציפּ דאַרף פאַרהיט ווערן.

IV. פאַר איינציקע ווערטער מעג דערלאָזן ווערן אַ צווייערלייקער

[1] מיר ציטירן סיי די אַרטיקלען, סיי די פּונקטן פון דעקרעט (אויסער די ביישפּילן) אין אונדזער אויסלייג.

אָדער דרײַערלײיִקער אויסלײג (יאָ—יע, ניט—נישט אאַז״וו — די ווערטער דאַרפֿן אָבער אָנגעוויזן ווערן).

V. ס׳דאַרפֿן ניט אײַנגעפֿירט ווערן קיין נײַע אותיות.

VI. די שריפֿט באַזירט זיך בכלל אויפֿן פֿאָנעטישן פּרינציפּ.

VII. דער מאָרפֿאָלאָגישער פּרינציפּ דאַרף פֿאַרבלײַבן. ער קען באַגרע-נעצט ווערן.

VIII. פֿאַר נעאָלאָגיזמען און פֿאַר פֿרעמדווערטער קענען דערלאָזן ווערן אויסנאַמען.

IX. ניט אַלע רעפֿאָרמעס, וואָס זײַנען פּרינציפּיעל געוווּנטשן, קען מען שוין איצט דורכפֿירן...

X. אַ טייל רעפֿאָרמעס דאַרף מען דורכפֿירן בהדרגה..."

איצטער גייען מיר צו צום דעקרעט. דער טעקסט זײַנער איז אויסגע-טיילט מיט אַ באַזונדער שריפֿט.

*

1. ס׳וועלן אויסגעשלאָסן די ענדע-אותיות ך, ם, ן, ף, ץ.

זאַרעצקי: דורך אויסשליסן די אותיות וועט מען פֿאַרלײַכטערן דאָס אויסלערנען זיך דעם אַלף-בית אויף איין פֿינפֿטל. בכלל איז ניטאָ קיין שום מאָטיוו צו באַצייכענען די זעלביקע קלאַנגען וואָרט-אויס אַנדערש ווי וואָרט-אײַן. אַנדערע ווײַזן אָן, אַז די שלאָס-אותיות פֿאַרלײַכטערן דאָס לייענען; ס׳איז אָבער נאָר אַ פֿראַגע פֿון געוווינטקייט. אַזוי ווי אַזאַ רעפֿאָרם וואַרפֿט זיך שטאַרק אין די אויגן, דאַרף מען דאָס דורכפֿירן זי אין לעבן אָפּלייגן אויף וואָסערע 3—5 יאָר.

ווײַנגער איז נאָך אַ שטאַרקערער אָנהענגער פֿון דער רעפֿאָרם. ער גיט אָן צווישן אַנדערע פֿאָלגנדיקע מאָטיוון: עס ווערט פֿאַרלײַכטערט דאָס זעצן, עס ווערט פֿאַרלײַכטערט די אַרבעט פֿון דער שרײַבטגיסערײַ און „ס׳ווערט, זאָל זײַן אויף אַ האָר, ביליקער דאָס בוך".

2. פֿאַר o שרײַבן אָ (מיט אַ קאָמעץ): פֿאָטער, זאָגן אאַז״וו. דעם קלאַנג a און דעם שטומען אַלעף אָנהייב וואָרט שרײַבן א: איך, אונטער, אויער, אײַער, אלץ אאַז״וו.

זאַרעצקי: דער ציל פֿון רעפֿאָרמירן די גראַפֿיק איז, אַז איין אות דאַרף באַטײַטן איין קלאַנג; דעריבער דאַרף מען אונטערשיידן א (a) און אָ (o) אַלס צוויי פֿאַרשיידענע אותיות. דערבײַ איז אַ מיט אַ פּתח ניט נייטיק. מ׳וואָלט אויך געקענט אונטערשיידן א (o) און אַ (a), אָבער דעם קלאַנג a קומט אויס אָפֿטער צו ניצן איידער o, און דער קאָמפּליצירטער צייכן דאַרף זײַן פֿאַרן קלאַנג וועלכן מען באַנוצט זעלטענער.

3. אין מיטן וואָרט שרײַבט זיך ניט קיין שטומער אַלף: באַציִונג, העברעיִש, ווז, פּרווו, פּריִקער אאַז"וו.

זאַרעצקי: אָפּוואַרפן דעם שטומען א אין מיטן וואָרט פאַר י, ו, אָבער ניט פאַר יי, ײַ, וי: אייראָפּעיִש, בויונג, דערציִונג, זעונג, טוונג (שפּעטער=צו דאַרף מען אָפּוואַרפן דעם שטומען א אויך אין אָנהייב וואָרט). אין מיטן וואָרט נאָך אַ קאָנסאָנאַנט שרײַבט זיך ניט קיין שטומער א (אויסנאַמען: נײַבילדונגען, צב"ש אַלאייראָפּעיִש).

ווײַנגער: אָפּוואַרפן דעם שטומען א אומעטום, אויך נאָך פּרעפיקסן (פאַריין). אין פאַלן ווי וואַריאירן, פריאיקער אַנטשליסט מען זיך ניט אַרויס=צוואַרפן דעם א, ווײַל אָן אים וועט זיך באַקומען צוויי יודן מיט אַ צירה. ס'איז אָבער ניטאָ אין יידישן אויסלייג קיין צירה (דער דיפטאָנג ej ווערט באַצייכנט דורך יי), דעריבער וועט דער יידישער לייענער אָננעמען יִ אַלס ii (וואַריִירן, פריִקער). דעם כיריק טאָר מען דערבײַ ניט אויסלאָזן, אַז ניט וועט מען לייענען ej.

4. דער דיפטאָנג ליטוויש aj ווערט געשריבן ײַ (מיט אַ פּתח): זײַן, מײַנער, שײַכעס, סײַ, מײַ אאַז"וו. פאַרן קלאַנג ej (מיינען) בלײַבן די צוויי יודן אָן אַ נקודה.

מיר האַלטן פאַר אינטערעסאַנט ווײַנגערס (ניט אָנגענומענעם) פאָרשלאָג וועגן דעם ענין דיפטאָנגען. ער האָט געהאַט פאָרגעלייגט אויסצולייגן די דיפטאָנגען ej, aj, oj דורך די איינפאַכע וואָקאַלן אַ, אָ, ע+י (יאָט). די וויכטיקסטע שטערן קעגן דער רעפאָרם קענען זײַן דיאַלעקטישע אונטערשיידן אין אויסשפּראַך. דער דיאַלעקט=רײדער וועט אָבער מוזן צופּאַסן זיך פּונקט ווי אין אַנדערע פאַלן. די דיפטאָנגען יי, ײַ, וי זײַנען אין יידיש איבעריקע דרײַ באַצייכענונגען. אין דער צײַט ווען אין אַנדערע שפּראַכן איז גענוג, אַז דער שילער זאָל זיך באַקענען מיט די איינפאַכע קלאַנגען a און i כדי צו קענען אויסלייגן דעם דיפטאָנג ai, איז אין יידיש די זאַך פאַרשווערט. דער שילער קען קענען די צייכנס אָ און י (יאָט) און וועט ניט קענען אויסלייגן דעם דיפטאָנג וי; דאָס זעלבע איז מיט די איבעריקע דיפטאָנגען. דערפון, פּונקט ווי בײַ די פריערדיקע רעפאָרמען, געווינט אויך דער זעצער און די שריפטגיסערײַ.[1]

5. פאַר p (רוסיש п) שרײַבן פּ (מיט אַ פּינטל); פאַר f (רוסיש ф) שרײַבן פ (אָן קיין שום צייכן): פּאָר, פאַר.

דאָס איז אייגנטלעך זאַרעצקיס פאָרשלאָג; ער מאָטיווירט אים דערמיט,

---

1 אין פּרינציפּ רעקאָמענדירט זאַרעצקי די זעלביקע רעפאָרם. ער זעט אָבער פאָרויס גרויסע שוועריקייטן און לייגט פאַר דעריבער דורכצופירן דאָס „נאָר אין אַלוועלטלעך יידישן מאַס=שטאַב, מיט פאָרשטייער פון אַלע יידישע דיאַלעקטן".

וואָס פּ איז זעלטענער ווי פ, דעריבער איז באַקוועמער אײַנצופירן פּ (מיט אַ פּינטל) פאַר p און פ פאַר f און ניט פּ (p) און פֿ (f). (קאָמפּליצירן דעם זעלטענערן צייכן.)

ווײַנגער לייגט פאָר פאַר p—פּ און פאַר f—פֿ (מיט אַ שטריכל). קיין מאָטיוון ברענגט ער ניט.

6. דער [!] קלאַנג i בשכנות מיט אַ וואָקאַל אָדער מיט אַ j (רוסיש й) שרייבן מיט אַ חיריק; אין אַנדערע פאַלן שרייבן י (אָן אַ חיריק); דעם קלאַנג j שרייבן י (אָן אַ צייכן): איִך, מיר, יעדִיע, מאַיִס, פאַרייִדישן, יונג.

דער דאָזיקער פּונקט איז גענומען פון זאַרעצקיס פאָרשלאָג; ער לייגט פאָר i שרײַבן געווײנטלעך י, נאָר בשכנות מיט אַן אַנדער וואָקאַל אָדער מיט אַ j שרײַבן יִ; j שרײַבן י. מען וואָלט קענען דורכפירן די מאַקסימאַלע רע־פאָרם (ד"ה פאַר i—יִ און פאַר j—י), נאָר אַזוי ווי j קומט אין יידיש נאָר בשכנות מיט אַ וואָקאַל און i דאָס רוב ניט בשכנות מיט קיין וואָקאַל, קען מען אָננעמען די טיילווײַזע רעפאָרם. חוץ דעם וואָלט מען בײַ דער מאַקסי־מאַלער רעפאָרם דאַרפן צופיל פּינטלען, און די שריפט איז שוין אַזוי אויך גענוג געפּינטלט.

7. אַלס פאַרוויין־סימן פאַר קאָנסאָנאַנטן, וואָס גע־פינען זיך פאַר וואָקאַלן, בלײַבט דער יוד: רעוואָ־ליוציע, ניאַנע [!] אאַז"ו. די ווייכקייט פון אַ קאָנסאָ־נאַנט פאַר אַ צווייטן קאָנסאָנאַנט אָדער צום סוף וואָרט ווערט ניט פאַרצייכנט: קולטור, פאַלטאָ, קאַזאַן אאַז"וו: די ווייכקייט פונעם ל פאַר ע און י ווערט ניט פאַר־צייכנט: לעניִן, לינעצקי אאַז"וו.

זאַרעצקי: באַצייכענען די ווייכקייט פון אַ קאָנסאָנאַנט דורך אַ יוד קען מען נאָר פאַר אַ וואָקאַל. פאַר אַ קאָנסאָנאַנט אָדער אין סוף וואָרט ווערט די ווייכקייט ניט באַצייכנט. דעריבער איז באַקוועם אײַנצופירן אַ ווייכקייט־אַפּאָסטראָף. אין פרעמדווערטער ווערט די ווייכקייט אָפט ניט באַצייכנט. די אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע דאַרף באַשטימען אין וועלכע צו באַצייכענען און אין וועלכע ניט. דאָס זעלבע בנוגע ווייכע קאָנסאָנאַנטן און אייגנבעמען.

ווײַנגער: אַלס פאַרוויין־סימן אײַנפירן דעם ווייכקייט־אַפּאָסטראָף. די מאָטיווירונג איז אַזאַ: אַזוי ווי דער יוד האָט שוין צוויי פונקציעס (i און j), וואָלט דאָס איבערלאָזן פאַר אים אַ דריטע פונקציע געשאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר צווײדײַטיקייטן. פון דער צווייטער זײַט, ווען מען זאָל איבערלאָזן די ווייכקייט פון קאָנסאָנאַנטן ניט־באַצייכנט, שאַפט דאָס ווידער שוועריקייטן: צב"ש רעוואָלוציע, רעזאָלוציע. דעריבער זאָל מען שרײַבן רעוואָל'וציע, רע־

קאָל'וציע, ל'ענין, ט'אָכקען (טיאָכקען). — ווייכע קאָנסאָנאַנטן פאַר קאָנסאָ־נאַנטן: פאַל'טאָ, קול'טור, בול'בע. — סוף וואָרט: נול', ראָל'. — פאַרן וואָקאַל i איז דער אַפּאָסטראָף איבעריק, ווײַל דער i פאַרווייכט ממילא דעם קאָנסאָנאַנט.

8. דער [!] קלאַנג u (רוסיש y) בשכנות מיטן וו אָדער פאַר אַ צווייטן u און אויך נעבן קלאַנג a אין אָנהייב וואָרט שרייבן וּ (מיט אַ פּינטל), אין אַנדערע פאַלן ו אָן אַ צייכן: ווּ, פּרווּ, רווּן, טווּנג, אוּדיטאָריע, קוּם.

דער פּונקט איז ניט אַרומגערעדט ניט בײַ זאַרעצקין און ניט בײַ ווײַנגערן.

9. שרײַבן אוף (אַלס ווערבאַלן צוגאָב), אַרוף (אַלס ווערבאַלן צוגאָב און אַדווערב) און אַף (אַלס פּרעפּאָזיציע), צב"ש אַרופגיין אַף אַ באַרג, אופשטיין, אופנעמען.

דאָס איז זאַרעצקיס פאָרשלאָג, געגעבן אָן מאָטיווירונג.
בײַ ווײַנגערן ניט באַרירט.

10. שרײַבן די פּרעפּאָזיציע באַ, ניט בײַ.

אויך זאַרעצקיס ניט מאָטיווירטער פאָרשלאָג.

11. פאַר נג, נק שרײַבן ע, ניט יי (ענג, בענק).

זאַרעצקי לייגט פאָר פאַר נג, נק שרײַבן יי, ניט ע (איינגלאַנד, ביינק, בריינגען) אָן שום מאָטיווירונג.

ווײַנגער זאָגט, אַז אין קיין שום דיאַלעקט רעדט מען ניט אַרויס אין די פאַלן קיין דיפטאָנג. מען רעדט אַרויס די איינפאַכע וואָקאַלן e אָדער y. פאַר דער ליטעראַרישער שפּראַך נעמען מיר אָן דעם וואָקאַל ע. וואָס שייך צו דער פראַגע איז אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד דערגרייכט געוואָרן אַ געוויסע איינהייטלעכקייט (נאָך פאַרן אײַנפירן דעם דעקרעט איז שוין דער פּונקט געווען דורכגעפירט אין לעבן).

12. אין די ווערטער פייגעלע (פאַרקלענערונג), פייגל (מערצאָל), גריים, הייך אאַז״וו (סובסטאַנטיוו) אין אונטערשייד צו פויגל (איינצאָל), גרויס, הויך (אַדווערב) שרײַבן יי, ניט וי.

זאַרעצקיס פאָרשלאָג.

13. שרײַבן דעם פּרעפיקס (אָן אַן אַקצענט) צע מיטאַן ע, ווען ער קומט בײַ אַ ווערב אָדער בײַ אַ וואָרט געבילדעט פון אַ ווערב: צענעמען, צענומען, אויך צענעם, צעשניידן, צעשניטן, צעשטערונג

(פונעם ווערב צעשטערן), צעטיילונג (פונעם ווערב צעטיילן). אָבער צוביסלעך, צופרידן, צושטייער אדג"ל (ניט געבילדעט פון ווערבן).

דאָס איז זאַרעצקיס פאָרשלאָג: דעם פּרעפיקס צע וואָס באַטײַט „פונאַנדער" שרײַבן צע: צעקראָכן, צעבּרעכן, צעשטערן, צעשטערט; אָבער צו אין: צוביסלעך, צוגאַסט, צוליב, צולעצט, צונויף, צוערשט, צורעכטמאַכן, אָנצוקומען, אַרויסצוגיין אאַז"וו. — ס'איז פּראַקטיש: צע האָט ניט קיין אַקצענט און שרײַבט זיך נאָר אין ווערבן און אין ווערבאַלע סובסטאַנטיוון (צעשטערן — צעשטערונג). דער אויסלייג צע (אָנשטאָט דעם פּאָנעטישן צו) איז באַרעכטיקט דערמיט, וואָס ס'זײַנען פאַראַן אין יידיש אַ סך ווערטער, וואָס קענען קומען אי מיט צע, אי מיט צו. צב"ש (אַכטן אויפן אַקצענט) צעגיין — צוגיין, צענעמען — צונעמען. וויבאַלד דער אַקצענט ווערט ניט באַצייכנט, איז באַקוועם אונטערצושיידן צע און צו. — אין ספקדיקע פאַלן באַצייכענען אין צו דעם אַקצענט: צו'נעמען, אָבער צוגענומען (קיין ספק קען ניט זײַן).

ווייַנגער: שרײַבן צו אַקצענטירט און ניט אַקצענטירט. מאָטיווירונג: אין קיין דיאַלעקט איז ניטאָ די אויסשפּראַך צע. אויסדריקן ווידער גראַפיש דורך צע די ניט-באַטאָנטע שטעלונג פון דעם פּרעפיקס איז לויט ווײַנגערס מיינונג אַן אַבסורד, ווײַל ערשטנס וואָלט מען געדאַרפט גראַפיש באַצייכענען פאַרשיידענע באַטײַטן פון איין און דעם זעלביקן קלאַנגען-קאָמפּלעקס (שול און שוהל — לערנאַנשטאַלט און בית-מדרש), און צווייטנס וואָלט מען אָנשטאָט צופוס, צוגאַסט, צוקאָפּנס, געדאַרפט שרײַבן צעפוס, צעגאַסט, צעקאָפּנס.

14. דער שוואָ (:) אין העברעיִזמען בײַ י, ל, מ, נ, ר און בײַ די צושטעלן[1] בְּ, וְ, ק (כ) פאַר אַ קאָנסאָנאַנט שרײַבן ע: יערושע, לעמאָשל, מעלוכע, בעדייע, קעסיידער אאַז"וו.

15. דעם אומקלאָרן וואָקאַל אין עם און באַטאָנטן טראָף שרײַבן מיטן קאָנוועַנציאָנעלן (אָפּגערעדטן) ע.

א) עך, לעך: מיידלעך, טישלעך, גליקלעך, מענטשלעכער, ערלעכער, קויעך, מויעך אאַז"וו.

ב) גרענעץ, פּאָרעץ, ערגעץ אאַז"וו.

ג) עם: אָרעם, וואָרעם, טורעם, פּורעם (דער יום-טוב), יאָסעם אאַז"וו.

ד) ער: אין פאַריידישטע ווערטער: דאָקטער, פּראָפּעסער אאַז"וו.

---

1 אין אָריגינאַל שטייט: „צושטעלונג".

דאָס איז אויך זאַרעצקיס פאָרשלאָג. אַנטקעגן דעם האָט ווײַנגער גע־האַט פאָרגעלייגט:

י פאַר צ (גרעניץ, ערגיץ, פאַריץ, עמיץ) און

פאַר מ אין אַלע פאַלן (ניט נאָר אין דער מערצאָל־ענדונג) צב״ש, בוזים, פאָדים, אָרים, שטורים, טורים, וואָרים, וואַרים.[1]

16. שרײַבן מיט א י (יוד):

א) די מערצאָל־ענדונג ־ים: שאַבאָסים, גאַנאָווים, דאָקטוירים.

ב) די סופיקסן ־יש, ־ניש, ־עניש: ייִדיש, אייראָפּעיִש, מערדעריש, רײַסעניש, פינצטערניש.

ג) די סופיקסן ־יק, ־דיק: באַרגיק, רעגנדיק.

ד) די ווערטער: זונטיק, מאָנטיק אאַז״וו; צוואנציק, דרײַסיק אאַז״וו; טאַלמיד, כאָסיד, צאַדיק און אייניקע אַנדערע העברעיִזמען.

די אַלע פונקטן זײַנען דערמאָנט בײַ ווײַנגערן אָן קיין שום מאָטיווירונג

17. שרײַבן אינעם, פונעם, ניט: אינם, פונם.

בײַ ווײַנגערן געפינען מיר וועגן דעם: „ריכטיק ווערט געשריבן דער ע אין אַזוינע ווערטער ווי פונעם, אינעם. די דאָזיקע צונויפגעזעצטע ווערטער באַשטייען פון פון, אָן, אין+דעם, ווו דער ד איז אַסימילירט געוואָרן צום פאָרגייענדיקן ן. דער ע ווערט אָבער צווישן ב און ם ניט רעדוצירט ביז נול.

18. שרײַבן אָרדענונג, האָפענונג, באַגעגעניש, רעכענונג אאַז״וו.

זאַרעצקי: ווען נאָך אַ טראַפיקן ל, נ קומט אַ סופיקס, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ וואָקאַל, פאַרלירן די ל, נ זייער טראַפיקייט. אין אַזאַ פאַל קומט אָפּט פאַרן ל, נ אָן ע („קאָמפּענסיר־אײַען"): אייגן—אייגענער, אָרדן—אָרדענונג, האָפן—האָפענונג, עפן—דערעפענונג, איידל—איידעלער. אָבער אַנטוויקלונג אד״גל אָן קאָמפּענסיר־אײַען.—מען דאַרף ניט פאַרפעלן דעם קאָמפּענסיר־

---

[1] אינטערעסאַנט איז, אַז לשם איינהייטלעכקייט לייגט פאָר א. ספּיוואַק (אין זײַן אַר־טיקל „אייניקע באַמערקונגען צו דער אויסלייג־רעפאָרם" אין: „די יידישע שפּראַך" נ׳ 1—2, 1928): „איינהייטלעכקייט איז פון די סאַמע וויכטיקסטע מאָמענטן פאַר דער שול (און ניט נאָר פאַר דער שול, פאַרשטייט זיך). איז דעריבער: א) ניט נאָר „ע" אינעם סופיקס „עך", נאָר אויך „כאַרקעוו", „פאָנעם", „בעזעם" (אַזוי ווי: „עפּעס", „ערגעץ") און אַפילו די מערצאָל פון סעמי־טיזמען אין אַזוינע ווערטער ווי „כאַדאָשעם", „מאַלבושעם" א״אַנד. אַהער וואָלט אויך שייך גע־ווען דער סופיקס עש אַנשטאָט יש (אידעש א״א); ב) אין „מיטעק", „מאָנטעק", „האָנעק" אאַז״וו."

אײַען. די אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע דאַרף אָנװײַזן די פאַלן, װען דער קאָמפּענסיר־אײַען קומט און װען ניט.

19. דעם װײַבלעכן (2טן) מין, װאָס איז געבילדעט פון מענלעכן (1טן) מין, שרײַבן מיט „ן״, ניט „ין״. צב״ש לערערן, שנײַדערן, בעקערן, נישט לערערין, שנײַדערין, בעקערין, קאָמיוגיסטין אאַז״װ.

דאָס זעלבע ן, ניטען, בײַם דאַטיװ: דעם יונגן, דעם פלינקן, נישט: דעם יונגען, דעם פלינקען אאַז״װ.

זאַרעצקי דערמאָנט װעגן די פאַלן, אָבער מאָטיװירט זײ ניט.

20. שרײַבן אָקטיאַבער, טעאטער, צענטער, דניעפּער, מעטער אאַז״װ, נישט: אָקטיאבר, טעאטר, צענטר, דניעפּר, מעטר אאַז״װ.

זאַרעצקי: שרײַבן ע אין לעצטן טראַף פאַר ר אין פרעמדװערטער פון טיפּ: אָקטאָבער, טעאַטער, ליטער, מיניסטער, מעטער א״אַנד און אין מער פאַרײַדישטע מיטן סופיקס ־אַטאָר: גובערנאַטער, רעדאַקטער.

װײַנגער: צװישן די פלײציקע קאָנסאָנאַנטן ל, נ, ר און דעם פּאָרגײענדיקן קאָנסאָנאַנט אַנטװיקלט זיך דער װאָקאַל ע. דער דאָזיקער װאָקאַל דאַרף פאַרצײכנט װערן אין אַזױנע װערטער װי טעאַטער, אָקטיאַבער, דעקאַבער, מעטער, צענטער, קאָנטער.

21. די קלאַנגען av און au אין אינטערנאַציאָנאַלע װערטער, װאָס זײַנען שױן אײַנגעגלידערט אין יידיש, שרײַבן פאָנעטיש או אָדער אװ, ניט װי: אודיטאָריע, אודיענץ, אװטאָמאָביל, אװטאָריטעט, אװטאָמאט, אװגוסט, נישט: אױדיטאָריע, אױטאָמאָביל, אױטאָמאט, אױגוסט אאַז״װ.

זאַרעצקי: אין פרעמדװערטער פאַרבײַטן די ניט־ײדישע קלאַנגען אויף באָענטע ײדישע, צב״ש דעם פרעמדן au אויף וי אין די װערטער אוידיטאָריע, פּױפּעריזאַציע, קױזאַל, אָדער אויף אַװ: אַװגוסט, אַװטאָר.

22. בײַ דער באַגעגעניש פון אַלצאײינע קאָנסאָנאַנטן אין צונױפגעזעצטע װערטער שרײַבן בײדע קאָנסאָנאַנטן, צב״ש קאנטטוער, ארבעטערראט אאַז״װ. אָבער בײַ אַ פּרעפיקס פאַלט אָפּ אײן קאָנסאָנאַנט (צב״ש פאַרװײכערן, פאַריכטן, אָנעמען, נישט: פאַררװיכערן, פאַרריכטן, אָננעמען אאַז״װ).

דאָס איז אין אַלגעמײן זאַרעצקיס פאָרשלאָג. ער גיט נאָך אָן געװיסע אויס־

נאַמען, צב"ש אין פאַרגעסענע צונויפזאַצן, ווי טריוואַקס, ניטאָ, גייסטוי[1] (גייסט+דו), אָרעמאַן, דריטל, מיטאָג, האַנטעך, פאַראַכטאָגן א"אַ.

ווייִנגער שטרייַכט אונטער, אַז ס'איז וויכטיק פעסטצושטעלן, ווען צוויי גלייַכע אותיות באַטייַטן ניט קיין צוויי גלייכע קלאַנגען, ד"ה ווען זיי פאַרמאָגן ביידע אַ באַזונדערע פאָנעטישע קוואַליטעט. די דאָזיקע פאַלן זייַנען:

1. ווען איינער פון די גלייַכע אותיות איז אַ טראַפיקער קאָנסאָנאַנט און דער אַנדערער ניט, צב"ש איידלליַט, הימלליכט, אייגננאָמען (די אונטערגעשטראָכענע אותיות זייַנען טראַפיק, די נאָכקומענדיקע ניט).

2. אויב איינער פון די גלייַכע אותיות איז אַ האַרטער קאָנסאָנאַנט און דער צווייטער אַ ווייכער. צב"ש שולליטעראַטור, הויפטטיר (די אונטערגעשטראָכענע ל און ט זייַנען לויט ווייִנגערס אָפּשאַץ ווייכע).

3. מען דאַרף ניט צונויפגיסן קיין צוויי גלייַכע קאָנסאָנאַנטן, אַפילו ווען זיי זייַנען די זעלביקע, אויב עס קען אויפקומען אַ מיספאַרשטייעניש.

23. ביי אַסימילאַציע פון ד מיט ט ניט פאַרפעלן דעם ד, צב"ש רעדט, דערעדט.

ווייִנגער לייגט פאָר אָנווענדן דעם פולן פאָנעטישן פרינציפ. „ווען דער שטאַם ענדיקט זיך אויף ד, ווערט דער דאָזיקער ד אינגאַנצן אַסימילירט צום ט אין דער ענדונג פון דער דריטער פערזאָן איינצאָל און פון דער צווייטער פערזאָן מערצאָל. צב"ש אין וואָרט באָדן—ער, איר, באָט, ווענדן—ס'איז געווענט, אָפּשיידן—ס'איז אָפּגעשייט, רעדן—ער רעט. אין די פאַלן איז איבעריק צו שרייַבן דעם ד."

24. העברעיזמען און סלאַוויזמען שרייַבן פאָנעטיש אין יענע פאַלן, ווען ס'איז ניט שייך דער מאָרפאָלאָגישער פרינציפ (צ"ב קאפצן, דאפקע, דראָשקע), אָבער זקיינים, זכאָרים, ווייַל זאָקן, זאָכער. אויף אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער אָבער ניט פאַרשפּרייטן דעם פאָנעטישן פרינציפ. (צ"ב אווטאָמאָביל, אבסורד, ניט אפטאָמאָביל, אפסורד).

25. שרייַבן: גאנעוו, יאָנטעוו, אגעוו (מיט וואָוון).

26. שרייַבן אונדז, האלדז, מענטש, פינצטער, פענצטער, ניט: אונז, האלז, מענש, פינסטער, פענסטער.

---

[1] זארעצקי באמערקט, אַז די אויסשפּראַך זעסטע, גייסטע האָט מער רעכט געלייגט צו ווערן אין גרונט פון דער אָרטאָגראַפיע, איידער די אויסשפּראַך זעסטו, גייסטו.

די פֿאָרשלאָגן פֿון זאַרעצקי און ווייַנגער וועגן דער פֿראַגע זײַנען געווען גלײַך און זײַנען אידענטיש מיטן פּונקט פֿון דעקרעט; זיי זײַנען ניט מאָטיווירט.

27. אין די ווערטער ייִד, ייִנגל, ייִנגער און אַנדערע ווערטער מיט די זעלבע וואָרצלען (און אויך אין העבּרעיִשע ווערטער, וואָס האָבן אין העבּרעיִש י מיט אַ חיריק) שרײַבן יי (צוויי יודן מיט אַ פּינטל אונטערן צווייטן): ייִדיש, פֿאַרייִנגערונג, ייִשעוו, ייִסראָעל, אָבער איך, איר.

ווייַנגער: די יאָטירטע פֿאָרמעס (ייִד, ייִנגל) זײַנען היסטאָריש ריכטיק און זײַנען אויפֿגעהאַלטן אין אייניקע הײַנטיקע דיאַלעקטן. די ניט-יאָטירטע פֿאָרמעס (איד, אינגל) זײַנען נײַבילדונגען אין פֿאַרגלײַך מיט די יאָטירטע. אויך זיי זײַנען אין די דיאַלעקטן באַקאַנט. דאָך דאַרפֿן אין דער ליטעראַרישער שפּראַך אָנגענומען ווערן די יאָטירטע פֿאָרמעס

28. שרײַבן די ענדונג ווײַז, ניט ווײַס: קינדווײַז, איינציקווײַז.

זאַרעצקי לייגט פֿאָר די ענדונג -ווײַס אָן קיין שום מאָטיווירונג.

29. שרײַבן די ענדונג הייט, ניט הייד, צבֿ"ש געזונטערהייט.

30. אין אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער שרײַבן ט, ניט ת, צבֿ"ש אָרטאָגראַפֿיע, פּאַטאָס, קאַטעדרע, נישט אָרטאָגראַפֿיע, פּאַפֿאָס, קאַפֿעדרע; אויסנאַם: אַריפֿמעטיק, ניט: אַריטמעטיק.

מיר גיבן דאָ זאַרעצקיס פֿאָרשלאָג וועגן פֿרעמדווערטער און אייגנגעמען.

ניט-ייִדישע קלאַנגען אין פֿרעמדווערטער ווערן פֿאַרביטן אויף נאָענטע ייִדישע:

דײַטש ü, פֿראַנצ' u — י: באַרביס, מינכען.
— ו: בודזשעט, וועסטיבול.
— יו: קאָסטיום.
ענגל' w — וו: וואָרקערס-פּאַרטיי, וויטמען, וואַלד, וועלס.
דער אויסלייג או איז דערלאָזלעך נאָר אין אייגנגעמען: קאוטסקי, ראַטענאו.
eu — יי: אייראָפּע, נייטראַל.
עוו: פּנעוומאַטיש.
ou — אָו: אָוען, ראָום, שאָו.

ניט פאַרבײַטן ה אויף ג אָדער אויף כ, ט אויף פ:

אָרטאָגראַפיע, היגיענע.

פרעמדווערטער און אייגננעמען דערלאָזן אייניקע אָפּנייגן פון די אַלגעמיינע כּללים פון גראַפיק און אָרטאָגראַפיע.

31. אָמבעסטן, צומבעסטן, אַמיינסטן אד״גל שרײַבן צוזאַמען.

32. אַריבערטראָגן פון איין שורה אויף דער צווייטער מעג מען פרײַ; ניט צעטיילן די אותיות: יי, ײַ, וו, זש, טש (אויך ניט איבערטראָגן און ניט איבערלאָזן איין אות אַזױ״ וו).

זאַרעצקי: מען מעג אַריבערטראָגן פון איין שורה אויף דער אַנדערער, ווו עס קומט אויס (ניט נאָר טראַפּנווײַז), צב״ש פראָ—סט. איין באַגרענעצונג דאַרף נאָר זײַן: ניט אַריבערטראָגן אַזוי, אַז די באַזונדערע טיילן זאָלן זיך לייענען אַנדערש, ווי זיי לייענען זיך אין וואָרט גאַנצערהייט; ד״ה ניט צערײַסן די דיפטאָנגען יי, ײ, די באַצייכענונגען וו, זש (צב״ש מען טאָר ניט אַריבערטראָגן מי—ינען, מיינען).

•

צום סוף ווע‎לן מיר נאָך געבן אייניקע פּרטים פון זאַרעצקיס פאָרשלאָגן וועגן וואָרט־גרענעץ, הגם די דאָזיקע פראַגע איז אין דעקרעט ניט באַרירט.

דער אַלגעמיינער פּרינציפּ פון דער שריפט — יעדער וואָרט שרײַבט זיך באַזונדער, אָפּגעטיילט פון די אַרומיקע ווערטער—לאָזט זיך ניט אַלע מאָל אין דער פּראַקטיק אָנווענדן; דעריבער גיט זאַרעצקי אָן די פאַלן, בײַ וועלכע עס קענען זײַן ספקות.

אַ וואָרט וואָס שטאַמט פון אַ צונויפזאַץ פון פרעמדשפּראַכיקע ווערטער שרײַבט זיך אין יידיש צוזאַמען. אין פאַל ווען דאָס וואָרט איז צו לאַנג, קען מען עס שרײַבן מיט אַ דעפּיס (שייך נאָר צו העברעיִזמען, צב״ש אַזעס־פּאָנים, אַד־לעכעשבן).

צונויפזאַצן אין וועלכע איין טייל איז פאָנעטיש געענדערט שרײַבן זיך צוזאַמען. צב״ש: וויפל, גוטנאָוונט, האָסטו, גייסטו.

אַ פּרעפיקס שרײַבט זיך צוזאַמען מיטן טייל וואָס נאָך אים. דערבײַ זײַנען אום און אַמ פּרעפיקסן (זע דעם דעקרעט, פּונקט 31).

דער אַרטיקל שרײַבט זיך באַזונדער פונעם ווײַטערדיקן וואָרט, צב״ש אַן אַלטער, דער דאָזיקער.

אַ פּרעפּאָזיציע מיט אַ סובסטאַנטיווישן אַדווערב (אינוואַריאַנט) שרײַבן זיך באַזונדער, צב״ש אין אָנהייב, אין זײַט, אויף מאָרגן.

פּרעפּאָזיציעס פאַר די ווערטער דעם אָדער וואָס שרײַבן זיך

באַזונדער: איבער דעם, צוליב דעם, נאָך וואָס, איבער וואָס (אָבער פאַר-וואָס פֿונאַנדער, ווײַל דער אויסלייג איז שוין אײַנגעבירגערט).

ס'שרײַבן זיך צוזאַמען די ווערטער דערמיט, דערצו, מיטדערמיט, פֿונדערפֿון א״אַנד.

אַ פּרעפּאָזיציע שרײַבט זיך צוזאַמען מיטן ווײַטערדיקן טייל, אויב ער קומט ניט פֿאַר אָן אַ פּרעפּאָזיציע, צב״ש אינדערוואָכן, ביזוואַנען (ניטאָ באַזונדער „וואַנען״).

שרײַבן צוזאַמען די אינוואַריאַנטן: איבעראַכטאָג, איבעראַיאָר, אינדערהיים (ס'קען אויך זײַן: אין דער היים), אינדערפֿינצטער, מיטאַמאָל, מיטבייזן, מיטגוטן, פֿונדערהיים, צוגאַסט, צוערשט, צורעכט.

אייניקע צונויפֿגעזעצטע ווערטער קען מען שרײַבן אָדער צוזאַמען אָדער מיט אַ דעפּיס. צב״ש, ערדאַרבעט, יונגעלייט, מישמאַש א״אַנד.

מיט אַ דעפּיס שרײַבן:

צו לאַנגע צונויפֿזאַצן: רעדאַקטאָר-קאָלעגיע, בילדונגס-קאָמיסאַריאַט;

נײַע, זעלטענע צונויפֿזאַצן: שול-קאָלעקטיוו, איין-צאָליק;

צוליב גראַפֿישער באַקוועמקייט: ביז-איצטיקער, גלאָז-שויב, נײַ-יאָר;

ענגבאַהעפֿטע פּאַראַלעלע צונויפֿזאַצן: אַרבעטער-קאָמיסאַר, אויגן-שטערן.

קאָאָרדיניר-צונויפֿזאַצן: טינט-און-פֿען, טאַטע-מאַמע.

דעם ווערבאַלן צוגאָב בשכנות מיט דער געגנוואַרט אָדער אימפּעראַטיוו פֿונעם ווערב שרײַבן מיט אַ דעפּיס, צב״ש שטיי-אויף, איך שטיי-אויף, מען דריקט-אויס מיטלייד.

עטלעכע באַמערקונגען וועגן אויסלייג

פון אַלכּסנדר האַרקאַווי (ניו־יאָרק)

צום באַדויערן קען איך איצט ניט שרײַבן קיין ברייטע אָפּהאַנדלונג איבער דער יידישער אָרטאָגראַפּיע... כּדי כאָטש מיט עפּעס צו נעמען אָנטייל אין דער דיסקוסיע, וועל איך דאָ אָנמערקן די פֿאָרשלאָגן, וואָס איך וואָלט מאַכן אין אַן אַרטיקל וועגן דעם ענין, היינו:

1) אײַנצופירן דיאַקריטישע צייכנס אויף די אותיות ד, ט, ל, נ, ווען זיי דאַרפן אויסדריקן די קלאַנגען, וואָס ווערן אין רוסיש באַצייכנט דורך дь, ть, ль, нь; אַזוי אויך אויף ז, צ, כּדי מען זאָל די קלאַנגען ж, ц ניט דאַרפן שרײַבן זש, טש.

2) צו פֿאַרהאַלטן דעם פּראָסטעטישן א נאָך פֿאָרזילבן, ווי אין „פֿאַר־אומערן", „פֿאַראיין" אאַז"וו, ווײַל די אויסלאָזונג פֿון דעם א פֿירט צו טומלעניש.

3) איבערצולאָזן די פֿאַרטאָפּלונג פֿון קאָנסאָנאַנטן, וואָס קומט אַרויס דורך פּרעפֿיקסן, ווי אין „אַרײַננעמען", „פֿאַררײדן", „אָפּפּאַטשן" (ניט שרײַבן: „אַרײַנעמען", „פֿאַריידן, אָפּאַטשן"). צו מערקן, אַז די אַרט פֿאַרטאָפּלונג קומט אויך פֿאָר אין פּויליש און טשעכיש, וואָס האָבן די פּשוטסטע אויסלייגעכצן (פּויליש: oddać, poddać, naddać; טשעכיש: naddatek, oddech, poddělati).

4) ניט צו זײַן צו פּעדאַנטיש אין דעם אויסלייג פֿון יידיש. מע דאַרף געדענקען, אַז ניט אַלע שפּראַכן לאָזן זיך שרײַבן שטרענג פֿאָנעטיש. געבענטשט אין דעם פּרט זײַנען די סלאַווישע שפּראַכן, אָבער פֿאַר יידיש, אַ דאַנק דעם העברעיִשן א"ב, מיט וועלכן אים איז באַשערט צו באַדינען זיך, איז אַ פֿולקום פֿאָנעטישער אויסלייג ניט מעגלעך.

נאָך אַ זאַך, וואָס איך וואָלט פֿאָרשלאָגן, איז אײַנצופֿירן אַ פֿעסטן כּלל פֿאַר פֿאַרקירצונגען. ווי עס פֿירט זיך איצט, ווערן ראשי־תּיבות אַפֿילו פֿון דעם גערמאַנישן עלעמענט אָנגעוויזן דורך אַ העברעיִשן צייכן, למשל: ה'=הער, אאַז"וו=און אַזוי ווײַטער. איך וואָלט פֿאָרלייגן, אַז דער העברעיִשער צייכן זאָל באַנוצט ווערן נאָר פֿאַר ראשי־תּיבות פֿון העבר.־אַראַמעיִשן עלע־מענט, ווי: ר'=רבי, א"ב=אלף־בית; פֿאַר ראשי־תּיבות פֿון גערמאַנישן עלע־מענט זאָל באַנוצט ווערן אַ פּינטל, ווי: דגל.=דעסגלייכן, אאַזוו.=און אַזוי ווײַטער.

דאָס איז in nuce וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן דעם ענין.

אַלף־בית פון אָרטאָדאָקסישן אויסלייג

פון ד״ר שלמה בירנבוים (האַמבורג)[1]

אַ בײַ אַ תנועה אין אָנהייב וואָרט אָדער טראַף הערט זיך אַ שוואַכער קלאַנג. אויב די תנועה שרײַבט זיך מיט אַ וואָו אָדער אַ יוד, ווערט דער קלאַנג איבערגעגעבן מיט אַן אַלף: אומגליק, אומה, אומיסטן, פּאַראומערט. אופן, אורחים, אויבס, אויס. איז, אײַנדיק, אום.

א אַ שטומע אַלף שטעלט זיך צוליב אַ מחיצה, ס׳זאָלן ניט אויסקומען דרײַ וואָוון אָדער דרײַ יודן אויף איין מאָל: כ־וואוין, וואונדער, פּרואוון. יאַײַכל.

אָ 1) אַ קורצער קלאַנג: גראָבן, וואָג, טאָג, קאַטאָוויס, אַראָפּ, שלאָפן, האָקן.
2) אַן אויסגעצויגענער קלאַנג: בלאָ, אָדערן, גלאָז, בראָטן, נאָך (דערנאָך), טאָל, אָן (בלי), מאָס, גאָר.

א 1) אַ קורצער קלאַנג: אבער, אדער (או), קאווין, לאזן, אט, גיבראכן, וואלט, דאמב, סאסנע, טאפּ, גישראקן, דארטן, ווארצל, נאך (עוד).
2) אַן אויסגעצויגענער קלאַנג: גיווארן, הארן.

אַ 1) אַ קורצער קלאַנג: אַז, גלאַט, מאַכן.
2) אַן אויסגעצויגענער קלאַנג: גראַם, נאַריש.
3) מען קען אויך שרײַבן: ביימאַלע, קעפּאַלעך.

ב ב ג ד ה

ו 1) אין פּוילן, אוקראַיִנע אאַ״וו דאַרף מען עס אַרויסרעדן ווי אַ קורצע „י״: אוגערקע. פלוגתא. מוזן. טוק. קוקן. שטופּן. חומש. זומער. פול (מלא), פּוטער.
2) אַרויסגערעדט אין פּוילן ווי „א״ (דארטן), אין אוקראַיִנע אאַ״וו ווי „ע״ (וועט): דורך, קורץ.

ו אין פּוילן, אוקראַיִנע אאַ״וו דאַרף מען עס אַרויסרעדן ווי אַ לאַנגע „י״: ברודער, דער זון, בשורה, הוסן, גרוב.

ו 1) מען דאַרף עס אַרויסרעדן ווי אַ קורצע „א״ (דארטן): אורחים, אות.
2) אַרויסרעדן ווי „וי״: אורח, אותיות.

וו וואו, וויכוח, וויספּע, אַוודאי, קאַווע, בריוו.

וי אויך, אַזוי, בוים, הויזן, לויט (וואָג), טויב (חרש), לויז („שיטער״), רויט, שוין.

וי אויך, ברוין, הויז, לויט (ווערליג), טויב (פויגל), לויז (כנים), פויער, פויק.

ז זש ח

ט האַנט, וואַנט, הונט (ווײַל מען זאָגט: הענטל, ווענטל, הינטל. אָבער: לאַנד, קינד, ווײַל מען זאָגט: לענדער, קינדער).

---

[1] דעם דאָזיקן „אַלף־בית״ ד״ר בירנבוימס דרוקן מיר איבער פון חודש־זשורנאַל „בית יעקב״, לאָדזש, נומ׳ 59, נאָוועמבער 1930. דער מחבר מאַכט דאָ די פּראַקטישע אויספירן פון יענע טעאָרעטישע הנחות, וואָס ער האָט געגעבן אין זײַן אַרטיקל אין דעם איצטיקן זאַמלבוך ז׳ 18—19. ליידער איז אונדז דער זשורנאַל אָנגעקומען צו שפּעט, אַזוי אַז מען האָט צוליב טעכנישע סיבות שוין ניט געקענט אַוועקשטעלן דעם „אַלף־בית״ האַרט נאָך יענעם אַרטיקל.
די כּללים זײַנען געגעבן מיט אונדזער אויסלייג, די בײַשפּילן מיט דעם מחברס.

יַ יאַטקע, יַבָשה, ייִד, ייִנגל, יעָרן.
יִ קורץ: איבער, ציבור, ווידער, איז, מיט, כ־בין, ייִנגל, וויסן, שפּיץ, טיש, ברית, גיסטו, (געָבן, געסטו).
יִ היִ, מיִ, ליִב, ייִד, ליִד, שטיִוול, היִטן, שיִך, מיִל, די ביִן, פּיִר (4), פּיִרן (נהג), גיִסטו (גיסן).
יַ אַ קורצע תנועה, אין רוב דיאַלעקטן געראָטן אין אַ „י": א) גיזאָגט, גי־כאַפּט. ב) ער פּראַוויט, הַרגיט. ג) קומין, סַמין, זעגין, רײַנים, זינגין, בענ־קין, הימלין, שטאַמלין, רויען, בויען, קַיען, גײַען. ד) אײַדים, בעזים. ה) ווײַטיג, זונטיג, עליף, באַרווים, עפּים.
ײַ זײַ, דרײַ, צווײַג, גרײַז. טײַטל (צו ווײַזן), רײַך, הײַליק (צײַן), רײַן (טאָפּ), נײַן (9), שײַן (ליכט), ווײַס (קאָליר), פּײַקל.
ײַ זײַ (זאָלסט זײַען), צווײַ, הײַ, טײַטל (פּרי), הײַליק (קדוש), רײַן (טהור), נײַן (לא), שײַן (יפה), כ־ווײַס.

כּ כ ך ל לי מ ם נ ן ני ס

ע עוולה, עולם.
ע קורץ: בעט (צום שלאָפן), סערפּ, מענטש, קעץ, ווערטל.
עֶ אויסגעצויגן: עֶבן, רעֶדל, כ־בעֶט (בַקשה), העֶרן, ווערט (ראוי).
עַ אַ קורצע תנועה, אין רוב דיאַלעקטן גיראָטן אין אַ „י": איך פּראַווע, טַענע, ב) גרויסע, שיינע, גוטע.
עַ אַ קורצע תנועה, אין רוב דיאַלעקטן געראָטן אין אַ „ע": א) גרויסער, גוּ־טער, מענער, האַמער, שנײַדער. ב) הינטלעך, גליקלעך, נעבעך, פאַסטעך.

פּ פ ף צ ץ

ק אויך בײַם אויסלאָז יק: לעֶבידיק.

ר ש שׂ תּ ת

בײַ ווערטער פון לשון־קודשן אָפּשטאַם, שטעלט מען די נקודה פון דער געקוועטשטער הברה: בָטל, מַאמר, אויב מען דאַרף, אויך פון דער הברה פאַר איר: הֲנָחה גְדולה.

אַנט, באַ, פאַר, צו: אַנטלויפן, באַקומין, פאַרקויפן, צוטרײַבן.
קיין שטומע אײַענס זענען נישטאָ: זאָגן, הימל.
אויך ניט קיין שטומע הייען: פאָרן, פורן, פּירן, אָן, מאָן, צאָל. רו, טוּן.
בכלל ניט קיין שטומע אותיות: שטאָט, רעט, אײַביקײַט.
אונדז, העלדזל, פענצטער אאַ"וו.
מען שרײַבט ווערטער נישט צוזאַמען: אין גאַנצן אאַ"וו.
מען בינדט צונויף ווערטער מיט אַ מקף: מזל־טוב, שטאָט־זײַגער.
בײַם שרײַבן בלײַבט ב, פ אָן אַ דגש, און ב, פ קומען מיט אַ רפה:
ב, פּ—בֿ, פֿ.

וועגן אַ סיסטעם אָפּשטעלצייכנס

פון יודל מאַרק (ריגע)

מיר האָבן רק צו טון און צו טון מיט דעם״אויסלייג. און ווער ווייס, ווי לאַנג עס וועט נאָך אָנהאַלטן דער תהו־ובהו אויף אָט דעם געביט, ווי לאַנג עס וועט זיך נאָך ציען דער ליבער „בײַ אונדז שרײַבט מען אַזוי”, ווי לאַנג מען וועט זיך נאָך קליגן אויסצוגעפינען רק נײַע המצאות — און במילא נײַע הכבדות. און דאָך האָט מען ביז איצט אין גאַנצן געלאָזן אין אַ זײַט די פראַגע וועגן אָפּשטעלצייכנס. אויף וויפיל מיר איז באַוווסט איז דער ענין ניט באַטראַכט געוואָרן אויף קיין שום אָרטאָגראַפישער קאָנפערענץ (אַחוץ דער לעצטער, 1928, אין לעטלאַנד). עס איז אַפנים אויך אין ערגעץ ניט געווען פאַרעפנטלעכט קיין פּראָיעקט פאַר אַ סיסטעם אָפּשטעלצייכנס. און דאָס איז באמת אַ טשיקאַווע זאַך בײַ אונדזער גייעג מחדש צו זײַן. בלויז שוין מיט אַ היפּשער צײַט צוריק האָט דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט פונאַנדערגעשיקט אַ בריוו וועגן רעגולירן די יידישע אינטערפּונקציע צוזאַמען מיט אַ פאָרמולירונג פון די כּללים פאַר אָפּשטעלצייכנס, וואָס זײַנען אָנגענומען אין ענגליש, פראַנצויזיש, פּויליש און דײַטש. די דאָזיקע טאַבעלע כּללים האָט צונויפגעשטעלט ט. גוטמאַן (פון לאָדזש). זײַן אַרבעט איז מיר אַצינד צונויף געקומען. אַ יישר כּוח דעם פרײַנד גוטמאַן.

עס קען קיין ספק ניט זײַן, אַז די פראַגע וועגן אָפּשטעלצייכנס געהערט אין דער אָרטאָגראַפיע אַרײַן. פונקט ווי עס זענען פאַראַן אותיות און קאָמבינאַציעס פון אותיות אויף צו סימבאָליזירן די קלאַנגען פון דער לעבעדיקער שפּראַך, זענען אויך דאָ אַנדערע צייכנס, וואָס פּרוּוון אויסדריקן די ריטמישע און די מעלאָדישע זײַט פון אונדזער ריידן. און פונקט אַזוי ווי מיר בויען אויף אַ געוויסע סיסטעם פאַר די כּלערליי ספּקדיקע פאַלן בײַם באַנוצן אָט די אותיות, קענען מיר און דאַרפן מיר אויך האָבן אין אונדזער באַזיץ אַ סדר און תקנות פאַר די אַנדערע צייכנדלעך אין אונדזער געשריפט.

ס'איז כּדאַי אָנצומערקן, אַז אַלע שטעריקייטן, וואָס זיי זענען בטבע פאַראַן בײַם אײַנשטעלן אַן אויסלייג־סיסטעם, זענען אויך חל אויף די אָפּשטעל־

צײַכנס. די אָרטאָגראַפיע קען קײן מאָל ניט גובר זײַן דעם פּרינציפּיעלן
ווידעראַנאַנד צווישן דער גערעדטער לעבעדיקער שפּראַך און געשריבענער
טויטער שפּראַך. קײן שום פּראַקטישע אָרטאָגראַפיע-סיסטעם האָט ניט גענוג
אותיות פאַר די קלאַנגען וואָס די שפּראַך פאַרמאָגט. אײַנשטעלן אַן אויסלײג-
סיסטעם באַטײַט אויסקלײַבן פון אַ סך בײזן דאָס קלענערע. דאָס אײגענע
איז אויך מיט אָפּשטעלצײכנס.

אונדזער רײדשטראָם ווערט איבערגעריסן דורך אַזוי פיל פאַרשײדנ-
אַרטיקסטע פּאַוזעס, בײַם כּסדר דאָס אויפהײבן און אַראָפּלאָזן די שטים, איז
אַזוי רײַך אין מעלאָדישע און ריטמישע פיגורן—אַז עס וואָלט לכתחילה געווען
אַ ברכה לבטלה פאַר דעם אַלעם אײַנצושטעלן צײכנדלעך. און אויב מען
וואָלט זיך גענומען אַזוינס אײַנפירן, וואָלט דאָס אויסלערנען די תּורה געווען
כינעזישע עברי און... עס וואָלט ערשט רעכט ניט געשטימט מיט די פאַקטן
פון רײדן. הכּלל, קײן אידעאַלע סיסטעם אָפּשטעלצײכנס איז ניט מיגלעך,
פּונקט ווי עס איז ניטאָ אין דער וועלט (און עס וועט ניט זײַן) קײן אידעאַלע
אָרטאָגראַפיע בכלל.

מען דאַרף איבער דעם ניט קלאָגן. בײַם עצם פּראָצעס פון רײדן באַ-
ווײַזן מיר אויך ניט אַלץ אַרויסצוזאָגן. אַ ים פאָרשטעלונגען און באַגריפן און
בפרט נשמה-פלאַטערנישן בלײַבן אָן דעם אויסטײַניקסטן שפּראַכלעכן לבוש
און ווערן דאָך פאַרשטאַנען, אויפגענומען און פאַרדײַט ניט ערגער ווי געקאָ-
וועטע ווערטער. אַ ירדן אײגנשאַפטן פון דער גערעדטער שפּראַך באַקומען
ניט קײן גראַפישע פאַרקערפּערונג, און דאָך פאַרשטײען מיר דאָס געשרי-
בענע. אמת, בשעת מיר לײענען, לײענען מיר פיל מער אַרויס — וויפיל עס
איז פאַקטיש אָנגעשריבן. מיר לײענען שטענדיק (מיר קענען ניט אַנדערש!)
צווישן די שורות און צווישן די אותיות. אַלץ צו פאַרצײכענען איז אי אומ-
מיגלעך אי אומנײטיק. דער טרײסט פאַר אַזאַ אײביקן אַנטינאָמישן מצב זאָל
געפונען ווערן אין דעם דײַטשישן פּסוק: Der Geist will vom Geiste ge-
fasst und verstanden sein, מיט וואָס דער גראַמאַטיקער ענגעליען וויל
באַרויִקן געמיטער פון פּעדאַנטן.

יעדע סיסטעם אָפּשטעלצײכנס איז בכן בלויז אַ בלאַסער פּרוּוו אָפּצו-
שפּיגלען די רעגנבויגנדיקײט פון אינטאָנאַציעס און פּאַוזעס. יעדע סיסטעם
אָפּשטעלצײכנס איז אַ „געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך", ייִדישלעכער — אַ פּשרה.
בײַ אָפּשטעלצײכנס גילט די פּשרה צווישן צוױי צדדים: דער אײן צד דאָס
איז דער לאָגישער אינהאַלט פון אונדזערע רײד, דער צווײטער צד —
די עמאָציאָנעלע באַאַרבונג פון דער לעבעדיקער אינדיווידועלער שפּראַך.
עס איז אַ געראַנגל צווישן גראַמאַטיק און רעטאָריק, צווישן סכעמאַטי-
זירטן סינטאַקסיס און פאָנעטיק, און וויל מען עס פאַראַלגעמײנערן: צווישן
אינטעלעקט און אינטויציע, צווישן שכל און האַרץ — הגם אַזאַ פאַראַל-
געמײנערונג איז גיכער וויציק ווי וויסנשאַפטלעך. און אַלע אופנים צו באַ-

בוצן אָפּשטעלצייכנס זענען אין אַ צװישן. פֿאַראַן סיסטעמען אינטערפּונקציע, װו עס דאָמינירט מער לעבעדיקע עמאָציע, פֿאַראַן װידער אַזױנע, װו די סכאָלאַסטישע גראַמאַטיזירונג האָט גובר געװען. רײן־רעטאָרישע אָדער בלױז־גראַמאַטישע סיסטעמען אָפּשטעלצייכנס זענען ניט בנמצא.

אַלטערטום און כמעט גאַנץ מיטלעלטער האָבן כּלל ניט געװוסט פֿון אַ סיסטעם אָפּשטעלצייכנס. עס זײַנען געװען פֿאַראײנצלטע, כמעט שטענדיק סיסטעמלאָזע צייכנס פֿאַר אָפּשטעלן, אָבער די אַלטע גריכישע און רױמישע גראַמאַטיקער האָבן ניט געהאַט קײן אױסגעאַרבעטע סיסטעם. אין קאַרל דעם גרױסנס צײַטן, צוזאַמען מיטן שרײַבן איטלעך װאָרט אָפּגעטײלט, אָפּגערוקט פֿון צװײטן, האָט מען זיך אינטערעסירט מיט אָפּשטעלצייכנס. אָבער אײגנטלעך ביזן אױסגעפֿינען בוכדרוקערײַ איז דער ענין ניט געװען אַקטועל און אױך די ערשטע דרוקן האָבן געהאַט צװײ—דרײַ צייכנס. די איצטיקע סיסטעמען מיט די פֿאַרשײדענע צייכנס און כּללים זאָלן שטאַמען פֿון סוף מיטלעלטער. און איטאַליעניש דאָס איז די שפּראַך, װאָס זי האָט פֿאַרמאָגט די ערשטע סיסטעמאַטישע אינטערפּונקציע. פֿון די איטאַליענער האָבן עס גענומען די פֿראַנצױזן. פֿון די פֿראַנצױזן — די דײַטשן. פֿון די דײַטשן — די רוסן. און מיר האָבן אין 9 פֿאַלן פֿון 10 דאָס גענומען פֿון די רוסן. כמעט אַ חד גדיא אָדער אַ מעשהלע װי מען ציט אַ ריב.

במשך פֿון אַזאַ װאָגלעניש איבער פֿעלקער און יאָרהונדערטער האָט זיך די אינטערפּונקציע געביטן, אומעטום אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, געװאָרן רק שטײַפֿער, האַמעטנער, פּילכּלימדיקער (מיט דעם אױסנאַם פֿון גאָר דער לעצטער צײַט, װען עס איז ניכּר די טענדענץ צו פֿאַראײנפֿאַכן). און דאָך איז אומעטום פֿאַראַן, ביז אין געװיסע גרענעצן, אַ װילדװילן בײַ אָפּשטעלצייכנס. אַנדערע סיסטעמען גיבן אָפּ מער פּלאַץ דעם אינדיװידועלן אײַנזען, לאָזן אַ סך איבער אױף דעם שרײַבערס באַראָט, אַנדערע אַקעגן זענען געװאַלדיק דיקטאַטאָריש, אָבער דאָך זײַנען זײ ניט בכּוח אַלץ פֿאָרױסצוזען, אין פֿאָרױס צו פֿאַרװערן אָדער צו דערלױבן. ליבעראַלער פֿון אַלע אַנדערע סיסטעמען איז די ענגלישע. אין די ענגלישע[1] שולן למשל לערנט מען כמעט ניט דאָס באַנוצן די אָפּשטעלצייכנס. אַנדערע שול־ביכער זאָלן „אומפֿאַרשעמט" פֿאָרמולירן: „אַ קאָמע שטעלט מען דאָרטן, װו מען געפֿינט עס פֿאַר נײטיק". שטרענגער פֿון אַלץ איז דוכט זיך די רוסישע סיסטעם. יעדנפֿאַלס האָבן מיר אין די אַמאָליקע גוטע יאָרן דרײַ יאָר כּסדר (אין צװײטן, דריטן און פֿערטן קלאַס גימנאַזיע) אָן אױפֿהער געהאַט צו טון מיט דער דאָזיקער גיפֿטיקער און צביעותדיקער ימח־שמוניצע, מיט דער קלײנטשינקער קאָמע.

אָבער אַ ביסל גענױער װעגן די סיסטעמען בײַ די פֿיר גרױסע פֿעלקער: רוסן, דײַטשן, פֿראַנצױזן, ענגלענדער. און פֿריער פֿון אַלץ טאַקע װעגן דער

---

1) לײדער איז אַלץ װאָס האָט אַ שײַכות צו ענגליש האָב איך פֿון דער צװײטער האַנט.

סיסטעם דער רוסישער, װאָס איז אונדז, ײדן, אַזוי ליב געװאָרן. אין 18טן יאָרהונדערט האָבן די רוסן געפרוװט זיך שאַפן אַ סיסטעם, איבערנעמענדיק זי פון די דײַטשן. פאַקטיש האָט געהערשט אַ מישמאַש. די גאַנצע ערשטע העלפט 19טן יאָרהונדערט איז פול מיט „פאַרשײדנאַרטיקײטן" אױפן געביט פון אינטערפונקציע. די איצטיקע סטאַביליזירטע אָפשטעלצײכנס װאַקסן אַרױס פון גראָטס תקנות. אָבער אױך דער אַקאַדעמיקער גראָט האָט דעם ענין באַהאַנדלט אַ ביסל כלאַחר־יד און די גראַמאַטיקער, ריכטיקער די צונױפשטעלערס פון די שולגראַמאַטיקעס די ערגערע און בעסערע קירפיטשניקאָטס, האָבן געמוזט ממלא זײַן װאָס גראָט האָט ניט דערזאָגט. אין געװיסע קלײניקײטן גײען זיך ניט צונױף די רוסישע גראַמאַטיקעס. אַנדערע למשל פאָדערן אומבאַדינגט די קאָמע, װען דער и חזרט זיך איבער צװײ מאָל (בײַ ענלעכע גלידער אין צונױפגעצױגענעם זאַץ), אַנדערע װילן די קאָמע בלױז װען и קומט דרײַ מאָל, די דריטע — דאָס רוב — גיבן איבער דעם גורל פון דער קאָמע בײַ צװײ и־ען אין די הענט פון דעם שרײַבער. אין געװיסע פרטים האָט מען ביסלעכװײַז געביטן גראָטס כללים. למשל װען אַ באַמערקונג קומט אין מיטן דירעקטע רײד, פאָדערט גראָט נאָכן באַמערקונג אַ צװײפינטל, בשעת אין דער פראַקטיק פאַרבײַט מען אָפט דעם צװײפינטל מיט אַ קאָמע. מען האָט אױך אין אַ סך פאַלן גענומען פאַרבײַטן די פיסלעך מיט דעם טירע. די רוסן האָבן אָבער טעאָרעטיש זיך װײניק פאַרנומען מיט אָפשטעלצײכנס. פאַקטיש האָט מען עס איבערגעגעבן די לערערס און די שילערס „זיך צו מאָרטשען דערבײַ" (װי מענדל סטאַנאָװער דריקט זיך אױס). נאָר פעשקאָװסקי האָט אַ שטאַרקן אינטערעס פאַר דעם ענין[1]. ער רוקט אַרױס אױפן פאָדערגרונט די אינטאָנאַציע, די פאַוזע. ער פרוװט די פאַוזע צו כאַראַקטעריזירן פאַר איטלעכן צײכן באַזונדער. ער שטעלט פאַקטיש אַקעגן דעם גראָטישן לאָגיסטישן פרינציפ זײַן רעטאָרישן באַזיס. אָבער ער קומט ניט מיט פאָרלײגן צו רעפאָרמירן גראָטס סיסטעם. פעשקאָװסקי װיל בלױז זײַן פעסטערן באַלקן אַרונטערוקן אונטער דעם שװאַכערן פונדאַמענט און איז אױסן צו פאַרריכטן קלײניקײטן. דערבײַ איז פעשקאָװסקיס גרונט־טעות דער, װאָס ער מאַכט דעם ענין מיט דער אינטאָנאַציע צו פשוט. אַפילו פאַר דער קאָמע געפינט ער סך־הכל פיר מעלאָדישע און ריטמישע פיגורן, בעת אין דער אמתן קען מען אָנצײלן אין עטלעכע מאָל מער — און אױך ניט אױסשעפן אַלע מיגלעכקײטן. בנוגע אַנדערע צײכנס האָט פעשקאָװסקי, שפעטער זיך אַלײן געכאַפט (למשל מיט דעם צװײפינטל), אַז ער האָט אומגעזעצלעך פאַראײנפאַכט די פראַגע. און דער עיקר: װען מען זאָל טאַקע אַרױסגײן באמת פון דער אינטאָנאַציע, װעט

---

[1] אין אַ גאַנצער רײ אַרבעטן שטעלט ער זיך אָפ אױף דער פראַגע. גענױער פון אַלץ באַהאַנדלט ער זי אין זײַן Школьная и научная грамматика. III. Знаки препинания и научная грамматика. Госиздат, 1923, стр. 75—99.

מען ניט קומען צו דער פּראַקטיק בנוגע דער רוסישער אינטערפּונקציע, װאָס איז געבױט אױפן פונאַנדערקלײַבן דעם זאַץ. װי דאָס זאָל אָבער ניט זײַן בײַ פּעשקאָװסקין, מערקט זיך ניט קײן גרונטיקע רעפאָרם=באַװעגונג אין דער רוסישער אינטערפּונקציע, הגם די סיסטעם איז כמעט סכאָלאַסטיש, הגם מען איז מיט דער סיסטעם אומצופרידן און הגם אין רוסלאַנד באַדאַרף מען דאָך ניט זײַן פּרינציפּיעל קעגן אַ „רעװאָלוציע" אין אָפּשטעלצײכנס.

אַז די גאָרע סיסטעם איז דאָרטן אולטראַ=לאָגיסטיש, באַװײַזט דאָס אָפטע אַרײַנצװינגען אין צװײ קאָמעס אַזױנע פּשוטע װערטלעך װי и, что, как און אַנדערע אומשולדיקע. זײ װערן אָן גרונט פאַרגראַטעװעט, כאָטש קײן מענטש װעט ניט מאַכן אַ קאָמע=פּאַוזע הן פאַר הן נאָך דעם и, הן פאַר הן נאָך דעם что, צום בײַשפּיל:

Я знаю, что, сделав это, вы раскаетесь.

פאַרן что האָבן מיר אַ פּאַוזע. נאָכן что װעט קײן אױער און קײן אַפּאַראַט ניט אױפכאַפּן קײן פּאַוזע. אױף דרײַ קאָמעס פון געבראַכטן זאַץ האָבן מיר צװײ אָדער ריכטיקער אָנדערטהאַלבן קאָמע=פּאַוזעס:

Я знаю// что сделав это/ вы раскаетесь.

אָדער בײַ אַן אַנדער אינטאָנירונג:

Я знаю/ что сделав это// вы раскаетесь.

עס װאָלט ניט געװען שװער צו ברענגען אָן אַ סוף בײַשפּילן, װו די רוסן שטעלן קאָמעס, כאָטש עס מעג פעלן בכלל די קאָמע=אינטאָנאַציע אָדער װו דער אָרט פון דער קאָמע און די שטעל פון דער פּאַוזע פאַלן ניט צונױף. סוף דבר — די רוסישע אינטערפּונקציע איז אומזיניק, װײַל זי איז צו לאָגיסטיש. אָנשטאָט אַ פּשרה צװישן צװײ פאַקטאָרן, האָט די רוסישע אינטערפּונקציע כמעט אין אַלץ זיך געשטעלט אױפן צד פון דער סינטאַקטישער גלידערונג פון אונדזערע רײד. רוסן זענען מיט זײער סיסטעם ניט צופרידן און באָר לעצטנס האָבן מיר געלײענט אין די צײַטונגען, אַז געװיסע קלײנע שינױים האָט מען אַרײַנגעפירט: אױסקאַסירט די קאָמע בײַ אַגב=אורחא=װערטלעך (вводные слова) און באַגרענעצט דאָס באַנוצן די פּיסלעך.

די דײַטשן, די רבנים פאַר ד' רוסן אין הלכת אָפּשטעלצײכנס, זענען געצװונגען זיך צו פאַרנעמען ניט װינציק מיט זײערע אָפּשטעלצײכנס. פאַראַן אַ רײ ביכער און ביכלעך מיט כללים, מיט מאַטעריאַלן פאַר געניטונגען, מיט אַלערהאַנטיקע סיסטעמאַטיזירונגען פון די צײכנס און פּראַקטישע עצות. דאָס איז דער בולטסטער באַװײַז, אַז זײ לײַדן אױך נעבעך פון זײער אינטערפּונקציע, אַ סך הקדמות אין אַזױנע פּראַקטישע ביכלעך באַקלאָגן זיך, למאַי אַפילו אינטעליגענטע מענטשן מאַכן גרײַזן אין אָפּשטעלצײכנס.

דער דײַטשישער גראָט בנוגע אינטערפּונקציע איז שױן אַרעלונג, װאָס זײַנע כללים, פאָרמולירטע דאָס יאָר 1781, זענען געבליבן עד=היום, בלױז מיט געװיסע קלײנע שינױים. ניט געקוקט אױף דעם, װאָס די דײַטשן האָבן

בסדר געשטרעבט צו פֿאַרגענױערן זײערע כּללים װעגן די אָפּשטעלצײכנס,
זענען פֿאָרט געבליבן אַ רײ װאַקלענישן. ס״איז למשל גאַנץ אומזיכער, װען
עס קומט די קאָמע פֿאַרן אינפֿיניטיװ מיט zu. אין דער פּראַקטיק האָבן זיך
אױך אײַנגעבירגערט געװיסע פֿאַרגרינגערונגען, װאָס זײ שטימען ניט מיט די
תּקנות פֿון די גראַמאַטיקער. הגם די „טעאָריע" פֿאָדערט געװײנטלעך
צװײ מאָל, װען דירעקטע רײד װערט דורכגעריסן דורך Anführungszeichen
אַ באַמערקונג, באַנוגנט זיך די פּראַקטיק—דוכט זיך ס׳רוב—מיטן אײנמאָליקן
אָנװענדן די פּיסלעך. אין דער פּראַקטיק לאָזט מען אױך דורך די קאָמע בײַ
קורצע סוביעקטזאַצן און אין אַ רײ אַנדערע פֿאַלן. בכן, די פּראַקטיק איז
נאָך אַלע חומרות װאַקלדיק אין געװיסע גרענעצן, אָבער אױך די טעאָריע
איז ניט געװױנט פֿעסט. נאָכדעם װי מען גיט 28 כּללים װעגן דער קאָמע, קומט
מען צום אױספֿיר, אַז die Regeln für seine Anwendung einer gewissen
Dehnbarkeit nicht entbehren[1] אױב זיך קלײַבן אַ מוסטער, איז אַזױנס גאָר
ניט געראָטן. די דײַטשישע סיסטעם האָט כּמעט אַלע חסרונות װאָס די רוסישע.
די לעצטע איז אָפּטערס נאָך פּעדאַנטישער. רוסן שטעלן אָפּט אַ קאָמע דאָרטן,
װוּ די דײַטשן האָבן זי שױן ניט. למשל:

черна, как галка, худа, как палка.

פֿאַר אָט אַזאַ „װי" באַגײען זיך די דײַטשן אָן דער קאָמע. האָבן דערפֿאַר די
דײַטשן מער קאָמעס פֿאַרן אינפֿיניטיװ.

אין פּרינציפּ שטימען בײדע סיסטעמען, זײ זענען ניט „פּאָעטיש", ד״ה
זײ רעכענען זיך ניט מיט דער אינטאָנאַציע, מיטן אָפּשטעלן זיך אין פּראָצעס
פֿון רעדן, מיט די מוזיקאַלישע און רעטאָרישע פֿיגורן[2].

מיט דער פּױלישער סיסטעם פֿון אינטערפּונקציע בין איך גופֿא ניט באַ־
קאָנט. נאָר אַפּנים שײדט זיך אונטער די דאָזיקע סיסטעם פֿון דײַטש און רו־
סיש בלױז מיט קלײניקײטן.

גאָר אַן אַנדער בילד באַקומט זיך, װען מען גײט אַריבער צו די אָפּ־
שטעלצײכנס בײַ די פֿראַנצױזן. שױן דער פֿאַקט גופֿא, װאָס די שולגראַמאַטי־
קעס פֿאַרנעמען זיך גאָר װײניק מיט דער אינטערפּונקציע, װאָס עס זענען
כּמעט װי ניט פֿאַראַן קײן ספּעציעלע ביכער מיט געניטונגען און אױפֿגאַבעס
אױף דעם געביט — שױן דאָס אַלײן באַװײַזט, אַז אין פֿראַנצױזיש איז דער
ענין אומפֿאַרגלײַכלעך פּשוטער. פֿיל װײניקער כּללים. עס קען זיך אפשר
אױסדוכטן פֿיל מער װילדװילן. אין דער אמתן — װײניקער ספֿקות, װײַל
דאָס דורכלאָזן אַ קאָמע װערט ניט אױפֿגענומען װי אַ חטא, און טאַקע אַזױ:
װען מען האָט צוטרױ צום געהער, װען דער צײכן איז פֿרײער פֿון אַלץ אַ

---

[1] Dr. E. Moll. Interpunktionslehre. Breslau 1908, S. 30.

[2] דער גראַמאַטיקער ליאָן פֿאָרמולירט דעם ענין אַזױ: Unsere Zeichensetzung
ist im allgemeinen rein grammatischer, nicht rhetorischer Natur.

סימבאָל פאַר דער ריטמישער גלידערונג און ניט קיין קרבן פאַר דעם סכעמאַ־טישן סינטאַקטישן אָפּגרענעצן און צערײַסן אונדזער ריידשטראָם — איז קען מען זיך שוין פאַרלאָזן פיל מער אויף דעם שרײַבער.

דער עיקר פון סינטאַקטישן פּרינציפּ באַשטייט אין דעם, אַז אַ זאַץ מוז ווערן אָפּגעטיילט מיט אַ צייכן, כאָטש מיט אַ קאָמע. „זאַץ — קאָמע" דאָס איז דער אבן הפינה בײַ דײַטשן און רוסן. עס בלײַבט נאָר די פראַגע, וואָס דאָס איז זאַץ (גאָר ניט קיין פשוטער ענין!). איבער האַלטן, אַז ווענדונג, אַפּאָזיציע, אויסרופן, באַמערקטערטער זענען זאַצן אָדער עקוויוואַלענטן פון זאַצן; איבער דאָס וואָס מען רופט אין גראַמאַטיקעס „פאַרקירצטע בײַזאַצן" אויך האַלטן פאַר זאַצן — איז אייגנטלעך פאַר דער קאָמע פאַראַן איין גרונט־כלל: זי טיילט אָפּ דעם זאַץ, ווען עס קומט ניט קיין אַנדער צייכן, וואָס זאָל סימבאָליזירן דעם סוף פון דעם זאַץ. בײַ די פראַנצויזן אָבער איז שוין ניטאָ דאָס אויסגיין פון דעם זאַץ־פּרינציפּ. אַ רעלאַטיווישן בײַזאַץ טיילן די פראַנצויזן ניט אָפּ מיט קיין קאָמע. פאַר qui און que איז קיין קאָמע ניטאָ (סײַדן ווען דאָס זענען אין תוך זאַצן אַרײַנגעשטעלטע, אַגב־אורתאדיקע), אָדער די פראַנצויזן פאַרגי־נען זיך בלויז פון איין זײַט בײַזאַץ צו שטעלן די קאָמע. פון דער אַנדער זײַט ווערט אַן אַדווערביאַלע באַשטימונג גאַנץ אָפט אָפּגעטיילט מיט אַ קאָמע. הכלל: פראַנצויזיש ברעכט דעם פעטישיזם פון זאַץ. בכן ווערט אַפילו די קאָמע אויס־געניצט רעטאָריש! דאָס הייסט ניט, אַז זי איז ריין רעטאָריש. זי קומט ניט שטענדיק, ווען עס איז פאַראַן אַ פּאַוזע, נאָר „שטומע" קאָמעס (ווי אָפט אין דײַטש און רוסיש) ווערן שוין אויסגעמידן.

וועגן דער פשטות בײַ די ענגלענדער איז שוין געווען גערעדט. אין דער צײַט ווען זיי געפינען ניט פאַר נייטיק צו שטעלן אין קאָמעס אַ לאַנגן בײַזאַץ און אַמאָל אַפילו אַ ריי בײַזאַצן, איז גאָר אָפט פאַראַן אַ קאָמע צווישן סוביעקט און פּרעדיקאַט. אין ענגליש איז די קאָמע גאָרניט סינטאַקטיש. זי אינטערעסירט זיך ניט מיטן זאַץ און מיט זײַנע טיילן, זי ווערט אָנגעווענדט, אמת ניט געווענט אויסגעהאַלטן, אונטערצושטרײַכן ווען ניט ווען די מעלאָדישע און ריטמישע גלידערונג פון אונדזערע רייד, אַזוי אַרום ווערט די אינטער־פּונקציע באַקעמע פרײַ, נאַטירלעך. בײַ די אָפּשטעלצייכנס האָט דער ענגלענ־דער גענומען אַ קליינעם רעוואַנש פאַר זײַן אויסלייג. וואָס וואָלט טאַקע גע־וואָרן פון ענגלישע קינדער, ווען צו דער אָרטאָגראַפיע זייערער זאָלן זיי נאָך האָבן די רוסישע אינטערפּונקציע!

נאָך נסיעות צו אומות און לשונות אַז מיר קומען אַהיים, זעען מיר גאָט צו דאַנקען גאָרניט קיין סיסטעם. איבער מיר קענען ניט שטענדיק געווענג יידיש, זענען מיר דאָך געבאָרענע פאַליגלאָטן. נעמען מיר אַ סיסטעם אָפּשטעל־צייכנס פאַרטיקערהייט בײַם שכן. ס׳רוב געפינען זיך אונדזערע אייראָפּעישע אינטעליגענטן, פּובליציסטן, צײַטונג־ און ביכער־מענטשן אונטער דער השפּעה פון רוסיש. נעמט מען מאַלפּיש איבער די רוסישע כללים און געווענג. איבער

מען קען פון דעם טאַלד דרוקפעלערן אַרויסזען אַ סיסטעם, האָבן כמעט אַלע ביכער און צײַטונגען װאָס דרוקן זיך אין רוסלאַנד און אין פּוילן די רוסישע אָדער כמעט די רוסישע אינטערפּונקציע. די דאָזיקע סיסטעם האָט זיך אײַנגעבירגערט אין אונדזער דרוק-פּראָדוקציע אומעטום, אַחוץ אַמעריקע, װוּ די השפּעה פון ענגליש װײַזט זיך אָפן אַרויס אין אַ רײ נײַע ביכער און אױסגאַבעס און מטושטשער אין דער טעגלעכער פּרעסע (אין אַמעריקאַנער פּרעסע איז מיט די אָפּשטעלצײכנס גאָר אַ שרעקלעכער מישמאַש). אַפילו בנוגע אָפּשטעלצײכנס איז גערעכט הײנע מיט זײַן װערטל װעגן זיך קריסטלען און זיך ײדלען.

עס זאָל זײַן בנמצא אַ געװיסע אינטויִטיװע באַציִונג צו אינטערפּונקציע בײַ דעם פֿאָלקסמענטשן איז שװער צו זאָגן. װען מען שרײַבט בריװ, קומט מען אױס כמעט אָן צײכנס. אָן אױסרופֿצײכן, אַ פֿרעגצײכן — זײ זענען נאָך פֿאַראַן. אױך דאָס פּינטל קומט אַמאָל אין גאַנץ טשיקאַװע פֿאַלן. די קאָמע װערט אומבארחמנותדיק פֿאַרגעסן. זשאַן פּאָול האָט נאָך אין 18טן יאָרהונדערט זיך געחכמהט: „צװײ זאַכן פֿאַרגעסן די פֿאַרטרעטערינס פון װײַבלעכן געשלעכט מער פון אַלץ: די קאָמעס צו שטעלן און װי זײ זענען אױס, דערפֿאַר כאַפּן זײ זיך אילע װײַלע צום שפּיגל". בנוגע דער קאָמע איז ער אומגערעכט צום װײַבלעכן געשלעכט: דער מאַנסביל זינדיקט דאָ אױך גאַנץ גענוג. דער עולם מאַכט ניט קײן װעזן פון דער אינטערפּונקציע. איז נעמען אַ סיסטעם פון דעם שטײגער קען מען ניט. זאָל מען בלױז אַראָפּנעמען דעם מוסר-השכל, אַז מען דאַרף ניט צופֿיל אָנפּיקעװען קאָמעס.

װאָסער אינטערפּונקציע האָבן גענוצט אונדזערע שרײַבערס? אײגנטלעך דאַרף מען תוך כדי דיבור פֿאַרשמעלערן די פֿראַגע. אַזױ װי אונדז גײט אַצינד ניט אָן די פּערזאָן פון שרײַבער, נאָר דער רבי און בר-סמכא אין שפּראַך-געביט, קען מען שטעלן די פֿראַגע באַשײדענער: מיט װאָסער אינטערפּונקציע האָבן זיך באַדינט מענדעלע-מוכר-ספרים און שלום-עליכם? זײ בײדע זענען דאָך די אײנציקע מיטן אױסגעצײכנטן שפּראַך-חוש, זײ נאָר קענען אױך דאָ גילטן װי אַװטאָריטעטן. לײדער האָב איך זײערע מאַנוסקריפּטן ניט געזען און אין דעם שטעקט אָן אָרגאַנישע פּגימה פֿאַר מײַן װײַטערדיקן פּראָיעקט. גאַנץ מיגלעך, אַז מען װאָלט געקענט זיך אָפּלערנען אַ סך. בײַ די אומות-העולם האָבן די גרױסע דיכטער װינציק אַכט געלײגט אױף דעם. געטע האָט איראָניש זיך געקלאָגט, אַז די קונסט פון אָפּשטעלצײכנס איז ביזן סוף לעבן געבליבן פֿאַרהוילן פון אים. אָבער שלום-עליכם האָט דאָך געהאַט אַן אײגענעם אױסלײג. און אױף װיפֿיל עס לאָזט זיך משפּטן פון קלײנע אױסצוגן (אַ שטײגער פון שלום-עליכם-בוך), האָט זיך שלום-עליכם אױך געהאַט זײַן שטײגער פֿאַר אָפּשטעלצײכנס. זיכער איז, אַז ער איז ניט געװען קײן עבד כנעני בײַ דער רוסישער סיסטעם. איבעריקס זאָלן די גליקלעכע באַזיצערס פון שלום-עליכמס מאַנוסקריפּטן נעמען דאָס װאָרט.

זײַנען מיר פֿרײַ. קײן באַשלוסן אויף קאָנפֿערענצן ניטאָ. קײן אײגענע פֿעסטע טראַדיציע פֿאַרמאָגן מיר ניט. איז אָנשטאָט צו נעמען פֿון ז׳ער נאָ־ענטסטער פֿרעמד, מעג מען זיך שוין פֿאַרגינען דעם ווילטאָג און האָבן אַ מער־ווײניק פֿעסטן, דורכגעטראַכטן, „באַװוסטזיניק" אָנגענומענעם סדר. אָדער זאָלן מיר אפֿשר, אַרויסגײענדיק פֿון דער דרוק־פּראַקטיק, באַפֿעסטיקן ווי אַ פּרינציפּ די רוסישע סיסטעם? בשום אופֿן ניט. אײנמאָל איז דאָרטן אַ שולחן־ערוך דראַקאָנישע געזעצן, און ווידער די פּרינציפּיעלע אײַנווענדונ־גען קעגן דער סיסטעם, און ווײַטער באַדאַרפֿן מיר אויך צופּאַסן די אינטער־פּונקציע צום גײַסט פֿון אונדזער שפּראַך. מען דאַרף ניט איבעריקס געלערנט־קײט אײַנצוזען, אַז ניט דער ייִדישער סדר, נײַ דער ייִדישער אופֿן צו פֿאַר־בינדן זאַצן צווישן אַנאַנד, ניט דער ווערטער־סדר אין דעם זאַץ שטימען לגמרי ניט מיט דעם רוסישן שטײגער. די וואָס באַנוצן די רוסישע אינטער־פּונקציע באַגײען אַן עוולה קעגן ייִדישן נוסח. זײ נעמען און טוען אָן עפּעס אַ שטערן, שטאָלענעם אַלטמאָדישן לאָגיסטישן גאָרסעט אויף דער בײגיקער, רירעוודיקער עמאָציאָנאַלער ייִדישער פֿראַזע.

מיר דאַרפֿן אויך ניט נעמען פֿאַרטיקערהײט די פֿראַנצײזישע אָדער די ענגלישע סיסטעם, כאָטש אונדזער סינטאַקסיס איז אַפּנים נעענטער צו פֿראַנ־צײזיש און ענגליש. די דאָזיקע פֿאַרטיקע בגדים זײַנען אומבאַקװעם. אָט למשל קומט אויס דעם פֿראַנצײזישן qui איבערצוגעבן מיט וואָס, דעם que ס׳רוב מיט אַז (גאַנץ אָפֿט אויך וואָס). אין דער צײַט ווען דער סינטאַקטישער מהות פֿון qui און פֿון וואָס איז דער אײגענער, איז que און אַז ווײַט ניט דאָס זעלביקע. פֿאַר דעם יסוד אָבער מוז מען בלי שום ספֿק נעמען די פֿראַנצײ־זיש־ענגלישע סיסטעם. אין אינטערפּונקציע לאָמיר זיך אָריענטירן אויפֿן מערב. דער זאַץ מעג טאַקע בדרך־כּלל אָפּגעטײלט ווערן מיט אַ קאָמע, אָבער נאָר יעמאָלט ווען עס דאָ די קלאָרע פּאַוזע. בײַ קורצע רעלאַטיווישע זאַצן איז אַזאַ פּאַוזע ניטאָ אינעם זאַץ.

אַ בוך וואָס איז אינטערעסאַנט / ווערט געלײענט

איז בײַם נאָרמאַלן אַרויסרײדן קײן פּאַוזע נאָך בוך ניטאָ. נאָך אינטערעסאַנט קען זי זײַן. אין ייִדיש זײַנען רעלאַטיווישע זאַצן אין תּוך אַנדערש ווי קאָניונקציע־בײַ־זאַצן אָדער אַסינדעטישע. מוז גילטן ז״ער אַנדערשקײט אויך פֿאַר אַ ייִדישער אינ־טערפּונקציע. און און אַנדערע קאָפּולאַטיווע קאָניונקציעס פֿאַרבײַטן די קאָמע בײַ קאָאָרדינירטע זאַצטײלן. דאַרפֿן זײ אויספֿירן די זעלביקע שליחות בײַ קאָאָר־דינירטע זאַצן — און אַזוי ווײַטער ווי דאָס איז צו זען פֿון בײַגעלײגטן פּראָ־יעקט. דער דאָזיקער פּראָיעקט פּרעטענדירט ניט אויף באַזונדערער געניקײט און אויך ניט אויף אומבאַרירלעכקײט. דעם צונױפֿשטעלער איז נאָר טײַער דער עיקר: זיך באַזירנדיק אויף פֿראַנצײזישן און ענגלישן שטײגער — באַטירלע־כער, גרינגער און פֿרײַער מאַכן אונדזער אויזוס מיט אָפּשטעלצײכנס (דעם דאָזיקן געדאַנק איז מיר שוין אויסגעקומען אַרויסצוזאָגן דאָס יאָר 1921 אין

דער הקדמה צו מײַן שולגראַמאַטיק) און האָבן אויך סוף־כּל־סוף אַ התחלה פֿאַר אַ סיסטעם פֿון ייִדישער אינטערפּונקציע.

ווײַטער, אין דעם פּראָיעקט כּללים פֿאַר דער קאָמע, זײַנען פֿאַראַן 24 כּללים און 118 בײַשפּילן. זאָל דאָס ניט אָפּשרעקן. ס'איז מיט אַ כּיון אַזוי באַריכותדיק באַהאַנדלט. אַזוי ווי איצט הערשט אַ תהו־ובהו, מוז מען ריידן ניט נאָר וועגן יאָ־קאָמע, נאָר אויך וועגן ניין־קאָמע און אויך וועגן יאָ־ניין קאָמע. דער יסוד איז פֿיל פּשוטער. פֿאַר דער קאָמע גילט דער רעטאָרישער באַזיס:

1. דו טאָרסט ניט שטעלן קיין קאָמע, ווען עס פֿעלט די קאָמע־אינטאָנאַציע.

2. דו מעגסט שטעלן אַ קאָמע — אָן שום כּללים און אָנווײַזן — אַלעמאָל ווען דו הערסט זי אַרויס, אַזוי צו זאָגן בײַ דער סוביעקטיווער קאָמע־אינטאָנאַציע.

3. דו מוזט שטעלן אַ קאָמע בײַ אַ בפּירושער, אָביעקטיווער קאָמע־אינטאָנאַציע.

דער דאָזיקער רעטאָרישער באַזיס ווערט אַנטוויקלט און צום טייל דער־גאַנצט דורכן צוגאָב פֿון סינטאַקטישע באַגריפֿן. אמת, אין געוויסע פּונקטן איז דאָ פֿאַראַן אַ סתירה צווישן רעטאָריק און סינטאַקסיס און ניט שטענדיק איז גובר רעטאָריק (למשל דאָס פֿעלן פֿון דער קאָמע פֿאַר און).

אונדז קומט אויך אויס צו שטעלן די קאָמע, כּדי דאָס אויג זאָל זיך גיכער אָריענטירן אין אַ געוויסן אָפּשניט. איז דאָס ווידער אַן אָפּנייג פֿון גרונט־פּרינציפּ.

בײַם לערנען קינדער באַנוצן די קאָמע דאַרף מען אַרויסגיין פֿון דער אינטאָנאַציע. מען דאַרף לערנען ריכטיק לייענען און ריכטיק הערן. די אינטאָנאַציע פֿון אַ ווענדונג, פֿון אַן אַפּאָזיציע, פֿון אַן איבערחזרונג צי איבעררעכענונג זײַנען ניט קיין מיטאָלאָגישע גרײַסן. ווען מען הערט זיי, איז שוין ניט קיין חכמה ריכטיק צו שטעלן די קאָמע. ווען מען הערט זיי ניט, רעדט מען זיי אויך ניט ריכטיק אַרויס, מאָלט מען אָדער מען בראָקט פֿאַרפֿל — אָבער ניט מען רעדט. די קאָמע־פּאַוזע איז אַוודאי אַ ממשות. בלײַבט איבעריק נאָר אויסצולערנען, ווען עס קומט בדרך כּלל ניט קיין קאָמע בײַ דער קאָמע־אינטאָנאַציע. קיין סך פֿאַלן וועט איר ניט אָנצײלן און בײַ אָט די אַלע פֿאַלן דאַרף די קאָמע זײַן פֿאַקולטאַטיוו.

בעת מען שטעלט אײַן אַ סדר פֿאַר דער קאָמע, האָט מען דורכגעמאַכט אויף דרײַ פֿערטל די אַרבעט פֿאַר דער אינטערפּונקציע־סיסטעם. ניט אומזיסט האָבן מיר די גאַנצע צײַט זיך געדרייט אַרום אָט דעם אבן נגף.

בײַ דער קאָמע איז אויסגעקומען צו שטרײַטן פֿאַר געוויסע פֿרײַהייטן. מיטן טירע איז די זאַך גרינגער. דער טירע איז דאָך כּמעט אין אַלע שפּראַכן אַ חומר ביד היוצר, אַ טרעגער פֿון עמאָציעס (פֿלוצלונג, אומדערוואַרט, אי־

בערגעריסן, אײַנפֿאַל, אונטערגעשטראָכן). זײַן באַנוץ קען װערן גיכער אַרומגעשמועסט אײדער באַשטימט.

װי שװער עס זאָל ניט זײַן מיט װערטער צו באַשטימען די פֿאַרשײדענע ריטמישע און מעלאָדישע פֿיגורן פֿון צװײפּינטל, הערט מען דאָך די דאָזיקע פֿיגורן געװנוג בולט אַרױס. אַ צװײפּינטל קומט נאָר דאָרטן, װו ער װערט געזאָגט און געהערט. עס זײַנען ניטאָ קײן פֿאַלן פֿון „שטומע" צװײפּינטלען אָדער פֿון פֿאַרמײַדן אין שריפֿט אַ „גערעדטן" צװײפּינטל. בכלל אָבער איז דאָס אַ צײכן, װאָס ער טוט און גליטשט זיך כסדר באַרג אַראָפּ. אַמאָל פֿלעגן לײַטן אים באַנוצן פֿיל עפּטער װי איצט. דײַטש און רוסיש האָבן אים געהאַט: 1) כמעט אין יעדן פּעריאָד פֿאַר דער פֿאָלונג; 2) בײַ איבעררעכענונג פֿאַרן סך־הכּל; 3) בײַ באַשטימען באַגריפֿן. כמעט אין אַלע פֿאַלן װערט דאָס צװײפּינטל אַרױסגעשטופּט דורכן מאָדערנערן גראַציעזערן טירע. װעגן פֿאַרבײַטן אַ צװײפּינטל דורך אַ קאָמע איז שױן אױך דאָ גערעדט די רײד.

קאָמע־פּינטל װערט אין דער װעלט זעלטענער. ײדיש האָט פֿײַנט לאַנגע זאַצן, קען ײדיש כמעט אין גאַנצן אױסקומען אָן דעם קאָמע־פּינטל. קײן ספּעציעלע אינטאָנאַציע אָדער פּאַוזע פֿאַר דעם כּפֿל־שמונהדיקן צײכן איז ניטאָ. ניט מחמת נײטװענדיקײט, נאָר איבער „אַרכיטעקטאָניק" װערן געגעבן כּללים פֿאַר אָט דעם קאָמע־פּינטל.

די פֿאַרענטעזע—קלאַמערן, ריגעלעך — איז זעלטן און ניט קאָמפּליצירט בײַם באַנוצן.

פּינטל, פֿרעגצײכן, אױסרופֿצײכן, דרײַפּינטל זײַנען בטבע צײכנס גליקלעכע. בײַ זײ איז כמעט ניטאָ קײן װידעראַנאַנד צװישן רעטאָריק און גראַמאַטיק. בײַ שלום־בית זײַנען קײן צרות ניטאָ. דרײַפּינטל איז אין תּוך אַ מין סטיל־צײכן, אָבער ניט קײן אָפּשטעלצײכן װי די אַנדערע.

פּיסלעך — דאָס איז שױן יאָ אַ פּראָבלעם. נאָר אַ פּראָבלעם פֿון גראַפֿיק. דײַטשן און רוסן האָבן די פּיסלעך בײַם אָנהײב פֿון אונטן און בײַ דער ענד פֿון אױבן. ענגלענדער נאָר פֿון אױבן, פֿראַנצײזן װאָס באַנוצן זעלטן די פּיסלעך — אין מיטן (לכל הפּחות אין דרוק). דער ענין װענדט זיך פֿון דעם פּרצוף־פּנים פֿון די פּיסלעך. איז עס אַן עסק פֿאַר זעצערײַען און גיסערײַען. באַקװעמער פֿון אַלץ איז, צו סײַ אָנהײב סײַ ענד זאָל מען האָבן די פּיסלעך אױפֿן זעלביקן אָרט. כּדאַיער פֿון אַלץ איז דער פֿראַנצײזישער שטײגער. אגב בעמען עס איבער אַנדערע דײַטשישע צײַטונגען און אױסגאַבעס. אַחוץ די פּאָריקע פּיסלעך האָבן נאָך אַנדערע שפּראַכן (ענגלענדער, דײַטשן) אײנציקע און גרעבערע (׳ ׳) אױף אױסצוטײלן אַ װאָרט מיט אַן אײגנטימלעכן טײַטש אָדער פֿאַר אַ ציטאַטע אין אַ ציטאַטע.

דאָס בינדשטריכל (דער מקף) אין די צונױפֿגעזעצטע װערטער געהערט צום אױסלײג פֿון אָט די צונױפֿזעצונגען. דאָס שטריכל בײַם איבערטראָגן פֿון אײן שורה אין דער צװײטער האָט ניט קײן שײַכות צו אָפּשטעלצײכנס, פּונקט

ווי דער אַפּאָסטראָף, דאָס פּינטל בײַ פאַרקירצונגען, פּלערליי שטערנדלעך און צלמימלעך וכדומה. אַגב דאַרף דאָס דאָזיקע געזינדל אויך באַקומען אַ שטיקל קאָנסטיטוציע.

לסוף — די נעמען פאַר די צייכנס:

דאָס פּינטל (קלאָר, אַז ניט דער פּונקט), דערום אויך
דאָס צווייפּינטל און
דאָס דרייפּינטל און ווײַבאַלד אַזאַ ריי, טאָ איז ליבער עס זאָל הייסן
דאָס קאָמע־פּינטל. ס'איז דאָך אַלץ איינס, וואָס עס זאָל קומען פריער.
די קאָמע — פּיל פּשוטער ווי בײַשטריך אָדער אונטערשטריך.
די פּיסלעך — גענדז אָדער קאַטשקעס זײַנען איבעריק.
דער טירע — שטריך איז ניט באַקוועם, געדאַנקען־שטריך לאַנג און ניט ריכטיק.
די רינגעלעך — פאַר דער פּאַרענטעזע און
דער פרעגצייכן און דער אויסרופצייכן.

פּראָיעקט פאַר אַ יידישער אינטערפּונקציע

I. די קאָמע

A. אַלגעמיינער פּרינציפּ.

אַ קאָמע קומט נאָר דאָרטן, וו עס איז בנמצא אַ קאָמע־אינטאָנאַציע. אָבער ניט שטענדיק ווען עס איז פאַראַן אַ קאָמע־אינטאָנאַציע, קומט אויך אַ קאָמע.

B. די קאָמע ווערט באַנוצט:

א) אויף אויסצוטיילן אַ ווענדונג, למשל:

1) קום אַקאָרשט, יינגעלע, אַהער.
2) יינגעלע, קום אַקאָרשט אַהער.
3) קום אַקאָרשט אַהער, יינגעלע.
4) קום אַהער, דו פילאָזאָף[1] (פאָלקסליד).
5) זאָג מיר, דו שיין מיידעלע, זאָג מיר, דו פײַן מיידעלע, וואָס וועסטו טאָן אין אַזאַ ווײַטן וועג?[1] (פאָלקסליד).
6) אָ יוגנט, דו קומסט שוין ניט ווידער צו מיר![1]

---

[1] די ספּעציעלע רעטאָרישע פיגור פון דער ווענדונג באַשטימט דאָ אָן שום ספקות, וווּ צו שטעלן די קאָמעס אין די בײַשפּילן 4), 5) און 6).

ב) אויף אויסצוטײַלן זאַצווערטער, למשל:

7) יאָ, איך קום באַלד.

8) איך װעל ניט קומען, ניין.

9) האַ, האַ, װיפיל געלט![1]

10) אַן, װער זײַט איר, ליבער ייד?

ג) אויף אויסצוטײַלן אַן אַפּאָזיציע, װען עס איז פאַראַן די בפירושע אײגנ־אַרטיקע אינטאָנאַציע פון דער אַפּאָזיציע, למשל:

11) זײַן טאַטע, דער אַלטער שמש פון קצבים־קלײַזל, איז שוין גאָר בלינד.

12) דאָרטן, אין יענעם װינקל, שטײט דער בעזעם.

13) זי, מירל, האָט שוין גאָרניט געקלערט.

14) זי האָט שוין גאָרניט געקלערט, מירל.

15) זי, ר׳ גדליה הורװיצעס בת־יחידה, מירעלע, האָט אים סוף־כּל־סוף די תּנאָים אָפּגעשיקט (בערגעלסאָן).

16) זי איז פול, מײַן ברוסט, מיט פאָרגעפילן הײסע[2] (האָפּשטײן).

17) קלאַפּט זי, די װערגעלעסן מיט די לאַנגע פיס[2] (ש״ע).

ד) בײַ איבערחזרונגען, למשל:

18) דער פרילינג, דער פרילינג װעט קומען (פּרץ).

19) געפילט האָב איך יידישע װערטער װי טײַבעלעך רײנע, װי טײַבעלעך רײנע (קולבאַק).

20) קײן זאַך אין דער װעלט האָב איך ניט אַזוי געגאַרט צו האָבן װי אַ מעסערל, װי אַן אײגן מעסערל (ש״ע).

ה) בײַ קאָאָרדינירטע זאַצטײלן, למשל:

21) קײן מענטשן, קײן ציגן, קײן הינט ניט אין גאַס (קװיטקאָ).

22) איך װעל טרײסטן, בעטן, װײנען, װעקן (ביאַליק).

23) אַ זון װאַקסט אַ געזונטער, אַ װוילער (פּרץ).

24) ער האָט גערופן משהן, הײמען, שלומקען.

25) רויִק, געלאַסן האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט.

26) דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען, קויפן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען (פאָלקסליד)

ו) בײַ קאָאָרדינירטע זאַצן, למשל:

27) זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט (אַנ־סקי).

28) איז אָנגעפאַלן אַ שנײ פון הימל, האָט ער די שטעגן פאַריאָגט (פּרץ).

---

1 בײַ אַן אַנדער אינטאָנאַציע (װען מען שטעלט זיך אָפּ גאָר נאָכן צװײטן „האַ״), באַדאַרף מען שרײַבן: האַ־האַ, װיפיל געלט!

2 די בײַשפּילן 16) און 17) האָב איך גענומען פון א. זאַרעצקיס אַרבעט „צו דער יידישער פּונקטואַציע״. זע די צושריפט.

29) דער מלך איז אָפּגעשטאָרבן, די מלכּה געוואָרן פֿאַרדאָרבן, דער צווײַג איז אָפּגעבראָכן, דאָס פֿײגעלע אַנטלאָפֿן (פֿאָלקסליד).

ז) אויף אָפּצוטײלן אַ ס י נ ד ע ט י ש ע[1] ב ײַ ז אַ צ ן, למשל:

30) ער האָט געזאָגט, איך זאָל מאָרגן קומען.

31) וועט עס מאָרגן רעגענען, בלײַבן מיר אויסגעשטעלט מיט אונדזער עקסקורסיע.

ח) אויף אויסצוטײלן ב אַ מ ע ר ק ז אַ צ ן, למשל:

32) „לעמעשקע", אַזאַ צונאָמען האָט דער ייִד געהאַט, איז געווען אַ קנאַ־פּער פֿאַרדינער.

33) איך וועל אײַך, זאָגט דער משרת, באַלד דערלאַנגען עסן.

34) „איך וועל אײַך באַלד דערלאַנגען עסן", זאָגט דער משרת.

ט) אויף אויסצוטײלן ל ע נ ג ע ר ע ב ײַ ט ײ ל ן, בפֿרט אויף אויסצוטײלן אַ מ י ט ל ־ וו אָ ר ט מיט די ווערטער וואָס ציִען זיך צו אים (פֿאַרשטייט זיך ווען עס זײַנען דאָ פֿאַראַן קאָמע־אינטאָנאַציעס!), למשל:

35) ניט צו קלערן וועגן זײַנע געפֿאַרן, בין איך אַוועק אין קריג.

36) מיר האָבן ניט געקענט, בײַ אַזױנע שווערע און אומפֿאָראויסגעזעענע אומשטאַנדן, אויספֿירן אינגאַנצן אונדזער לכתּחילהדיקן פּלאַן.

37) גײענדיק אין וואַלד, קלײַב איך יאַגדעס.

38) זי איז געווען צעשמײכעט, דערלאַנגענדיק צום טיש.

39) געקומען אַ מידער אַהײם, האָב איך זיך צוגעלײגט אויסרוען.

40) שפּאַצירנדיק בײַם טײַך, טרעף איך אים.

41) איך טרעף אים, שפּאַצירנדיק בײַם טײַך.

42) בײַ אַזױנע נײַע און שווערע באַדינגונגען, זאָגן מיר זיך אָפּ פֿון אָפּמאַך.

י) אויף אויסצוטײלן ג ר אַ מ אַ ט י ש ־ פֿ אַ ר ש י י ד ע נ ע וו ע ר ט ע ר ־ ג ר ו פּ ע ס מיט בולטע קאָמע־אינטאָנאַציעס און אויף צו באַצײכענען א י י ג נ אַ ר ־ ט י ק ע ר ע ט אָ ר י ש ע פֿ י ג ו ר ן, למשל:

43) מיט אַ קעזל, האַרט ווי שטײן, לאָזט ער זיך אין וועג אַלײן... און אַן עפּל, רויט און זיס, פֿאַלט אים תּיכּף צו די פֿיס (קינדערשאַפֿונג).

44) זאָגסט, טאַקע?

45) אַ פֿערד, זאָג איך, אויף פֿיר פֿיס, ספּאָטיקעט זיך, ובפֿרט אַ מענטש, מיט אײן צונג (ש"ע).

---

1 אַ ס י נ ד ע ט י ש ע הייסן אַזױנע בײַזאַצן, וואָס הייבן זיך ניט אָן ניט מיט קיין בינד־וואָרט, ניט מיט קיין רעלאַטיוויש פֿאַרנאָמען. ס'איז פֿאַרשטייט זיך אַ פֿראַגע, צי מען דאַרף זיי בכלל אָנרופֿן בײַזאַצן. נאָר דאָס געהער ניט צו דעם ענין פּונקטואַציע. לדידי מעג מען בכלל אויסקומען אין דעם ייִדישן סינטאַקסיס אָן דעם גאַנצן באַגריף ב ײַ ז אַ ץ, ווײַל מיר פֿאַרמאָגן ניט קיין עכטע סובאָרדינירונג.

46) אַ צענערל, אַ רײטס אַזױ װי פֿײַער (ש״ע).

47) אין די הענט האָט ער געהאַט אַ מלאָכה, עפּעס גאָר אַ כּפֿל־שמונה־דיקע (ממו״ס).

48) דו,[1] הערסטו?

49) און דער בלײַכער ייִד, פֿון װײַטע מקומות,[2] האָט נאָר שטילערהײט געזיפֿצעט.

50) די דערקװעטשטע נשמה זײַנע, אַזױ פֿרי פֿאַר דער צײַט, האָט זיך װי אַ געפֿאַנגען פֿײגעלע אין דעם שטײַגל געשלאָגן נעבעך,[3] אַרױסרײַסן זיך פֿון דער קלעם אין דער פֿרײַער װעלט (ממו״ס).

51) גאַנץ רײַכע ייִדן אַפֿילו לאָזן זיך אױף דער אַכסניא באַגנוגן מיט אַ בעטל און שטײען דרײַ, פֿיר[4] אירע אינאײנעם (ממו״ס).

52) ייִדן, מיט שטעקלעך, דרײען זיך אַרום לעבן דער בערז.

C. די קאָמע פֿאַר קאָניונקציעס.

בנוגע דער קאָמע פֿאַר אַ קאָניונקציע, דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט דעם אונטערשײד צװישן די גלײַכשטעלנדיקע, פֿאַרבינדנדיקע קאָניונקציעס (און, הן, סײַ, אי און אַנדערע)—פֿון אײן זײַט, און קעגנשטעלנדיקע (אָבער, דאָך, נאָר, נײַערט א״אַנד) מיט באַגרינדנדיקע (בכן, אַזױ, דערום א״אַנד)—פֿון דער אַנדער זײַט. דערבײַ גילט אין כּלל, װאָס ער איז חל סײַ אױף דעם צונױפֿגעצױגענעם זאַץ סײַ אױף קאָאָרדינירטע זאַצן:

א) פֿאַר אַ גלײַכשטעלנדיקער קאָניונקציע קומט ניט קײן קאָמע, למשל:

53) דער ייִנגל לױפֿט אַרום און די מײדל שפּילט זיך.

54) סײַ דער ייִנגל סײַ די מײדל לױפֿן אַרום.

55) דער הימל װעט װערן אי ליכטיק אי רײן (פּרוג).

56) דער װינט פֿײַפֿט און ברומט.

ב) פֿאַר אַ קעגנשטעלנדיקער און באַגרינדנדיקער קאָניונקציע קומט אַ קאָמע, למשל:

57) דער ייִנגל לױפֿט אַרום, אָבער די מײדל שפּילט זיך גאַנץ רויִק.

58) דער ייִנגל לױפֿט אַרום, און[5] די מײדל שפּילט זיך גאַנץ רויִק.

59) ער איז געװען קראַנק, בכן האָט ער טאַקע ניט געקאָנט אַרבעטן.

---

[1] „דו״ איז דאָ אַ װענדונג.

[2] ס׳איז דאָ פֿאַראַן די אינטאָנאַציע פֿון דערקלערונג, פֿון באַטאָנטן אַגב־אורחא־װאָרט, װידער נאָענט צו דער אינטאָנאַציע פֿון אַפּאָזיציע.

[3] די קאָמע איז דאָ פֿאַקולטאַטיװ.

[4] בײַ דער געװײנלעכער אינטאָנאַציע: דרײַ־פֿיר.

[5]) דער קאָנטעקסט און די אינטאָנאַציע מאַכן קלאָר, אַז אין דעם פֿאַל איז „און״ אַ קעגנשטעלנדיקע קאָניונקציע.

60) ער איז געווען קראַנק, און[1] ער האָט טאַקע ניט געקאָנט אַרבעטן.
61) ער איז געווען קראַנק, דאָך האָט ער געאַרבעט.
62) דער כּלל איז אומנוציק, דעריבער אויך איבעריק.

וואָס שייך סובאָרדינירטע זאַצן וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ בינדוואָרט, גילט דאָ דער אַלגעמיינער פּרינציפּ, אַז אַ קאָמע קומט נאָר דאָרטן, וווּ מיר הערן אַרויס די קאָמע-אינטאָנאַציע. אַגב איז דאָ די קאָמע-אינטאָנאַציע די סאַמע בולטע און די סאַמע פּשוטע, אַזוי אַז מען קען זי גרינג באַשרייבן: מיר הייבן בהדרגה די שטים; דער הייכפּונקט איז ביי דער פּאַוזע; די פּאַוזע איז דאָ אַן איבעררייס, אַפּריער מיט אַן אינעווייניקסטן אָנזאָג אויף עפּעס ווייטער; די פּאַוזע איז דאָ געווייינלעך אַ קורצע; נאָך דער פּאַוזע הייבן מיר אָן שוואַכער און נידעריקער, ווי מיר האָבן פּאַרן איבעררייס געהערט, אָבער שטאַרקער איידער מען וואָלט אָנהייבן אַ נייעם, זעלבשטענדיקן זאַץ[2]. לאָמיר זיך אָשטעלער אַרייַנהערן אין דער קאָמע-אינטאָנאַציע:

63) איך האָב שוין געפונען ביי מיר מיין חבר, אַז איך בין נעכטן געקומען אַהיים.

די קאָמע-אינטאָנאַציע האָט בעצם קיין שייכות ניט ניט צו דער קאָניונקציע, ניט צום סדר פון די זאַצן, און כּמעט די זעלביקע פיגור באַקומט זיך אין דעם זאַץ:

64) אַז איך בין נעכטן געקומען אַהיים, האָב איך שוין געפונען ביי מיר מיין חבר.

---

[1] קאָנטעקסט און אינטאָנאַציע זאָגן אונדז, אַז „און" איז אַ במקום פאַר אַ באַגרינדנדיקער קאָניונקציע.

[2] אַן ערך אַזוי באַשרייבט אין אַזאַ פאַל די קאָמע-אינטאָנאַציע דער רוסישער געלערנטער פעשקאָווסקי אין אַ ריי אַרבעטן זיינע (אַספּייגער אין Школьная и научная
Наш язык, Книга для учи- אָדער грамматика. Изд. 4. стр. 109
теля, 1, стр. 13). פעשקאָווסקיס טעות, לפי דעתי, באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס אָט די פּשוטע קאָמע-אינטאָנאַציע ווערט ביי אים צו פאַראַלגעמיינערט און וואָס ער זעט אין דער ריי קאָמע-אינטאָנאַציעס נאָר פיר מינים (די אינטאָנאַציע פון הייבן די שטים; די אינטאָנאַציע ביים איבעררעכענען; ביי זאָגן עפּעס אַגב-אורחא; ביים רופן), בעת מען קען אינדערמתן אָנציילן פיל מער כאַראַקטעריסטישע אינטאָנאַציע-אופנים פאַר דער קאָמע. כּדי זיך איבערצוצייגן אין דעם לייג איך פאַר אַדורכלייענען די ביישפּילן 28 און 29: דאָ איז די קאָמע פאַרבונדן אי מיט דער סימעטרישער פיגור פון איבעררעכענען, אי מיטן הייבן די שטים. נאָר דער גאַנצער ענין איז אַ ליריש אָפּנייג. ווער עס וויל זיך גענויער פאַרנעמען מיטן אינטאָנאַציעס-ענין איז פאַר אים אַ גוטער אַריינפיר פעשקאָווסקיס רעפעראַט Роль выразительного чтения в обучении знакам препинания.

איצט ווי אַ היוצא מדברינו די כּללים:

ג) אַ בײַזאַץ וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ קאָניונקציע ווערט אָפּגעטײלט מיט אַ קאָמע, אויב ס'איז פֿאַראַן די קאָמע־אינטאָנאַציע, למשל:

65) ער האָט געזאָגט, אַז איך זאָל מאָרגן קומען (פֿאַרגלײַכן מיטן בײַשפּיל 30).

66) מיר בלײַבן אויסגעשטעלט מיט אונדזער עקסקורסיע, אויב עס וועט מאָרגן רעגענען (פֿאַרגלײַכן מיטן בײַשפּיל 31).

ד) אויב עס פֿעלט בײַ אַזאַ בײַזאַץ די קאָמע־אינטאָנאַציע, דאַרף ניט ווערן באַנוצט קיין קאָמע פֿאַר דער קאָניונקציע פֿון בײַזאַץ, למשל:

67) ער זאָגט אַז ער קומט ניט.

68) ווער ווייס צי ער וויל גאָר.

69) אַ ספֿק אויב ס'איז אמת.

(אין אָט די פֿאַלן וואָלט געווען ריכטיקער צו באַטראַכטן די ווערטער: „ער זאָגט", „ווער ווייס" און „אַ ספֿק" ניט ווי הויפּטזאַצן, ווײַל זיי זײַנען דע־גראַדירט צו דער מדרגה פֿון אַן אגבֿ־אורחא־ווערטל).

ה) אַ קאָניונקציע־בײַזאַץ (ד"ה אַזאַ וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ בינד־וואָרט) אין מיטן הויפּטזאַץ ווערט בדרך כּלל אויסגעטײלט דורך קאָמעס, למשל:

70) דער מענטש, וואָס איך האָב אים אָקאָרשט באַגעגנט, האָט זיך מיר אויסגעדוכט זייער פֿאַרדעכטיק.

71) די סכּנה, אַז מען קען אונדז די נאַכט באַפֿאַלן, איז געווען גענוג גרויס.

72) זי האָט געוואַרט, ביז עס איז פֿינצטער געוואָרן, און איז אַהיים אַוועק.

73) מיר האָבן ניט געקענט, ווײַל די אומשטענדן זײַנען געווען שווערע און אומפֿאָרויסגעזעענע, אויספֿירן אין גאַנצן אונדזער לכתּחילהדיקן פּלאַן (פֿאַרגלײַכן מיטן בײַשפּיל 36).

אין די פֿאַלן קומט אַמאָל אויס צו ספֿקן, אויב ס'איז פֿאַראַן די קאָמע־אינטאָנאַציע פֿאַר דער ערשטער קאָמע (למשל אין בײַשפּיל 72). ווער עס הערט זי ניט, דער מעג זי ניט שרײַבן. דאָס איז ניט קיין בלויז אין דער סיסטעם, נאָר דאָס איז אין אײַנקלאַנג מיט דער גאָרער סיסטעם אָפּשטעלצייכנס וואָס ווערט דאָ פֿאָרגעלייגט.

D. די קאָמע דאַרף ניט ווערן באַנוצט:

א) בײַ באַמערקווערטער און קורצע באַמערקונגען, אויב זיי ווערן ניט אַרויסגעהויבן בײַם רעדן, למשל:

74) ער וועט מסתּמא באַלד קומען.

75) ער וועט פֿאַרשטייט זיך באַלד קומען.

ב) פ אַ ר „ווי" װאָס הײבט ניט אָן קײן זאַץ, למשל:

76) פרץ װי אַ דענקער.

77) װײַס װי דער אָקאָרשט אַרױסגעפאַלענער שנײ.

78) אַ נאָענטער שכן מאַכט אױס מער װי אַ לײַבלעכער קרוב אין די גרױסע שטעט (ממו"ס).

79) די קאָזאַקן פֿליען װי די רוחות אױף די פערד[1].

ג) פ אַ ר „צו" און „כּ ד י צ ו" װאָס הײבן ניט אָן קײן זאַץ און װאָס האָבן ניט פאַר זיך קײן קאָמע־אינטאָנאַציע, למשל:

80) ער איז אַװעק אין גאַס צו קױפן עפּעס.

81) ער איז אַװעק אין גאַס כּדי צו זוכן עפּעס צו פאַרדינען.

82) איך קױף ניט צו פאַרקױפן.

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג. גאָר אַנדערש איז עס מיט דער סינטאַקטישער פאָרם, װאָס הײבט זיך אָן מיט נ י ט צ ו און װאָס איז לױטן באַטײַט גלײַך צו אַ מיטלװאָרט־קאָנסטרוקציע. אַזאַ פאָרם הײבן מיר שטענדיק אַרױס בײַם רײדן און מיר מוזן דאָ האָבן קאָמעס, למשל:

83) אַ הון לײגט זיך און קװאָקעט, ניט צו פרעגן קײן קשיות (ממו"ס).

84) געכאַפּט די כּשרע מציאה, ניט צו מאַכן מיט אים קײן פיל הסברות, און געטאָן אַ נעם (ממו"ס).

זען אױך בײַשפּיל 35.

ד) װען װ ע ט ל ע כ ע ס ו ב ס ט אַ נ ט י װ ו ן ש אַ פ ן אַ י י ן פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג (ניטאָ דאָ קײן אַפּאָזיציע און ניטאָ דאָ די אינטאָנאַציע פון דער אַפּאָזיציע), למשל:

85) מאָטל פײסי דעם חזנס איז אַ ײנגל אַ ברען.

86) דער פעטער פיניע און די מומע רײזע.

87) חײם־יונה דעם קירזשנערס אַרבעט.

ה) װען ד אָ ס מ י ט ל װ ו אָ ר ט האָט ניט קײן בײַטײַלן צו זיך, װען די מיטל־װאָרט־גרופּע איז קלײן, בכלל װען דאָס מיטלװאָרט און די װערטער װאָס ציען זיך צו אים װערט ניט אַ ר ו י ס ג ע ה ו י ב ן בײַם רײדן, למשל:

88) ליגנדיק האָט ער געלײענט דאָס בוך.

89) איך האָב אים געזען ליגנדיק.

90) שפּרינגט אױס דער הױט הערנדיק אַזױנס (ממו"ס).

91) דאָס האַרץ האָט געריסן קוקנדיק אױף אים (ממו"ס).[2]

92) אַן אָפּגעגעסענער האָט ער זיך צוגעלײגט.

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג. גאָר אַנדערש איז עס מיטן פּאַרטיציפּ פון פריערדי־קײט, װאָס מיר הײבן שטענדיק אַרױס, למשל:

93) אָפּגעגעסן, האָט ער זיך צוגעלײגט.

---

[1] דער בײַשפּיל איז גענומען בײַ א. זאַרעצקין.

[2] מיט דער קאָמע־אינטאָנאַציע איז דער זאַץ באמת אוממעגלעך. אָן דער קאָמע־אינטאָנאַציע איז ער פאַרשפּרײט, ײדישלעך און מוז װערן געבשרט... כאָטש אַ האַרץ קען ניט קוקן.

ו) בײַ קורצע רעלאַטיװישע בײַזאַצן, למשל:

94) דער מענטש װאָס לאַכט.

95) דער װאָס קריגט די פּעטש.

96) זאַכן װאָס מען רעדט ניט װעגן זײ.

97) דו װײסט ניט װאָס דו װילסט.

98) שױן ניט די ןציפּע־סאָסיע װאָס פריער (ממו"ס).

99) דער װאָס האָט די מאה האָט די דעה.

100) עס איז פֿאַראַן אַ ניגון װאָס מוז האָבן װערטער.

101) אַפילו אַ הון להבדיל טוט אױך װאָס גאָט האָט געבאָטן (ממו"ס).

ז) בײַ אַן אױסדרוק װאָס איז בלױז פאָרמעל אַ בײַזאַץ, למשל:

102) ער אַרבעט אױף װאָס די װעלט שטײט.

103) ער לױפט װוהין די אױגן טראָגן.

104) זײ װאַנדרעװען אױס װו די װעלט האָט אַן עק (ממו"ס).

ח) פאַר אַ גלײַכשטעלנדיקער קאָניונקציע, זען די בײַשפילן 53—56.

ט) פאַר אַ קאָניונקציע, װאָס מיט איר הײבט זיך אָן אַ בײַזאַץ און װאָס האָט אָבער ניט פאַר זיך די קאָמע־פּאַוזע, למשל: (אַגב זען די בײַשפּילן 67, 68 און 69).

105) זײַן קינדערשער שכל האָט אים אױסגעמאָלט אַזאַ װינטשפּיגעגערל װאָס אַז מען זאָגט... (דאָ איז ניטאָ קײן קאָמע פאַר אַז)

106) איך זאָג דיר לכתחילה, אַז אױב דו װעסט עס פאַרט טון, װעל איך... (דאָ איז ניטאָ קײן קאָמע פאַר אױב).

E. די קאָמע איז דערלאָזלעך, אָבער ניט אָבליגאַטאָריש:

א) בײ אַ גלײַכשטעלנדיקער קאָניונקציע װאָס חזרט זיך איבער אַ סך מאָל, למשל:

107) עס לױפן אַרום אױף דער װאַנט אי חיות (,) אי פײגל (,) אי ריזן (פרוג)

108) און דו אַקערסט (,) און דו זײסט (,) און דו פּיטערסט (,) און דו נײסט.

באַמערקונג. מיר דוכט זיך, אַז עס איז דערלאָזלעך אײנער פון די דרײַ אופנים:

1. און דו אַקערסט און דו זײסט
און דו פּיטערסט און דו נײסט.

2. און דו אַקערסט, און דו זײסט,
און דו פּיטערסט, און דו נײסט.

3. און דו אַקערסט און דו זײסט,
און דו פּיטערסט און דו נײסט.

מען טאָר אָבער ניט אַזוי:

1. און דו אַקערסט, און דו זײסט
   און דו פּיטערסט און דו נײסט
2. און דו אַקערסט און דו זײסט,
   און דו פּיטערסט, און דו נײסט
   און אַזוי װײַטער.

הכּלל — די קאָמע טאָר ניט צעשטערן די סימעטרישע גלידערונג פֿון דעם זאַץ.

ב) בײַ אַ גלײַכשטעלנדיקער קאָניונקציע װאָס הײבט אָן אַ לענגערן קאָאָרדינירטן זאַץ, למשל:

109) די מאַמע גיט מיר אין חדר אַרײַן אַ גאַנצן עפּל מיט צװײ גראָשן (,) און אויך דער דײַטש שענקט מיר אַ פּאָר קאָפּיקעס און אַ קניפּ אין בעקל (ש"ע). (די ראָלע פֿון דער קאָמע באַשטײט דאָ ניט אין דעם װאָס זי דאַרף באַצײכענען די פֿאַראַנענע קאָמע־אינטאָנאַציע, נאָר אין דעם װאָס זי העלפֿט אונדזער אויג זיך צו אָריענטירן גיכער אין דעם געשריבענעם טעקסט).

110) איז אָנגעפֿאַלן אַ שנײ פֿון הימל, אַ גרױסער שנײ, האָט ער די שטעגן פֿאַריאָגט, די װעגן פֿאַרשיט (,) און װעג און אפשר װאָכן װעט קײן אורח איבער דער שװעל ניט קומען.

ג) בײַם סוף פֿון אַ רעלאַטיװישן בײַזאַץ, למשל:

111) דער װאָס האָט די מאה (,) האָט די דעה.

112) די פֿראַגע װעלכע מיר באַטראַכטן (,) איז זײער אַ שװערע.

113) דאָס לעבן װאָס בליט (,) צעטראַמפּלט דאָס לעבן װאָס האַלט שױן בײַם סוף (יהואָש).

ד) בײַ אַ רעלאַטיװישן[1] בײַזאַץ װאָס הײבט זיך אָן מיט אַן אַדװערביאַלן פּראָנאָמען, למשל:

114) זאָג מיר (,) פֿאַרװאָס טוסטו דאָס.

115) איך װײס ניט (,) װען ער װעט קומען.

116) די צײַט (,) װען ער װעט קומען (,) איז ניט באַשטימט.[2]

117) דאָס לאַנד (,) װוהין איך גײ און קען אײַך מיטנעמען (,) איז אַ בליענדיקער גאָרטן (פּרץ).[2]

---

[1]) ס'איז אַ ספק, צי אַזאַ בײַזאַץ (זען די װײַטערדיקע בײַשפּילן 114—117) דאַרף אויך אָנגערופֿן װערן רעלאַטיװישער, כאָטש װען מיר זאָלן יאָ אָננעמען אַזאַ אײַנטײלונג, פֿאַרגרינגערן מיר אונדז די קלאַסיפֿיקאַציע פֿון בײַזאַצן: רעלאַטיװישע, קאָניונקציע־בײַזאַצן און אַסינדעטישע.

[2] אין די בײַשפּילן 116 און 117 איז מיגלעך צו באַנוצן נאָר די צװײטע קאָמע אויך ניט באַנוצנדיק די ערשטע.

ה) צווישן אַ סוביעקט און אַ פּרעדיקאַט, ווען זיי זײַנען פֿיל־ווערטערדיק, למשל:

118) דאָס אַרומלױפֿן הין און צוריק אָן שום נוצן (,) האָט מיך גאָר אינגאַנצן אויסגעמאַטערט.

ו) זייער אָפֿט איז די קאָמע בלויז פֿאַקולטאַטיוו בײַ B ט) און B י), למשל: אין די בײַשפּילן 41, 42, 45; זען אויך בײַשפּיל 50.

II. דאָס צווייפּינטל

A. אַלגעמיינער פּרינציפּ.

דאָס צווייפּינטל ווערט באַנוצט נאָר בײַ אַ כאַראַקטעריסטישער אינטאָנאַציע פֿאַר איבעררעכענונג און דערקלערונג און נאָר בײַ אַ בפֿירושער פּאַוזע. בײַ ספֿקות פֿאַרבײַטן דאָס צווייפּינטל מיט אַ טירע.

B. דאָס צווייפּינטל ווערט באַנוצט:

א) פֿאַר אַן איבעררעכענונג, וואָס קומט נאָך דעם פֿולדיקן וואָרט, למשל:

119) אַלץ פֿאַרמאָגט ער: געלט, שײַנקייט און געזונט.

120) דרײַ זאַכן וואַקסן אָן רעגן: פּראָצענט, דירה־געלט, מוידן (שפּריכוואָרט).

ב) פֿאַר אַן איבעררעכענונג, ווען עס איז אַפֿילו ניטאָ דאָס פֿולדיקע וואָרט, אָבער עס איז בולט די געהעריקע אינטאָנאַציע, למשל:

121) די קאָמע ווערט באַנוצט: בײַ אַ ווענדונג, בײַ זאַצווערטער, בײַ אַן אַפּאָזיציע אאַז״וו.

122) מיט אַ געפֿילדער זײַנען אַרײַנגעלאָפֿן: משה, חיים און לייבמשיק.

ג) פֿאַר דערקלערונגען און דערגאַנצונגען מיט די אַרײַנפֿיר־ווערטער: אַזוי, בזה האופֿן, אָט וואָס, דאָס ווײַטערדיקע, אויף אַזאַ שטייגער און ענלעכע, למשל:

123) זיי באַגריסן זיך אויף אַזאַ שטייגער: זיי לייגן צו אַ האַנט צום האַרצן, צו די אויגן, צום שטערן און פֿאַרבייגן זיך טיף.

124) מאָטל כאַפּט פֿיש אַזוי: טוט אויס דאָס העמד, פֿאַרקניפּט דעם אַרבל, גייט ביזן האַלדז אין וואַסער און נעמט אָן אַ פֿול העמד מיט גראָז און בלאָטע.

ד) פֿאַר דירעקטע רייד און ציטאַטן וואָס קומען נאָכן אַרײַנפֿיר־זאַץ, למשל:

125) גיי איך צו דעם פּאַפּאַ פֿרעגן: „פּאַפּאַ, איז שוין מאָרגן הײַנט?“ (ל. האָפֿמאַן).

126) אים ענטפֿערט אָפּ פֿון צווישן ווייץ און קאָרן אַן אַנדער מין פֿויגל עפּעס: „פּיק—בער—וויק! פּיק—בער—וויק!“ (ממו״ס).

127) מיר האָבן זיך פאַרטראַכט איבער דעם פּרצישן זאַץ: „טי קען מען טיסן, אַז עס דוכט זיך אַזויפיל?“

און ה) אויך טען דער אַריַינפיר־זאַץ איז בלויז אַ געמיינטער, למשל:

128) קוקט מיך אָן מיַין באָבע־לעבן מיטן מילדן אויגן־גלאַנץ: „איַינגערעגנט טעט דיר טערן, טאָכטערשי, דיַין חופה־קראַנץ“ (אולינאָטער).

C. דאָס צווייפינטל דאַרף ניט ווערן באַנוצט:

א) פאַר אַן איבעררעכענונג, טען עס איז ניטאָ קיין פּאַוזע, למשל:

129) די קאָמע טערט באַנוצט ביַי אַ טענדונג, ביַי זאַצטערטער, ביַי אַן אַפּאָזיציע אאַז״ט.

130) מיט אַ געפילדער זיַינען אַריַינגעלאָפן משה, חיים און לייבטשיק.

ב) פאַר דירעקטע רייד, ווען דער באַמערקזאַץ איז אין מיטן, למשל:

131) און דו זאָלסט אומבאַדיַינגט, האָט ער אַ הייזעריקער טיַיטער געטענהט, ניט פאַרגעסן צו באַצאָלן דעם אַלטן חוב.

132) גיי זיך דיַין טעג, הער איך, און גאָט טעט דיר שיקן אַ טרייסט.

ג) ביַי קעפּלעך און איבערשריפטן פון דעם שניט:

133) באַמערקונג. דער כלל גילט נאָר פאַר...

134) אויפגאַבע. געפינען די סוביעקטן און...

135) פאָרזיצער (חתימה).

ד) פאַרן נאָמען פון אַ טערק, ציַיטשריפט, פירמע, געזעלשאַפט, למשל:

136) מיר געפינען זיך אונטערן איַינדרוק פון בערגעלסאָנס ראָמאַן „נאָך אַלעמען“.

137) געקומען איז ער מיט דער שיף „מאַטריטאַניע“.

D. דאָס צווייפינטל איז פאַקולטאַטיוו:

א) ביַי דערקלערונגען אָן קאָניונקציעס און אַריַינפירטערטער, למשל:

138) איך האָב ניט געקאָנט טון די אַרבעט: איך בין קראַנק געטען.

139) גאָט איז אַ פאָטער: גיט ער ניט קיין מכה, שיקט ער צו אַ בלאָטער (שפּריכטאָרט).

140) שלאָף, גוטער מענטש, שלאָף: דאָ טעט דיר קיין בייז ניט געשען (פּרץ).

141) ביַי די סאַזשלקעס די בלויע הילכן קלעפּ: דאָס פּאַטשט אַ גרויע לעבן טאַסער אויס די טעש (ניַידוס).

(אין די אַלע פאַלן טאָלט מען דאָס צווייפינטל געקענט פאַרביַיטן מיט אַ טירע, אין אַנדערע פאַלן אויך מיט אַ קאָמע, און לעצטן ביַישפּיל אפשר מיט אַ קאָמע־פּינטל).

ב) פאַר קורצע דירעקטע רייד אָדער טען דירעקטע רייד (קורץ) איז אַריַינגעשלאָסן אין מיטן אַ זאַץ, למשל:

142) זאָג ניט (:) „האָץ!" ביז דו שפּרינגסט ניט אַריבער דעם קלאָץ.
143) זײַנע טערטער (:) „זײַט מיט מוחל!" האָט קיינער ניט דערהערט.
(אין די פֿאַלן קען מען אויסקומען אָן דעם צעפּינטל, ניט באַנוצנדיק אויך קיין אַנדער צייכן).

III. דער טירע

A. אַלגעמיינער פּרינציפּ.

די פֿונקציע פֿון דעם טירע איז עיקרשט אַ רעטאָרישע. בײַם אונטערשטרײַכן, בײַם בולטער מאַכן קען ער כמעט אומעטום פֿאַרבײַטן די קאָמע. דער טירע ווערט אָנגעווענדט גאַנץ פֿרײַ און סוביעקטיוו. ער קען זיך אײַנגעפֿינען הן אין מיטן זאַץ הן צווישן זאַצן. בײַם טירע מוז שטענדיק זײַן די טירע-אינטאָנאַציע און בײַ דער געהעריקער אינטאָנאַציע — דער טירע.

B. דער טירע ווערט באַנוצט:

א) נאָך אַן איבעררעכענונג פֿאַר דעם כּוללדיקן וואָרט[1], למשל:
144) געלט, שיינקייט און געזונט — אַלץ פֿאַרמאָגט ער (פֿאַרגלײַכן מיטן בײַשפּיל 119).
145) פּראָצענט, דירה-געלט, מידן — די דרײַ זאַכן וואַקסן אָן רעגן (פֿאַרגלײַכן מיטן בײַשפּיל 120).

ב) אויף אויסצודריקן די פֿלוצלונגדיקייט פֿון דער טוונג, אָדער געניטער און אַלגעמיינער — די אומדערוואַרטקייט פֿון דער פֿאַרבינדונג, למשל:
146) ער האָט זיך זייער געאײַלט צו פֿאָרן — און געבליבן זיצן אין שטוב.
147) ער האָט זיך זייער געאײַלט צו פֿאָרן און — געבליבן זיצן אין שטוב.
(דער אָרט פֿאַרן טירע אין די בײַשפּילן 146 און 147 מוז צונויפֿפֿאַלן מיט דער שטעל פֿון דער פּאַוזע).
148) אַ שפּרונג — און אַ פֿאַל.
149) דערזע איך, עס שוימט אויפֿן הימל אַרום אַ טײַסינקער וואָלקן פֿון טײַטן — אַ הייב און אַ שפּרונג און שרײַ זיך איך אויף אים (יהואָש).
150) דו זוכסט — און ווייסט ניט וואָס דו ווילסט.
151) אַ הון איז גוט צו עסן זאַלבעצווייט — איך און די הון.

ג) בײַ אַ דיאַלאָג, למשל:
152) — וו שטייסטו?
— אויפֿן גאַס.

---

1 אָן דעם כּוללדיקן וואָרט קען דאָ ניט געמאָלט זײַן די אינטאָנאַציע פֿון אַ טירע — און אפשר דוכט זיך עס מיר בלויז.

— וואָס טרינקסטו?

— עפּלקוואַס (פאָלקסליד).

153) זאָג, מאַראַן, דו ברודער מײַנער, וו איז גרייט דער סדר דײַנער?

— אין אַ טיפער הייל אַ חדר, דאָרט האָב איך געגרייט מײַן סדר

(אַ. רייזען).

ד) אין פּעריאָדן און אין לאַנגע זאַצן, דהײַנו:

154) און זאָל ווי ווײַט נאָך זײַן די צײַט פון ליבע און פון שלום, דאָך קומען וועט, צי פרי צי שפּעט, די צײַט — עס איז קיין חלום!

(אַ. רייזען).

155) אונדזער הערשעלע, וואָס האָט שוין געוווסט נעבעך דעם טעם פון נויט, וואָס דאָס יונגע בלוט זײַנס איז נאָך געווען זודיק־הייס, וואָס די דערקוועטשטע נשמה זײַנע, אַזוי פרי פאַר דער צײַט, האָט זיך ווי אַ געפאַנגען פייגעלע אין דעם שטײַגל געשלאָגן נעבעך, אַרויסרײַסן זיך פון דער קלעם אין דער פרײַער וועלט — ער, הערשעלע, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם ווינטשפינגערל מיט אַלע זײַנע געדאַנקען.

צווישן דער הייבונג און פאַלונג אין אַ פּעריאָד האָבן מיר ס׳רוב די קאָמבינאַציע קאָמע און טירע, —, למשל:

156) פאַר אײַך, מײַנע אָרעמע ברידער און שוועסטער, וואָס זײַנען צעזייט און צעשפּרייט אויף דער וועלט, וואָס קריכן און בלאָנדזשען אויף ווינטער וועגן, אין רעגן, אין שטורעם, אין היץ און אין קעלט; פאַר דיר, אָ דו אייביקער קרעכצער און זיפצער, פאַרשוואַרצטער, פאַרקלאָגטער, פאַרמאַטערטער ייִד, — טוט שאַלן און זינגען, הילכן און קלינגען מײַן פרישו[1], מײַן לעבעדיק, פריילעך[1] ליד (פרוג).

ה) בײַ אַן אַנאַקאָלוט[2], למשל:

157) זײַנע רייד — פון זיי קען מען ניט קלוג ווערן.

158) פון זײַנע רייד — זיי קענען ניט אויפקלערן.

ו) בײַם אויסגעפונענעם פּועל־יוצא (ווען עס פעלן די ווערטלעך: לכן, איז אַזוי, דעריבער, בכן אָדער אַנדערע) און בכלל אויף צו באַצייכענען אַ באַפרידיקנדיקן רעזולטאַט פון נאָכקלערן, למשל:

159) דו האָסט דאָך גרויסע הענט — דערשלאָג זיי; דו האָסט דאָך גרויסע פיס — צעטרעט זיי (לייוויק).

160) זײַן אָדער ניט־זײַן — דאָס איז די פראַגע.

---

1 אין טעקסט „פרישעס“ און „פריילעכעס“. מוז מען ציטירן מיט גראַמאַטישע גרייזן?

2 ד״ה ווען די ריכטיקע קאָנסטרוקציע פון זאַץ ווערט איבערגעריסן, ווען אין עצם פראָצעס פון רייזן ווערט אומגעזוצלעך געביטן די קאָנסטרוקציע פון זאַץ. אין דער גערעדטער שפּראַך שהיבלט מיט אַנאַקאָלוטן.

C. דער טירע איז פאַקולטאַטיוו:

א) ביי אַן עליפּסיס, למשל:

161) זונטאָג (—) בולבע, מאָנטאָג (—) בולבע, דינסטאָג און מיטוואָך (—) בול־בע (פאָלקסליד).

162) נעכטן (—) שניי און איצטער (—) וו־זשע? (נמדוס).

163) יגעתי ומצאָתי (—) גלייב.

164) די שמאַטעס אונדזערע (—) געצײלטע, די לעכער (—) אָן אַ צאָל (לייעיק).

ביי אַן אַנדער מין אַרויסרייִדן (אָן אַ בפירושן הייבן די שטים און אָן אַ גרעסערער פּאַוזע) קען מען די זאַצן פאַרצייכענען אין שריפט אויך אָן טי־רעס. קיין אַנדער צייכן דאַרף דאָ אויך ניט קומען.

ב) ביי אַן אַפּאָזיציע (אָנשטאָט דער קאָמע), למשל:

165) די זון — מען זעט זי קוים.

166) מען האָט געפירט מיך — כּלה — צו דער חופּה מיט מײַן פּריינט (אולינאָווער).

167) אין דעם ים האָר ליגט אַ טיספּע — אַ ברייטע, אַ פלײשיקע נאָז (ממו"ס).

דער טירע מאַכט די אַפּאָזיציע בולטער, שטרײַכט זי אונטער. ווען די אַפּאָזיציע איז אַ לאַנגע (זי איז יעמאָלט דאָס אייגענע וואָס אַ לענגערער אַגב־אורחא־זאַץ), קען מען אָן טירעס ניט אויסקומען, למשל:

168) איר טאַטע, בן־ציון צביהס — אַ גלעזער און דערבײַ טאַקע שוין אויך אַ שטיקל אַרכיטעקטאָר, ניט אַזאַ מײַסטער מיט דער האַק ווי אַ מבין — האָט געהאַט זײַן אייגענע שטוב, די דריטע פון הערשעלעס מאַטנס הויז (ממו"ס).

ג) ביי אַ באַמערקזאַץ (אָנשטאָט קאָמעס), למשל:

169) און ליפּן — פאַרשטייסטו — זײַנען דאָך גשמיות (פּרץ).

170) פאַר־דרײַ־יאָרן האָסטו אַנדערש גערעדט—מיר געדענקען עס גאַנץ גוט.

ד) ביי פאַרהעלטענישן פון קעגנשטעלונג, פון סיבה און פון פּועל־יוצא, למשל:

171) דאָס קלייד איז שיין — ווי זעט אָבער אויס די ספּאָדניצע?

172) הינט בילן — מחותּנים פאָרן.

173) שלאָף, גוטער מענטש, שלאָף — דאָ וועט דיר קיין בייז ניט געשען (פּרץ).

פאַרגלײַכן די בײַשפּילן 173 און 140. אויך אין די בײַשפּילן 138 און 139 קען מען פאַרבײַטן דעם צווייפּינטל מיט אַ טירע.

ה) ביי דירעקטע רייד (אָנשטאָט פּיסלעך), למשל:

174) אַז מען זאָגט — פינגערל, פינגערל! איך ווינטש דאָס, איך ווינטש יענץ — האָט מען דאָס וואָס מען ווינטשט גאָר אָן מי (ממו"ס).

ו) בײַם איבעררײַסן אונדזערע רייד (אָנשטאָט אַ דרײַפּינטל), למשל:

175) און העלדזער ווערן שטום, און אויב ניט שטום, איז — אויפגעשניטן (לײַוויק).

176) פינצטער — קיין אויסוועג ניט צו זען — וואָס טוט מען וואָס?

177) „אַז מען ליגט ניט אַרײַן טאַקע" — ניטאָ וואָס צו עסן!

ז) צווישן סוביעקט און פּרעדיקאַט (בײַ דער געהעריקער אינטאָנאַציע פאַרשטייט זיך), למשל:

178) ער (—) איז דאָך ער און זי איז נאָר אַ זי (ממו"ס).

179)[1] יענע (—) שיטן זילבער־ריימען, די (—) פאַררײכטן אַלטע היימען (נײַדוס).

די איבערגערעכנטע פאַלן שעפּן ניט אויס אַלע מיגלעכקייטן, ווען דער טירע איז פאַקולטאַטיו. זיי דײַטן נאָר אָן די סאַמע כאַראַקטעריסטישע פאַלן. ווײַל אײגנטלעך איז דער טירע כּמעט שטענדיק מיגלעך און דערלאָזלעך, ווען דער וואָס שרײַבט וויל עפּעס אונטערשטרײַכן, וויל אַרויסווײַזן אַן אײגנאַרטיקע רעטאָרישע פיגור. אויף וויפל מען קען זיך פרײַ באַגיין מיטן טירע זאָלן ווײַזן אָט די בײַשפּילן:

180) איך — איך פאָר (ממו"ס).

181) וועלט האָט דענסטמאָל פאַר הערשעלען געהייסן — יידן (ממו"ס).

182) אַ סימן — אָט נעמט ער באַלד טאַקע אַ פלעשל משקה ווי געהעריק איז (ממו"ס).

183) זײַנע אויגן — צוגעמאַכט, אײנע — טרויערט, אײנע — לאַכט (לײַוויק).

בכן איז איבעריק צו האַלטן פאַר אַ גרײַז, ווען מען זעט ערגעץ אַ טירע — אויב מען קען נאָר דעם טירע ווי ניט איז אַדורכלייענען. ס'איז אויך ניט קיין גרײַז, ווען על פּי אונדזער סוביעקטיוון באַנעם וואָלט אין אַ געוויסער שטעל געזאָלט זײַן אַ טירע, און דער טירע איז דאָרטן ניטאָ.

IV. דאָס קאָמע־פּינטל

דאָס קאָמע־פּינטל ווערט באַנוצט:

א) אין אַ זאַץ־סכום, למשל:

184) ניט־גלויביק איז דער וואָס וויל ניט גלייבן, אפילו בעת מען ברענגט אים געגוג ראַיות און באַווײַזן; לײַכטגלויביק — ווער עס איז גוטה

---

1 אין דעם זאַץ האָבן מיר בלויז אַ טײלווײַזע טירע־אינטאָנאַציע, איז דעריבער גלײַכער זיך צו באַגיין דאָ אָן שום צייכן.

צו גלײבן אָן שום שכלדיקע מאָטיװן; גלױבעכצדיקו[1] — טער עס האַלט פאַר טאָר אַזױנס, טאָס קען ניט זײַן טאָר.

185) טי אַ יחסן אַ באַטוסטער, אַ געזעצטער און אַ יוסטער, גײט דער שטאָרך פעלד־אױס פעלד־אײַן; שפּרײַזט זיך שטאָלץ, רוט אָפּ צו ביסלעך און די יחוסדיקע פיסלעך שטעלט מיושבדיק און פײַן (נײַדוס).

ב) אין אַ זאַץ־באַהעפט צװישן סובקאָאָרדינירטע זאַצן, למשל:

186) די קינדער האָבן אַלע געפּסקנט, אַז דער בעסטער יום־טוב איז דאָך שבועות, טײַל די טעג זײַנען לאַנגע, פרײדיקע, טעג טאָס באָדן זיך אין זון און אין גלאַנץ; טײַל די צוגרײטונגען צום יום־טוב זײַנען ניט שטער, נאָר פאַרקערט פאַרבונדן מיט גײן נאָך גרינס, מיטן אױסצירן מיט גרינס די שטוב; טײַל די שבועותדיקע אכילות זײַנען ניט די געטײנלעכע שטערע יום־טובדיקע עסנס און — טײַל ס'איז גראָד געטען ערב שבועות.

ג) אין אַ פעריאָד צװישן די באַזונדערע גלידער, למשל:

187) כאָטש אין דרױסן איז נאָך געטען גענוג קאַלט און אױף די פעלדער איז נאָך געלעגן דער ברודנער שנײ; כאָטש די זון פלעגט זיך גאָר זעלטן אַ טײַז טון און בלױז אױף אַ רגע, טי זי טאָלט זיך פּרוטן, צי עס לױנט איר שױן צו קוקן אױף דער האַלב־טינטערדיקער ערד; כאָטש מענטשן זײַנען געטען נאָך פאַרדאגהט מכּוח האָלץ און נאָך מער מכּוח די גרױסע הוצאָות צו פּסח, — האָט מען דאָך שױן געקענט אַרױספילן דעם פרילינג, אַרױספילן אים אַפילו אין דעם שנײ, אין דער קאַרגער זון און אין די פּנימער פון די מענטשן.

(צװישן דער הײבונג און פאַלונג פון פעריאָד קען ניט קומען קײן קאָמע־פּינטל).

V. די פיסלעך[2]

די פיסלעך װערן באַנוצט:

א) אױף אונטערצושטרײַכן אַ טאָרט, למשל:

188) דער טערמין „פיסלעך" טאָלט זײַן פּאַסיקער אײדער „גענדזנפיסלעך".

189) ער קטעטשט אַזױ דעם „מישטײַנס געזאָגט", טאָס ער חזרט איבער כּמעט נאָך איטלעכן טאָרט.

---

1 אבערגלױביש — בלע"ז, גלױבעכץ = אבערגלױבן.

2 פרײנד י. פאַבריקאַנט (ריגע) לײגט פאָר דעם נאָמען העקעלעך.

ב) בײַ אַ װאָרט אָדער בײַ אַ גרופּע װערטער, װאָס װערן באַנוצט נ י ט מ י ט ד ע ם ג ע װ י י נ ל ע כ ן ב אַ ט י ַ ט, למשל:

190) דער „ער" איז אַװעקגעפֿלױגן און די „זי" איז פֿאַרבליבן אין נעסט (אין דעם זאַץ איז זײער באַקװעם אױסצוקומען אױך אָן פּיסלעך).

191) דאָס שװאַכסטע גרעזל שפּאַלט זײַן „אונטער־דער־ערד" און גלאָצט (פּרץ).

192) אין דער מדינה „װונדערלאַנד", אין „גלױבשטאָט" דער רעזידענץ... (פּרץ).

ג) בײַ מ אָ ד נ ע װערטער, בײַ צעקאַלעטשעטע װערטער, בײַ באַרבאַריזמען, למשל:

193) הײסט עס „נעפּרעמענאָ" אױף פּסח? (ש"ע).

194) שרײַ װידער די „ציציליסטן"!

ד) בײַ נ ע מ ע ן פֿון װערק, צײַטשריפֿטן, געזעלשאַפֿטן, פֿירמעס, שיפֿן און ענלעכע, למשל:

195) די באָבע דערצײלט מעשיות פֿון „מנורת המאור".

זען אױך די בײַשפּילן 136 און 137.

ה) בײַ ד י ר ע ק ט ע ר ר י י ד און צ י ט אַ ט ן.

זען די בײַשפּילן 125, 126, 127, 128, 142, 143, 177.

פּיסלעך זײַנען ב ט ב ע פ אַ ק ו ל ט אַ ט י װ. אָנשטאָט פּיסלעך קען מען דאָס װאָרט אַנדערש אַרױסהײבן. אין שרײַבן אונטערשטרײַכן, גרעסער אָדער אַנדערש אָנשרײַבן; בײַם דרוקן — אױסזעצן מיט אַן אַנדער שריפֿט. פּיסלעך דריקן ניט אױס קײן ספּעציעלע רעטאָרישע פֿיגור.

מען דאַרף רעפֿאָרמירן און אײַנשטעלן די גראַפֿיק פֿון די פּיסלעך. זען װעגן דעם אין אַרײַנפֿיר.

VI. די איבעריקע אָפּשטעלצײכנס

בײַ אַ פּ י נ ט ל פֿאַלט צונױף דער רעטאָרישער פּרינציפּ מיטן גראַמאַטישן. קײן כּללים װעגן באַנוצן דאָס פּינטל באַדאַרף מען ניט. דאָס פּינטל צו פֿאַרקירצן, בײַ צאָלן, אין אַנדערע פֿאַלן — דאָס אַלץ געהערט ניט צו אָפּשטעלצײכנס.

אַ ד ר י ַ פּ י נ ט ל איז דער געװײנלעכער צײכן בײַם איבעררײַסן אונדזערע רײד, מעג דער איבעררײַס קומען מצד דעם רײדנדיקן אָדער מצד זײַטיקע סיבות.

דער פ ר ע ג צ י י כ ן קען ניט קומען נאָך דער אומדירעקטער פֿראַגע. אין אַ צונױפֿגעזעצטן זאַץ איז גלײַכער איבערצוחזרן דעם פֿרעגצײכן נאָך איטלעכן גליד, למשל:

196) װי קום איך צו זינגען? פֿון װאַנעט, מײַן קינד?

197) צי יאָגט מען אים ניט ווי אַ נביא? צי וואַרפט מען אים ניט נאָך קיין שטיינער ווי אַ נביא? צי לייכטן אים ניט די אויגן ווי שטערן?

דער אויסרופצייכן קען אויך קומען אין מיטן זאַץ. ס'איז אויך גלייכער איבערצוחזרן דעם אויסרופצייכן נאָך יעדערן גליד אין דעם צונויפגעזעצטן זאַץ, למשל:

198) היי, חיימקע! קום אַקאָרשט אַהער.

199) נעמט זיך, קינדער! פאַר די הענטלעך.

200) וואָלט איך געלאַכט! וואָלט איך געזונגען!

פיסלעך קומען נאָך דעם פרעג- און אויסרופצייכן, אויב אין פיסלעך איז דער פרעג- אָדער אויסרופזאַץ. זיי קומען אָבער פאַר די צייכנס, אויב דער פרעג- אָדער אויסרופזאַץ איז ניט אין פיסלעך, למשל:

201) שרייט: „דער פרילינג איז געבאָרן!"

202) ווי שטאַרק עס איז דער איינדרוק פון „נאָך אַלעמען"!

203) אין וואַלד האָט זיך נאָך געהערט דער צעצויגענער „וו ביסטו?"

204) איר האָט געליינט דעם ראָמאַן „נאָך אַלעמען"?

*

איך מוז נאָך אָנווייזן, אַז די ביישפּילן זיינען זייער כאַאָטיש: אָדער אַליין צוגעטראַכטע, אָדער אויף אויסטייניק ציטירטע (עס קען אפשר געמאָלט זיין אַ ניט-פּינקטלעך ציטירן). איך האָב זיך דערלויבט אַזונס, ווייל סיי ווי איז דאָ ניט שייך זיך האַלטן ביי די אָפּשטעל-צייכנס פון דער ציטאַטע. פון די ביישפּילן, וואָס איך האָב גענומען, האָב איך דאָך קיין זאַך ניט געקענט אָפּלערנען; זיי זיינען נאָר אַן אילוסטראַציע.

איך מוז זיך כסדר פאַררופן אויף דער אינטאָנאַציע, דעם ultima ratio פון דער סיסטעם וואָס ווערט דאָ פאָרגעלייגט. אָבער גענוי שילדערן, באַשרייבן און אַנאַליזירן די פאַרשיידנסטע מינים אינטאָנאַציע האָב איך בשום אופן ניט געקענט. דאָס איז אָבער אויך אין תּוך ניט נייטיק. אין אַלגעמיינע שטריכן איז פאַר יעדן קלאָר דער גרונט-חילוק צווישן אַ קאָמע-אינטאָנאַציע און צווישן אַ צוויי-פּינטל-אינטאָנאַציע אָדער צווישן דער לעצטער און אַ טירע-אינטאָנאַציע. די דאָזיקע אַלגעמיינע פאָרשטעלונג איז גענוג אויף צו באַזירן אויף איר כּללים פאַר אָפּשטעלצייכנס.

צושריפט.

ביים אַרבעטן איבער דער פאָרגעלייגטער סיסטעם אָפּשטעלצייכנס אין מאַי—יוני 1929 האָב איך נאָך ניט געהאַט געזען די גרויסע, זיך ברייט פאַרמעסטנדיקע אַרבעט וועגן אָפּשטעלצייכנס, וואָס אַ. זאַרעצקי האָט אָנגעהויבן דרוקן אין דעם זשורנאַל „די יידישע שפּראַך" (נומ' 11 — 12 און 13). ערשט אין יוני 1930, ביים רעמאָנטירן מיין אַרטיקל, האָב איך זיך באַקענט מיט

זאַרעצקיס אַרבעט, און דעריבער האָב איך אַזוי טינציק זי אויסגענוצט. ס'איז שטער בכלל צו „נעמען אַ שטעלונג" צו איר, טייל זי איז אָפּגעדרוקט נאָך ניט אין גאַנצן. מיר דוכט זיך אָבער, אַז אַ. זאַרעצקי מאַכט אומזיסט אַזוי שטער דעם ענין, אַז מען קען ניט אַרויסגיין פון אַ געטיסער סיסטעם אין סינטאַקסיס בײַם אײַנשטעלן אונדזערע אָפּשטעלצייכנס. מיר האָבן ניט אַזאַ אַל-געמיין-אָנגענומענע סיסטעם. אַפילו אַ. זאַרעצקיס סיסטעם איז נאָך אין פּראָצעס פון טערן (טען מען זאָל פאַרגלײַכן בײדע אויסגאַבעס פון זײַן גראַמאַטיק). אויפשטעלן אַ רײ סינטאַקטישע פאָרמעס און שפּעטער פּאַר זײ די געהעריקע אָפּשטעלצייכנס — אָט דער טעג איז לכתחילה אַ פאַרפלאָנטערטער, אַ גע-פערלעכער. פיל גרינגער טעט זײַן צו לעבן דעם ,טאָס שרײַבט יידיש, אויב אונדזערע אָפּשטעלצייכנס טעלן זיך באַזירן אויף רעטאָריק, ניט אויף גראַמאַ-טיק, און אויב זײ טעלן געבן אַ סך אַטטאָנאָמיע דעם שרײַבער.

די אינטערפּונקציע אין דײַטש, ענגליש, פּויליש און פראַנצויזיש[1]

פון ט. גוטמאַן (בריסל)

בײַשטראָך

1) טיילט אָפּ קאָאָרדינירטע זאַצטיילן (פראַנצויזיש און ענגליש אויך אַדווערביאַלע באַשטימונגען). אויב צוויי זאַצטיילן זײַנען פאַרבונדן דורך און, שטייט ניט קיין בײַשטראָך. אויב ס'זײַנען פאַראַן מער ווי צוויי זאַצטיילן, און די לעצטע צוויי זײַנען פאַרבונדן דורך און, שטייט פאַר און אַ בײַשטראָך נאָר אויף פראַנצויזיש און ענגליש.

2) לענגערע אַפּאָזיציעס און טיטלען וואָס שטייען נאָכן וואָרט צו וועלכן זיי געהערן, ווערן אָפּגעטיילט דורך אַ בײַשטראָך.

3) אַ בײַשטראָך טיילט אָפּ קאָאָרדינירטע זאַצן אָן קאָנױונקציעס, אין אַלע שפּראַכן:

Schönheit vergeht, Tugend besteht.

אויב די זאַצן זײַנען יאָ פאַרבונדן דורך קאָניונקציעס, שטייט אויף דײַטש און פּויליש אַ בײַשטראָך נאָר בײַ פולשטענדיקע זאַצן, אָבער:

Kolumbus vermutete jenseit des Atlantischen Ozeans Indien und steuerte mutig drauf los.

אויף פראַנצויזיש און ענגליש גייט ניט וועגן פולשטענדיקייט; דאָ

---

[1] דעם דאָזיקן איבערבליק האָט ט. גוטמאַן אויסגעאַרבעט אין דער צווייטער העלפט 1925 לויט דער בקשה פון דער פילסעקציע (זע ידיעות פון ייוואָ נומ' 3, נאָוועמבער 6, 1925). די רעדאַקציע פונעם זאמלבוך רעכנט, אַז אַזאַ מין צונויפשטעלונג וועט געבן די מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן אין דער פראַגע וועגן עווענטועלע רעפאָרמען אין דער סיסטעם אָפּשטעלצייכנס פאַר יידיש.

אין דעם אַרטיקל גופא איז אָנגעווענדט די ענגליש-פראַנצויזישע אינטערפּונקציע.

איצטער ביים אָפּדרוקן די אַרבעט האָט דער מחבר ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט די איבערצוקוקן.

שטייט דער בײַשטראָך אויב נאָך דער קאָניונקציע ווערט געזאָגט גאָר עפּעס בײַס, אַ געגנזאַץ אד"גל:

You may go, but I shell remain here.

דעריבער וואָלט אויך אין דײַטשן בײַשפּיל (קאָלומבוס) לויטן ענגלישן כּלל געדאַרפט שטיין אַ בײַשטראָך.

4) אַדווערביאַלע באַשטימונגען.[1]

א. אַבסאָלוטע. אַלעמאָל אָפּגעטיילט דורכן בײַשטראָך:

Wszystko to jest bajką, mówiąc między nami.

To tell the truth, I regret it.

ב. פאַרבונדענע. אויף דײַטש קיינמאָל ניט אָפּגעטיילט דורך קיין בײַשטראָך, אויף פּויליש אין געוויסע פאַלן, ווען באַהאַנדלט ווי אַ פאַרקירצ-טער זאַץ (זע אונטער 5 א). אויף ענגליש און פראַנצויזיש שטייט אַ בײַשטראָך ווען די אַדווערביאַלע באַשטימונג שטייט אין אָנהייב זאַץ אָדער ניט אויפן גע-וויינלעכן אָרט:

Upwards, the sparks flew.

When he arrives, we shall be there.

אָבער: .We shall be there when he arrives

אַחוץ דעם טיילט מען אָפּ — אויף פראַנצויזיש און ענגליש — אַדווערבן און אַדווערביאַלע באַשטימונגען וואָס מען קאָן דורכלאָזן, דער טײַטש זאָל זיך ניט ענדערן (ענגליש however, therefore, פראַנצויזיש donc אד"גל).

5) בײַזאַצן.

א. אויף דײַטש און פּויליש אַלעמאָל אָפּגעטיילט דורך בײַשטראָכן. אויף פּויליש ווערן אָפּט אַדווערביאַלע באַשטימונגען באַהאַנדלט ווי פאַרקירצטע בײַ-זאַצן, דעריבער איז דער בײַשטראָך פאַקולטאַטיוו אין אַזעלכע זאַצן ווי:

Człowiek [,] myślący [,] postępuje poważnie.

Prelegent [,] gestykulując [,] zapomniał o temacie przemówienia.

ב. אויף ענגליש און פראַנצויזיש זײַנען אויף בײַזאַצן חל אין אַלגע-מיין די אייגענע כּללים וואָס אויף אַדווערביאַלע באַשטימונגען, למשל:

We ran when we heard the report.

When we heard the report, we ran.

בײַ בײַזאַצן וואָס גייען נאָכן הויפּט-זאַץ, שטייט דער בײַשטראָך אויב די זאַצן זײַנען לויטן זינען ענג פאַרבונדן מיטן הויפּט-זאַץ. דעריבער שטייט

---

[1] די כּללים אונטער 4 און 5 פאַר פראַנצויזיש און ענגליש, מחמת זיי שטיצן זיך אויף לאָגישע קאַטעגאָריעס, זײַנען ניט קיין גאַנץ פעסטע. אַזוי ווי די ווערטשטעלונג איז פראַנצויזיש פעסטער פאַר ענגליש, איז אויף ענגליש דער בײַשטראָך זעלטענער.

ער פאַר que, that פון אויסזאָג=זאַצן, אָבער ניט פון דרינג=זאַצן אאַז"וו. פּאַרגל׳:

It ranied last night, because the ground is wet this morning.

אָבער:

The ground is wet this morning because it ranied last night.

ג. רעלאַטיוו=זאַצן. אויף פראַנצויזיש און ענגליש שטייט אַ ביי=שטראָך פאַרן רעלאַטיוו=זאַץ נאָר דעמאָלט ווען דער רעלאַטיוו=זאַץ איז אַ דערקלערנדיקער[1], ד"ה אויב מען קאָן אים דורכלאָזן, אָפּשיידן דורך קלאַמערן אָדער איבערבייטן אויף אַ הויפּט=זאַץ, ניט ענדערנדיק לחלוטין דעם טייטש פון דעם גאַנצן זאַץ. אויב דער רעלאַטיוו=זאַץ איז אַ באַשטימענ=דיקער[2], ד"ה אויב ער פּרעציזירט דעם פּשט פון וואָרט, און דורכלאָזנדיק אים קומט אַרויס גאָר אַן אַנדער באַטייט, שטייט ניט קיין ביישטראָך פאַרן רעלאַטיוון פּראָנאָמען. למשל:

Water, which is composed of two gases, is a liquid.

Water that is stagnant is not healthful.

נאָך אַ באַשטימענדיקן רעלאַטיוון זאַץ שטייט דער ביישטראָך אויף פראַנצויזיש אין אַלע פאַלן:

Les enfants qui traitent les animaux avec cruauté, deviennent des hommes méchants.

אויף ענגליש דאָס רוב נאָר אויב דער זאַץ ענדיקט זיך מיט אַ צייטוואָרט:

The land that Penn settled, was called Pennsylvania.

6) אַריינגערוקטע זאַצן, דאָס רוב ביי דירעקטע רייד, ווערן אָפּגעטיילט דורך ביישטראָכן. אויף ענגליש שטייט אָפט אַ ביישטראָך נאָך די אַריינפיר=ווערטער פון די דירעקטע רייד:

He replied, “Goods were shipped yesterday”.

7) אויף ענגליש און פראַנצויזיש שטייט דער ביישטראָך אָנשטאָט אַ דורכגעלאָזענעם צייטוואָרט (אָבער אָבליגאַטאָריש איז ער נאָר ביי לענגערע זאַצן):

Le juge court à son tribunal; le médecin, à ses malades.

8) פּערזאָנען צו וועלכע מען ווענדט זיך, אינטעריעק=ציעס און ווערטער וואָס געהערן אייגנטלעך ניט צום זאַץ גופא, ווערן אָפּגעטיילט דורך ביישטראָכן. אַזוי אויך ביי פּלעאָנאַזמען, למשל:

Mes pauvres oliviers, tu penses que je n'y renonce pas!

Thy rod and thy staff, they comfort me.

---

1 ענגליש: non-restrictive.

2 ענגליש: restrictive.

גענדזנפיסלעך

ענגליש " ", דײַטש—פויליש „ ", פראַנצויזיש « ».

1) אין אַלע 4 שפּראַכן בײַ ציטאַטן און בײַ רייד וואָס מען גיט איבער וואָרט בײַ וואָרט (פּאַקטיש אויף פויליש און פראַנצויזיש אָפט דורכגעלאָזן און פאַרביטן דורך אַ טירע).

2) אַ ציטאַט אין אַ ציטאַט ווערט אויף ענגליש אײַנגעשלאָסן אין אײַנפאַכע גענדזנפיסלעך (' '), אויף פויליש פירפאַכע (" „ „).

3) ווען אַ וואָרט אָדער אַ גרופּע ווערטער ווערט גענוצט מיט אַ ספּעציעלן פשט, אָדער ווען עס זאָל צוציען דעם לייענערס אויפמערקזאַמקייט, שטייען גענדזנפיסלעך אין אַלע שפּראַכן.

4) אַ פרעג= אָדער אויסרופצייכן שטייט פאַר די סוף=גענדזנפיסלעך אויב עס געהער צו די ציטירטע ווערטער, אַניט שטייט עס הינטער זיי. אויב ס'גע= הער צו ביידע שטייט עס אויף ענגליש אויך הינטער די גענדזנפיסלעך, למשל:

Did the teacher ask, "Have you studied your lesson"?

טאָפּלפּונקט

1) אין אַלע שפּראַכן פאַר אויסרעכענונגען.

2) פאַר דירעקטע רייד און ציטאַטן. אויף ענגליש שטייט אָבער אין דעם פאַל אַ בײַשטראָך אויב מען הייבט ניט אָן די רייד פון קיין נײַער שורה און דער אַרײַנפיר=זאַץ איז ניט קיין פולשטענדיקער זאַץ. למשל:

He replied saying, "Goods were shipped yesterday".

3) אין אַלע שפּראַכן (אַחוץ ענגליש?), בכדי אויסצודריקן, אַז אַ זאַץ (אַמאָל אַ וואָרט) איז אַ פּועל=יוצא אָדער אַן אויסטײַטשונג פון פריערדיקן, בפרט אַז מען קומט צו אַן אויספיר צום סוף פון אַ פעריאָד.

טירע

1) אויף פראַנצויזיש נאָר בכדי אָפּצושיידן די רייד פון צוויי מענטשן (ווײַל די גענדזנפיסלעך ווערן דאָס רוב ניט גענוצט).

אין די אַנדערע שפּראַכן:

2) בכדי אויסצודריקן אַז ווערטער זײַנען דורכגעלאָזן גע= וואָרן (אויף ענגליש אויך אותיות: —Mr. B).

3) אַז אַ זאַץ ווערט איבערגעריסן (אַנאַקאָלוט) אָדער אויב עס גייט עפּעס אומגעריכטס (דײַטש, פויליש).

4) אָפּצושנײַדן אַרײַנגערוקטע ווערטער אָדער זאַצן.

5) אויף דײַטש: אָנצוווײַזן די פּויזעס וואָס עס מאַכט דער וואָס

רעדט, אָדער צו ווײַזן אַז אייגנטלעך וואָלט ווײַטער געדאַרפט גיין פון אַ בײַער שורה.

6) אויף פּויליש, בכדי אויסצומײַדן מיספאַרשטייענישן:

Wtenczas niejeden z ludzi—smutnych doznawał wypadków.

סעמיקאָלאָן (בײַשטראָך־פּונקט)

1) דער בײַשטראָך־פּונקט טיילט אָפּ איינציקע זאַצן פון אַ זאַץ־פאַרבינדונג אויב דער ביישטראָך איז שוין גענוצט געוואָרן און זיי זײַנען צונויפגעבונדן לויטן זינען אָדער אויב די קאָניונקציע איז דורכגעלאָזן געוואָרן (די באַשטעלונג האָבן מיר הײַנט באַקומען; די סחורה וועלן מיר אַרויסשיקן מאָרגן) אָדער בכלל דאָרט ווו דער פּונקט זאָגט זיך אונדז צו שטאַרק און דער בײַשטראָך צו שוואַך.

2) אָפּצוטיילן זאַצטיילן אויב דער בײַשטראָך איז שוין גענוצט געוואָרן.

3) אויף דײַטש ווערט פאַר און און טאָפּעלע קאָניונקציעס דערנידע־ריקט דער צייכן אויף איין גראַד, דעריבער ווערט דער סעמיקאָלאָן פאַרביטן דורך אַ בײַשטראָך.

4) אויף ענגליש שטייט אין אַ לענגערן זאַץ אַ בײַשטראָך־פּונקט פאַר אַניט, אויך, דעריבער, און אויך אָפט פאַר אַ דהיינו, למשל; הינטער די דאָזיקע ווערטער שטייט געמאָלט אַ בײַשטראָך.

We did not hear from him; therefore, we shall not go.

פּונקט

אין אַלע שפּראַכן:

1) נאָך אַן איינפאַכן אָדער צונויפגעזעצטן זאַץ מיט וועלכן ס'שליסט זיך אַ געדאַנק.

2) נאָך אַ פאַרקירצטן זאַץ: אין לאַקאָנישע ענטפערס.

3) הינטער קעפּלעך, אַדרעסן, אונטערשריפטן.

4) הינטער פאַרקירצונגען און אַראַבישע ציפערן בײַ נומעראַציעס.

פּילפּונקט

טרעפט זיך נאָר אויף פּויליש און אויף פראַנצויזיש. דער צייכן דריקט אויס, אַז מען האָט אָנגעוואָרן די קאָנסטרוקציע פון אַ זאַץ אָדער פון זאַצן (אַנאַקאָלוט). אין די אַנדערע שפּראַכן שטייט אָנשטאָט דעם דער טירע.

פרעגצייכן

אין אַלע שפּראַכן:

1) **נאָך אַ דירעקטער פראַגע**; אַלץ איינס צי דער דירעקטער גאַנצער זאַץ ענדיקט זיך דערמיט אָדער צי עס גייט דערנאָך אַ אינטערזאַץ.

2) **נאָך איינציקע פרעגווערטער**, אַלץ איינס צי עס איז אַ פאַרקירצטער זאַץ אָדער עס ווערט ציטירט אינמיטן זאַץ (פאַרוואָס? — מיט „פאַרוואָס?” פרעגט מען אויף דער סיבה).

3) **אין אַ צונויפגעזעצטן פרעגזאַץ** שטייט אויף ענגליש דאָס רוב אַ פרעגצייכן הינטער יעדן טייל:

Was the man hurt? or did he escape?

אין די אַנדערע שפּראַכן (פראַנצויזיש) ווערט אַ פרעגצייכן אינמיטן זאַץ אויסגעמיטן.

קלאַמערן

ווערן גענוצט בכדי אָפּצוטיילן ווערטער אָדער זאַצן (אויף ענגליש נאָר ווערטער, אויף פראַנצויזיש נאָר זאַצן?) וואָס האָבן ניט קיין דירעקטן שייכות צום אייגנטלעכן זאַץ.

אויסרופצייכן

1) נאָך זאַצן און טיילן פון זאַצן וועלכע בילדן אַן **אויסרוף** אָדער ווערן אַרויסגערעדט אין **אַפעקט**.

2) נאָך **אינטעריעקציעס** (אויף ענגליש טאָר אַן אויסרופצייכן ניט שטיין נאָך אַן o, הגם נאָך oh איז עס ערלויבט).

3) אויף פויליש דאַרף אַן אויסרופצייכן אויסגעמיטן ווערן **אינמיטן זאַץ**.

4) אויף דייטש איז אַן אויסרופצייכן נאָך אַ **וואָקאַטיוו** עפּטער ווי אין אַנדערע שפּראַכן הגם אויך דאָ בייט עס זיך מיטן בײַשטראָך.

צילן און וועגן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

1. דער גייסטיקער אויפשטייג פון די יידישע פאָלקסמאַסן אין אַלע לענדער פון קאָמפּאַקטן יידישן ישוב האָט באַשאַפן נײַע קולטורעלע באַדערפענישן, וואָס אויף צו באַפרידיקן זיי זײַנען נייטיק נײַע מעטאָדעס און נײַע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט קומט צו דינען די יידישע מאַסן אין דעם קאַמף פאַר זייער קולטורעלער עמאַנסיפאַציע. ער קוקט אַרויס אויף דער טעטיקער אונטערשטיצונג פון אַלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס ווילן מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור.

2. דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט דאַרף זיין: (א) דער צענטער פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין יידיש, און אין דער ערשטער ריי — די צענטראַלע אינסטאַנץ פאַר דער פאָרשונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור; (ב) דאָס אָרט, ווו עס בילדן זיך אויס נײַע אַרבעטער אויפן פעלד פון יידישער וויסנשאַפט און קולטור; (ג) דער צענטראַלער רעגיסטריר־פונקט פאַר דעם יידישן קולטורלעבן אין אַלע עקן וועלט.

3. דער אינסטיטוט באַשטייט פון 4 סעקציעס: פילאָלאָגישע, היסטאָרישע, עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע, פּעדאַגאָגישע. חוץ דעם פאַרמאָגט ער אַ ביבליאָגראַפישע צענטראַלע, אַן אַרכיוו, אַ ביבליאָטעק און אַ מוזיי.

4. דער אינסטיטוט (א) גיט אַרויס זאַמלביכער („שריפטן") און איינצלנע ווערק פון וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער; (ב) קלײַבט און סיסטעמאַטיזירט וויסנשאַפטלעכע מאַטעריאַלן; (ג) שאַפט אַ צוגרייט־אַנשטאַלט פאַר יונגע וויסנשאַפטלער אין די אַרבעטצווײַגן פון אינסטיטוט, פאַר קומענדיקע לערער פון די יידישע מיטלשולן און סעמינאַרן אאַז"וו; (ד) פאַרבינדט צווישן זיך די פאָרשער, וואָס אַרבעטן אין יידיש וועגן אַלע צווײַגן פון וויסנשאַפט אָדער אין אַנדערע שפּראַכן וועגן יידיש, אינפאָרמירט זיי וועגן וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וואָס זײַנען אין גאַנג, אָרגאַניזירט אַ קעגנזײַטיקע אויסהילף; (ה) זאַמלט און פאַרשפּרייט אינפאָרמאַציעס וועגן דעם צושטאַנד און די אויפטוען פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג אין אַלע לענדער.

אַדרעסן:

Żydowski Instytut Naukowy, W. Pohulanka 18, Wilno.

אין דײַטשלאַנד:

Auslandszentrale des Jiddischen wissenschaftlichen Instituts,
Spichernstr. 8, Berlin W. 50,

אָדער:

E. Tscherikower, Berlinerstr. 8, Berlin-Wilmersdorf.

אין אַמעריקע:

Society "Friends of the Yiddish Scientific Institute", 1133 Broadway,
room 432, New York City.